STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04122

BRIEF FUN AN UNTERDRIKTEN SHRAYBER

Jacob Schwartz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

LETTERS OF A Suppressed Writer BY J. SCHWARTZ

בריעף

פון אַן

אונטערדריקטען שרייבער

פון

י. שוואַרץ.

J. SCHWARTZ, PUBLISHER.

Copyright, 1913
By J. SCHWARTZ
Publisher

פאָרוואָרט

ביי דער יעצטיגער צייט, ווען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען ווערען אזוי שנעל פערגעסען און בעלאנגען שוין דעם צווייטען טאָג צו דער געשיכטע, איז נויטיג, גלויב איך, בעפאָר איך געה איבער צו מיין נאטירליכער שפּראך—דאָס הייסט צו דער אייגענטליכער ערקלעהרונג ווארום דיזער בוך ווערט ארויסגעגעבען, צו עראינערן דעם לעזער (אין עטליכע איינפאכע ווערטער) אָן אַ קליינער עפּיזאָדע פון דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור און פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג אין אמעריקא.

מיט אַ צייט צוריק איז ערשיענען אַ בראָשורע מיט דעם נאָמען „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק". דער פערפאסער פון איהר בין איך, דער שרייבער פון דיזע ציילען. דיזע בראָשורע איז געווען אַן ערפאָלג אין פאָלקאָמענעם זין פון דעם וואָרט; בלויז אַ פּאָר קליינע אנאָנסען אין דער „וואהרהייט" האָבען געבראכט דערצו, דאָס אין פערלויף פון עטליכע וואָכען האָט זי זיך פערקויפט אין איבער דריי טויזענד קאָפּיעס. פון די אינטעליגענטערע לעזער—אָבער קיינע ליטעראטען, איז זי אויפגענומען געוואָרען מיט פרייד. קורץ גערעדט: אַ מאטעריעלער און מאָראלער ערפאָלג, פיעל מעהר ווי איך האָב ערווארטעט. און ווען דער לעזער וועט פרעגען: אויב די בראָשורע איז יאָ געווען אַן ערפאָלג, פאר וואָס־זשע האָב איך די גאנצע, לאַנגע צייט געשוויעגען? איז דער ענפער אַ גאנץ איינפאכער: יענע בראָשורע האָב איך געמאכט ניט האָבענדיג איין

איינציגען סענט אייגענעם געלד. מיט אנדערע ווערטער: דאָס גאנצע געלד פאר איהר האָב איך צוזאַמענגעבאָרגט אין פיעלע ערטער און, אנשטאט „צו טרייבען ווייטער דאָס געשעפט", ווי אן ערפאהרענער „געשעפטסמאן" דארף עס טהאָן, האב איך, פונקט פערקעהרט, גלייך אַלע איינקאסירטע „געלדער" באצאָהלט צו די „קרעדיטאָרען", מיט דער האָפנונג, דאָס ווען מען באצאָהלט איינמאָהל, קען מען ערוואַרטען צו קריגען „קרעדיט" א צווייטען מאָהל, און איך בין געבליבען אָהן געלד און אָהן „סחורה", ווייל די אָרימע קרעדיטאָרען האָבען זיך ענטזאגט ווייטער צו געבען קרעדיט, ניט גלויבענדיג, אויב איך וועל א צווייטען מאָהל אויך האָבען ערפאָלג, און ניט קענען באצאָהלען די געבעטענע עטליכע דאָללאר. אלזאָ, מיט דעם גאנצען ערפאָלג, האָבענדיג א גוטען „פעלד" אום ווייטער צו מאכען „געשעפטען", האָב איך ניט נאָר ניט געהאט מיט וואָס ארויסצוגעבען א צווייטען ביכעל, נאָר איך האָב אפילו ניט געהאט מיט וואָס צו אנאָנסירען די איבערגעבליבענע עטליכע ביכלעך. אזוי איז אוועק א שטיק צייט אלץ האָפענדיג צו קריגען געבאָרגט עטליכע דאָללאר, אָדער צו קריגען עפּיס א הילף פון די פיעלע פריינדע, וועלכע זיינען געוועזען בעגייסטערט פון מיין ארויסטרעטען. — אָבער ניט געבאָרגט האָב איך געקרוגען און אויך די הילפע איז אריינגעקומען זעהר לאַנגזאם און זעהר ווייניג, און אויף דיזען אופן בין איך געוועזען געצוואונגען צו וואַרטען אויף א גינסטיגערע צייט, ווען די קרעדיטאָרען וועלען ווידער ווייכער ווערען.

אין דערזעלבער צייט, אָבוואָהל איך האָב מיך געפונען אין דער אונגינסטיגסטער לאַגע, וואָס א מענש קען זיך נאָר פאָרשטעלען, ניט וויסענדיג ווען און ווי אזוי איך וועל אמאָהל קענען ארויסגעבען

כאָטש אזא קליין ביכעל ווי דאָס ערשטע, איז ביי מיר ענטשטאנען צוויי מערקווירדיגע ווינשע. איינער: ארויסצוגעבען א פיעל גרע־סערן בוך אלס די ערשטע בראָשורע; און דער צווייטער: ווייל מיין ערשטע בראָשורע איז, אונגליקליכער ווייזע, ארויס זעהר ניט גראָ־טען פון דרוק, א ל י י ן ד ע מ ז ע ל ב ע ן צ ו ז ע צ ע ן. אָט דיזע דאָפעלטע, פאר מיר, אלס פאבריק־ארבייטער, וועלכער ארבייט אונגעפעהר צעהן שטונדען א טאג — אט דיזע ריעזען ארבייט פאנג איך יעצט אן צו אונטערנעמען.

און יעצט, מיר ווינשענדיג צו דערלעבען צו ענדיגען דיזע שווערע ארבייט און צו זעהן זי אזוי שעהן און גוט ווי מעגליך, קען איך מיר גאנץ געדולדיג ענדערן דעם טאן פון דער „געשעפטליכער" שפראך און איבערגעהן צום טאן פון א „ליטעראַרישען קרענק".

* * *

ענדליך, נאך א לאנגע צייט פון שטילשווייגען, האב איך צום צווייטען מאהל די מעגליכקייט צו לאזען הערען מיין שטימע! איך נעם אן דעם פאל, דאס דער לעזער, וועלכער האלט דיזען בוך אין האנד, האט געלעזען מיין געגאנטע בראשורע, וועלכע איז ערשיע־ען אין יאנואר 1910, און ער געדיינקט געווים דעם אינהאלט פון איהר; אויב ניט, ד. ה. אויב דער לעזער געדיינקט ניט דעם אינהאלט פון יענער בראשורע, אדער ער האט פון מיין נאָמען גאר קיינמאהל גע־הערט, דאן בעט איך איהם זעהר העפליך צום צווייטען מאהל זי דורכצולעזען אדער צו פערשאפען זיך אזעלכע, זי טראגט דעם זעהר כאראקטעריסטישען נאמען, ווי שוין פריהער באמערקט: „ווערטער פון א ליטעראַרישען קרענק".

די עצה גיב איך דעם לעזער אוים צוויי אורזאכען. איינע, דער אינהאלט פון יענער בראשורע איז אין אַ זעהר נאהענטער שייכות מיט דעם אינהאלט פון דיזען בוך; און די צווייטע, אַ בראשורע וועלכע איז אין דער מאס פון לעזע־שטאף ניט גרעסער ווי 8 זייטען פון א „פאָרווערטס" אדער אַ „פרייע ארבייטער שטימע" אין געגענזאץ צו די פיעלע טויזענדע ערשיענענע זייטען פון דיזעלבע, און האט אין די ארויסגעבער געקענט אריינזאגען אַ שרעק; (דאס וועט באווייזען וועדען) אַ בראשורע, וועלכע האט אויף זיי געקענט ווירקען — אויף זיי, מיט זייערע פיעלע לעזער און גרויסען איינפלוס אויף דיזעלבע! — אז זיי זאלען זי בעסער אונטערדריקען איידער צו ענפערן אויף דער קלאגע, וועלכע זי ענטהאלט — אזא בראשורע, גלויב איך, איז ווערט דורכגעלעזען צו ווערען.

אין דער געננאנטער בראשורע האב איך נביאות געזאגט, אז מען וועט מיך מאכען פאר אַ משוגע'נעם, און אזוי איז געווען. יאנאָווסקי, דיזער קלוגער און ביטרער זשורנאַליסט, האט, ביי דער ערשיינונג פון דיזער בראשורע, גענצליך פארלוירען די קאנטראלע איבער זיך און די ערפינדערישע קראפט; דיזער מערקווירדיגער מאן האט קיין אנדער מיטעל געפונען צו מאכען זיך אונשולדיג, ווי יענעם, וועלכען איך האב פאַראויסגעזעהן. אבער ניט מיט דיזע נביאות דארף איך מיך האלטען שטאלץ, ווייל יעדער אינטעליגענטער מענש, זייענדיג אין דערזעלבער לאגע, ווי איך בין געווען, וואלט עס אויך געקענט פאראויסזעהן; איך דערמאהן דאס נאר, ווייל אזוי איז שוין די פערדאמטע נאטור ביי דעם מענש—דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבען אונזער'ס! ווען איינער פון די גרויסע, מעכטיגע רעגיערער איבער די מענשען טויטעט אמאָהל איינעם פון זיינע קאמעראדען, דאן איז עס

אַ קליינינקייט; עס ווערט פאר איהם געפונען אַ זכות און ער ווערט בעפרייעט אדער קומט אָפּ מיט אזא שטראָף, וועלכע איז עהנליך צו פרייהייט, און אלע זיינען צופרידען. פאר שולדיג ווערט נאר געפונען דער קליינער, דער עלענדער; ווען איינער פון דיזע אונגליקליכע, אין אַ מאָמענט פון צאָרן, באגעהט פונקט אזא טהאט, ווי יענע, וועלכע דער גרויסער איז בעגאנגען, דאן ווערט אַן איבערקעהרעניש אין דער וועלט: — אלע האלטען איהם פאר אַ משוגע'נעם. דאס זעלבע איז איבעראל, אין אלע צווייגען פון דער מענשליכער געזעלשאפט און דאס עלבע איז אויך דא; — איך מיין דא ווי אזוי מיין ביכעל איז אויפ־גענומען געווארען פון די ליטעראטען. די גרויסע, די איינפלוסרייכע שרייבער, ווען זיי רייסען זיך ביי די נעזער, דאן געפינט עס יעדער אזוי נאטירליך, דאס אפילו אַ שמייכעל רופט עס ניט ארויס: שולדיג, אדער אַ משוגע'נער איז נאר איינער פון די קליינע, ווען ער טרעט אַ־רויס געגען יענע. און געוויס האט יאנאווסקי ניט געקענט זיין אַן אויסנאהמע פון דיזער רעגעל.

און ווירקליך! האב איך דען געקענט ערווארטען, דאס פאר דעם אמת זאל מען מיר געבען אַ קניפּ אין בעקעל? ווען, אין וועל־כען יאהרהונדערט האט מען עס אזוי שנעל אנערקענט דעם אמת, דאס אין דיזען צוואנציגסטען — אין דעם יאהרהונדערט פון „פריי־הייט", וואו „פּראגרעסיווע בעוועגונגען" שפּיעלען אזא געוואלדיג גרוי־סע ראלע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, זאל מען איהם ווידער אנערקענען, איבערהויפּט ווען ער קומט פון דער פעדער פון אַן אָרי־מען פאבריק־ארבייטער? איך האב, אלזא, ערווארטעט אויסגע־לאכט און אונטערדריקט צו ווערען און ערווארטע עס פאר ווייטער פון די גרויסע, די איינפלוסרייכע פון דער אידישער „פּראגרעסיווער

בעוועגונג" — זיי זיינען אויף אלעם פעהיג, אבוואהל איך קען ניט בע־שטימט וויסען, וואס פאר א פארם די אונטערדריקונג וועט אננעמען.

דיזע נביאות האט זיך ערשט קלאהר ארויסגעציינט אין דעם האנדלען פון די גרויסע; זייער האנדלען האט געוויזען זייער גייסטי־גען צושטאנד: עס האט זיך קלאהר ארויסגעציינט, דאס איך קען זיי בעסער, ווי זיי מיך. און וואלט איך יעצט, אנשטאט דעם לעזער אויפצוקלערען און אנצייגען איהם דעם באנקראט פון דער אידישער ליטעראטור, זיך איבער איהם לוסטיג געמאכט, ווי דאס טהוען אפט די גרויסע אין זייערע שרייבערייען, דאן וואלט איך גאר פיעלעס גע־קענט זאגען אויף זייער חשבון. איך וועל דאס אבער איבערלאזען צום אורטהייל פון לעזער.

וועט מען מיך ווייטער, נאכדעם ווי מען וועט דיזען בוך דורכ־לעזען, אויך האלטען פאר א משוגע'נעם? דאס בלייבט צו זעהן! אבער איין זאך קען איך פרובירען פאראויסצוזאגען: דער אונפאר־טייאישער לעזער וועט זיך פרעגען: „אפשר איז ער גערעכט?" ביי די־זער פראגע קען שוין קיין רייד מעהר זיין פון מיך האלטען פאר א משוגע'נעם; און אויב די גרויסע וועלען ווידער פרובירען מיך מא־כען פאר אזעלכען, דאן וועלען זיי אליין זיין אין דער לאגע בעטראכט צו ווערען אלס קאנדידאטען פאר'ן דולהויז.

די געדאנקען, וועלכע איך פערעפענטליך איצט, גיב איך אין דער פארם פון בריעף. איך גלויב, אז דער לעזער וועט זיך ניט פיעל גריבלען איבער דער פארם; ניט די פארם איז די הויפטזאך, נאר דער אינהאלט: דער אינהאלט אבער איז קיין אנדערע זאך, אלס דער עפענטליכער ענפער אויף די פיעלע בריעף, וועלכע איך האב ערהאלטען נאך דער ערשיינונג פון מיין בראשורע. עס פערשטעהט

זיך, אז אלע יענע בריעף זיינען בעאַנטוואָרטעט געוואָרען; אָבער די ענפערס האָבען ניט געקענט זיין אזוי אויספיהרליך, ווי די בעאנטוואָרטונג אויף יענע פראַגען, וועלכע דער לעזער וועט געפינען אין דיזען בוך. יענע פראַגען טאָרען ניט בלייבען בעהאלטען אין די מוחות פון די פראַגע־שטעלער; און נאָך ווענינער דארף בלייבען מיין ענפער אויף זיי.

און אויסער די בריעף, וועלכע זיינען צו מיר אדרעסירט געוואָרען, זיינען נאָך פיעלע פראַגען געשטעלט געוואָרען איבער מיר — (אינדירעקט, ווי מיר איז בעקאַנט) יעצט, גלויב איך, וועלען אלע געפינען אַ געניעגענדען ענפער, אויב ניט אין איין בריעף, וועט עס זיין אין אַ צווייטען, ביז אלע פראגע־שטעלער וועלען זיין בעפריעדיגט. דער אונטערשיעד פון דער אַרט פון די ענפערס וועט צייגען די פערשיעדענהייט פון די פראַגען און אלעס צוזאמען וועט אויסמאכען איין בוך; עס וועט צייגען די עקזיסטענץ בערעכטיגונג פון מיין ערשטער בראָשורע און דעם באנקראָט פון דער אידישער ליטעראטור און פון דער גאנצער פראָגרעסיווער בעוועגונג אין אַמעריקאַ.

איך וויים: עס קען געמאכט ווערען די איינוועגדונג, דאָס אַ בראָשורע, וועלכע נויטיגט זיך אָן אַ בוך, אום קלאָהר צו מאכען דעם אינהאלט פון איהר, האט איבערהויפט קיין עקזיסטענץ בערעכטיגונג. אָט דאָס וויל איך טאקי באמערקען! ניט דעם אינהאלט וויל איך קלאָהר מאכען, — אָה, ער איז שוין קלאָהר גענוג!.. נאָר אַן ערקלעהרונג פאר וואָס זי איז געשריעבען אזוי און ניט אַנדערש. אָט דיזע ערקלעהרונג וועט געבען די עקזיסטענץ בערעכטיגונג צו יענער בראָשורע. עס איז איבערהויפט מיין צוועק, אז די

פאקטען זאלען צום צווייטען מאָהל בעשפראכען ווערען.

דיזע געדאנקען, אין אַן אנדערער פאָרם, האבען געזאלט ערשיי־נען אין יאהר 1911 מיט דער הילף פון אַ גרופּפּע יתגע לייטע, פער־אייניגט אונטער דעם נאָמען, „עפענטליכע מיינונג׳ס גרופּפּע פון פי־לאדעלפיא״. אבער, אונגליקליכער ווייזע, איז עס ניט געקומען צו דעם. אין איינעם פון די בריעף וועט דער לעזער געפינען מעהר אי־בער דער הילף אין אלגעמיין, וואס איך האב געקרוגען, און עס איז ניט נויטיג צו פערנעהמען פּלאטץ דאָ. דאָ וויל איך אבער אויס־דריקען מיין עפענטליכען דאנק צו אלע פּערזאנען און ארגאניזאציאָ־נען, וועלכע האבען מיך אונטערשטיצט אין מיין אנגעפאנגענעם קאמפּף; זייער וואונש איז געווים געוועזן ווי אָם בעסטען און, פון מיין זייט, שווייגענדיג אזא לאנגע צייט, האבען זיי אפשר געמיינט, דאס זייער שטיצע איז פארלוירען געגאנגען: יעצט וועלען זיי זעהן, אז קיין איינציגער סענט איז פערווענדעט געווארען פאר פּערזענליכען גע־ברויך.

און יעצט, בעפאר איך שליס דעם פאָרוואָרט, געפין איך פאר נויטיג צו מאכען אַן עפענטליכע ערקלעהרונג, צו זיין גערעכט צו אַ זייטיגער פערזאָן:

צווישען די פיעלע בריעף, וועלכע איך האב ערהאלטען, האבען זיך פיעלע פּערזאנען געווענדעט צו מיר, אלס צו דעם דיכטער און שרייבער י. י. שוואַרץ. אין דיזע בריעף וואונדערן זיך די שרייבער און פערשטעהען ניט, פארוואס איך האב אזוי שרעקליך אנגעגריפען די גרויסע, ווען, אין דערזעלבער צייט, זיי האבען אליין געזעהן מיינע געדרוקטע געדיכטע און אנדערע שריפטען אין פערשיעדענע אויסגאַ־בען. אויך שטעל איך מיר פאר דעם עגמת נפש, וואס הער י. י.

שוואַרץ האָט אפשר געקענט האָבען, ווען די לעזער האָבען איהם אָנגענומען אלס דעם פּערפאסער פון מיין בראָשורע. אלזאָ, אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, מאַך איך בעקאַנט, אַז ניט הער י. י. שוואַרץ (מיט צוויי יודען אין ערשטען נאָמען) איז דער פּערפאַ־סער פון „ווערטער פון א ליטעראַרישען קרענק", זאָנדערן איך (י. שוואַרץ מיט איין יוד); עס איז ניט בעקאַנט, אַז ער זאָל האָבען ווען עס איז פּראָטעסטירט געגען די גרויסע און ער איז פון זיי אָנער־קענט אלס טאַלאַנטפאָלער דיכטער און שרייבער.

און יעצט, מיט דער איבערצייגונג, דאָס יעדער, אָהן אַן אויס־נאַהמע, וועט פיעל גייסטיג פּראָפיטירען פון דיזען בוך, גיב איך איהם איבער צום אורטהייל פון אינטעליגענטען און עהרליכען לעזער. — איך בעטאָן ספּעציעל דעם אינטעליגענטען און עהרליכען לעזער, ווייל דער אידיאָט אָדער דער שאַרלאַטאַן גיט אַ מיינונג איבער אַ בוך ניט לעזענדיג איהם.

געשריעבען אין ברוקלין יאַנואַר, 1912.

י. שוואַרץ.

לא־עתה יבוש יעקוב ולא עתה פניו יחורו

ישעיה — כט, כב

בריעף
פון אן
אונטערדריקטען שרייבער

שלח לחמך על־פני המים
כי־ברב הימים תמצאנו

קהלת — יא, א

ערשטער בריעף

אייער ווינצלען זיך איבער מיין בראָשורע איז ניט אם פלאטץ. איהר שרייבט מיר: אז איך האָב קיין אמעריקא ענדעקט; דאָס שוין פון לאנג ווייסט איהר דעם טרויעריגען צושטאנד פון דער זאָגענאנטער פראָגרעסיווער בעוועגונג; דאָס די פיהרער זיינען קיינע צדיקים און, פאָלגליך, האָב איך מיך נאָר לעכערליך געמאכט. עס קומט אויס, נאָך אייער מיינונג, אז מען דארף שווייגען, ווייל אלע ווייסען שוין דעם סוד, וועלכען איך, עלענדער, האָב געגלויבט צו ענדעקען.

אויף דיזע איינווענדונגען קען איך אייך בעשטימט ענפערן, אז איהר האָט אַ טעות. עס איז נ י ט א מ ת, אז א ל ע ווייסען שוין דעם סוד, זאָנדערן אַ גאנץ קליינע צאָהל, און צווישען דיזע געפינט איהר זיך אפשר. דער גרעסערער טהייל פון יענע, וואָס רופען זיך אינטעליגענטע לעזער, ווייסען דאָס ניט; זיי גלויבען באמנה שלמה אין דער עהרליכקייט פון די פיהרער, אין דער אויפריכטיגקייט פון זייער קאמפף מיט אלעס, וואָס איז שלעכט, אין זייער שרייבען, זייער ריידען; זיי זיינען ערנסט איינגעגלויבט אין דער גרויסקייט פון זייער אינטעליגענץ, זייער אויטאָריטעט, זייער אַלוויסענהייט: פאר אזוינע

לעזער איז מיין בראָשורע געשריעבען. פאַר דיזע, וואָס זיינען אין אַן אַמעריקאַ דאָ, אָדער פאר אזעלכע, וואָס קענען זי גוט, שיינט עס צו זיין לעכערליך, ווען איינער דערצעהלט עפּעס פון איהר; פאר יענע אָבער, וועלכע האָבען פון אַן אַמעריקאַ קיין מאָהל געהערט, איז עס געווים אַ גאַנץ נייע, אינטערעסאַנטע זאַך. מיט אייך איז אויך אזוי: פאר אייך קום איך פאָר לעכערליך, אָבער פאר דעם געוועהנליכען לעזער איז עס אַ נייעס — אַ ווירקליכע, ערנסטע נייעס! און זיי ווילען מיר גאָר ניט גלויבען, אז מיין בעהויפּטונג איז אמת. אָבער אי איהר, אי יענע וועלען איינזעהן דעם גרויסען טעות. איהר וועט זיך איבערצייגען, ערשטענס, אז עס איז די פּפליכט פון יעדען עהרליכען מענשען אויפצודעקען אלעס, וואָס מען ווייסט און, צווייטענס, אז מען מוז עס טהאָן, אויב מען וויל ניט אונטערדריקט ווערען פון די גרויסע, אויב מען וויל ניט צוריעבען און צודריקט ווערען אונטער זייערע שווערע טריט. און די נאַיווערע לעזער וועלען מיט דער צייט זיך איבערצייגען אין דעם אמת פון מיינע ווערטער.

אז די גרויסע אליין ווייסען די ריכטינקייט פון מיינע ווערטער — און דארום זייער שטעלונג צו מיר — אין דעם איז קיין צווייפעל; און איהר וועט נאָך וואַרטען אַ שטיקעלע צייט

צווייטער בריעף

איהר ווילט ענפער אויף יעדען פונקט בעזונדער, גוט; דאן מוזט איהר צום צווייטען מאָהל איבערלעזען דאָס, וואָס איהר האָט אליין געשריעבען, אום צו קענען אורטהיילען מיין ענפער.

„...ווען מיר איז ארייגעפאלען אייער ביכעל אין האנד", שרייבט איהר, „און איך האָב עס איבערגעלעזען, האָב איך ביי יעדען וואָרט געפיהלט אַ שוידער. שטעלט אייך נאָר פאָר: אַ לאנגע צייט בין איך געוועזען איינגעגלויבט אין יענע מענשען, וועלכע איהר האָט אָנגעגריפען; איך בין געוועזען זיכער, אז, אָבוואָהל מיט מענשליכע פעהלער, זיינען זיי אָבער דאָך בעסער ווי אלע אַנדערע געוועזען, מעהר פיהלענד און זייערע שריפטען און ריידען זיינען ארויסגעגאנגען פון דער טיעפעניש פון זייער האַרץ, און זייער הייסעסטער וואונש איז געוועזען: צו זעהן אַ גליקליכע מענשהייט.—אָבער איהר מיט אייער ביכעל האָט דיזען זיסען טרוים צושטערט — אַ חרבן אָנגעמאכט אין מיין גאַנצען געמיטה! האָב איך געזאלט גלויבען אַלעס, וואָס איהר האָט דארט אָנגעשריעבען? און וואס האב איך געקענט טהאָן אין דיזען פאַל? איך האב מיך געווענדעט צו יאַנאָווסקי'ן — צו דעם, וועמען איהר האט אַם מייסטען אנגעגריפען — אום צו הערען, וואס ער האט צו זאָגען, און פון דעם וואלט איך שוין געקענט אורטהיילען ווער עס האט רעכט. אבער אַנשטאָט אַ בעשטימטען ענפער, האב איך געקרוגען אַ זעהר כאַראַקטעריסטישע אָנצוהערעניש, דאס ווער עס

זעהט ניט פון דעם ביבעל גופא, אז איהר זיינט אוננאָרמאל, מוז מען צווייפלען אין יענעם׳ס פערשטאנד. מיט אנדערע ווערטער: יאנאָווסקי האט מיר א ווינק געגעבען, אז מיט מיין פראגע בין איך ניט מיט אלעמען. אויף אזא פאטש אין פנים האב איך מיך ניט גערעכט — איך, וועלכער האב מיך געהאלטען פאר אן אינטעליגענטען מענשען! און פון דיזען פאטש האב איך אין דעם ערשטען מאָמענט געאורטהיילט, אז איהר זיינט פאָלקאָם גערעכט מיט אייער קלאגע.

דאס איז געוועזן אין ערשטען מאמענט. אבער לאנגזאם האב איך אנגעפאנגען נאכצודיינקען איבער זיין ענפער. און ווירקליך, עס האט מיך געפיהרט צום שלום, דאס אפילו דער ערגסטער מענש אין דער וועלט וועט דעם געגנער ניט מאכען פאר א משוגע׳נעם אהן אן אורזאך. איז דאס ניט א מערקווירדיגע ערשיינונג? זעהט מען דען דא ניט, אז ער האט מיך געמאכט צום דיינקען? יא, א וואונדערבארער מענש איז דאס! און אויך איהר, ווי קראנק איהר זאלט ניט זיין, וועט מוזען צוגעבען, אז עס פעהלט ניט יאנאָווסקי׳ן די סאגאציטעט צו דערקענען, ווער עס קען עפּעס אנשרייבען און ווער עס בילדעט זיך איין. אויך וועט איהר מוזען צוגעבען, אז די לאנג-יאהריגע ערפאהרונג אלס זשורנאליסט און פרייהייט׳ס קעמפפער האט אין איהם, ווי אויך אין די אנדערע שרייבער אויסגעארבייט די גאנץ בעזונדערע פעהיגקייט, וועלכע אונז איינפאכע מענשען פעהלט, צו מאכען זייערע לעזער דיינקען מיט איין-איינציגען ווינק. דיזער ווינק האט געמאכט, אנשטאט צו פעראורטהיילען די, וועלכע איהר האט אנגעגריפען, צו טהאן פונקט פערקעהרט, צו ווענדען מיך צו אייך אליין מיט איינינע פראגען. און דאס טהו איך מיט דעם צוועק אייך אויסצוהיילען פון אייער קראנקהאפטער איינבילדונג.

די ערשטע פראגע האט איהר שוין געזעהן, נעמליך: קענט איהר זיך פאָרשטעלען, אז יאנאָווסקי זאל אייך מאכען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין פאר א ניט קלאָהרען מענשען?

צווייטענס: —דארף מען גלויבען אַ מענשען, וועלכען ס'איז איינגעפאלען ארויסצוגעבען א ביכעל מיט בעשולדיגונגען געגען אלע פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג? דיזע ערשיינונג אליין — דאס ארויסגעבען א ביכעל אויף אייגענעם חשבון — איז שוין זעהר א טרויעריגע; עס קען דאָך יעדען איינעם איינפאלען, ווער עס האט נאָר עטליכע דאללאר, אויפצושרייבען גאָט ווייס וואס פאר א משוגעת'ען און זיי פאָרלעגען פאר דעם פּובליקום!

דריטענס: — זיינען ווירקליך אלע, אלע אָהן אַן אויסנאַהמע שאַרלאַטאַנעס? אָט דאָ זעהט מען ערשט אַרויס אייער צושטערטען גייסט! איהר האט געוואלט ווייזען פאר דער וועלט א קלאָגע און זעהען זעהט מען גאר אַן אָנפאל אויף אלעם און אלעמען, וואס דאָס פּובליקום האלט פאר הייליג. איהר האט אָן זיך פערגעסען; איהר האט ניט געטראכט, וואס די אינטעליגענטע וועלט וועט זאגען; איהר האט אָהן איבערלעגונג „גערעדט": קענט איהר ערוואַרטען, אז עמיצער זאָל דיינקען עפּעס גוטס וועגען אייך?"

דאס איז אייער בריעף און איך וועל ענפערן אזוי קלאָהר און אזוי קורץ ווי מעגליך. ערשטענס קומט אייך א דאנק פאר אייער גוטען ווילען מיך אויסצוהיילען פון מיין קראנקהייט. עס פרעגט זיך אָבער: ווער איז קראנק צווישען אונז, איך אָדער איהר? דער פאקט אליין, דאס איהר לעגט אזוי פיעל געוויכט אויף דעם ווינק פון יאנאָווסקי און אויף דער אויטאריטעט פון די זשורנאליסטען און „פרייהייט'ס קעמפּפער מיט דער לאַנג יאהריגער ערפאהרונג", ווייזט, דאס אַ

קראנקהאפטע איינבילדונג איבער דער גרויסקייט און עהרליכקייט פון די גרויסע האט איהר און ניט איך מיט מיינע פאקטען. איהר זאגט: איך מוז צוגעבען, אז אין די דערמאהנטע פיהרער איז אויס־געארבייט געוואָרען א בעזונדערע פעהיגקייט צו קענען מאכען דיינקען די לעזער.— יא, איך גיב עס צו! זיי האבען ווירקליך די פעהיגקייט צו מאכען דיינקען דעם לעזער — דאס, וואס זיי לוינט זיך; איך מוז צוגעבען, דאס, אויב זיי זיינען אונפעהיג אריינצוברייגנען ליכט, וויסען און אמת'ע אויפקלעהרונג אין דעם לעזער'ס מוח, האבען זיי אבער די גאנץ בעזונדערע פעהיגקייט, וועלכע אונז איינפאכע מענשעלעך פעהלט, מיט א ווארט, מיט איינ־איינציגען ווינק איהם צו קארומפי־רען אויף דעם שוידערליכסטען אופן.

איצט וועל איך צוטרעטען צו די פראגען כסדר. אויב איך קען מיר פארשטעלען, פרעגט איהר, אז יאנאָווסקי זאל מיך גלאט אין דער וועלט אריין מאכען פאר משוגע; און איך וועל פרעגען: האט איהר זיך געקענט פארשטעלען, אז ער זאל ק ע נ ע ן געבען אן אנ־דערן ענפער? זאל ער נאר צוגעבען, אז איך בין ביין קלאהרען פער־שטאנד, ווען עס דאך הייסען, אז אלעס, וואס איך האב געשריבען א י ז א מ ת. אלזא, מיין פריינד, ניט גלאט אזוי האט ער מיך גע־מאכט פאר א משוגע'נעם, נאר פאר נויט. מיין שפראך איז אזוי שארף, דאס מען מוז — ענטוועדער אפענהערציג ערקלעהרען, דאס איך בין גערעכט מיט מיין קלאגע, אדער מאכען א נארישען אנשטעל פון אונשולד און מיך מאכען פאר משוגע: אייער יאנאָווסקי האט אנגעווענדעט דעם צווייטען מיטעל.

אייער צווייטע פראגע איז שוין אביסעל מעהר קאמפליצירט און איך האב איבער איהר זעהר פיעל נאכגעדיינקט. עס איז ווירקליך א

טרויעריגע ערשיינונג, ווען א שרייבער געפינט ניט, ווער עס זאל פאר איהם ארויסגעבען זיינע שריפטען און ער מוז זיי אליין פערעפענטלי־כען; עס איז טרויעריג, אבער קיין שאנדע! און איך בין ניט דער ערשטער, וועלכער בין געצוואונגען עס צו טהאן. איך וואלט פאר אייך געקענט אויסשטעלען א לאנגען צעטעל מיט שרייבער, און דוקא פון די בעריהמטעסטע, וועלכע זיינען געוועזען געצוואונגען אליין צו פער־עפענטליכען זייערע געדאנקען, אדער אויף אן אנדער בעטלערישען אופן זיי ארויסצוגעבען. און אויב עס איז דא עפּעס שענדליכעס אין דיזער ערשיינונג, איז עס ניט די שולד פון די שרייבער, זאנדערן פון דעם לעזע פּובליקום זעלבסט. צו אלע צייטען האבען די שריפטען פון די שלעכטערע שרייבער גיכער געפונען א פערלעגער פאר זייערע שריפטען, ווי די בעסערע פאר זייערע. און דאס איז נאר דערפאר, ווייל די מייסטע לעזער זיינען אונפעהיג אליין צו אורטהיילען און מו־זען אָנקומען צו דער „הילף" פון די גרויסע: און דער בעסערער שריי־בער, ווען ער איז אַן אָרימאן און האט נאך צו ליידען פון דעם מיס־ברויך פון דער אויטאָריטעט פון די גרויסע, מוז ביטער קעמפּפען, ביז ער זעהט זיינע געדאנקען פערעפענטליכט. — דיזער פאקט דארף אייך שוין לערנען, דאס ווען איהר טרעט צו צו א ווערק, דאן דארפט איהר ניט זוכען, אויב דער ארויסגעבער פון דעם ווערק איז א פערלע־גער אדער עס איז דער שרייבער אליין, זאנדערן מען דארף אורטהיי־לען דעם אינהאלט פון דעם ווערק גופא. אונטער דיזער בעדינגונג, ווען איהר וועט צוטרעטען צו מיין ביכעל, וועט איהר מעהר ניט דאר־פען צווייפלען, אויב איהר זאלט מיר גלויבען אדער ניט, ווייל דער אינהאלט וועט אייך שוין אליין אלעס קלאהר מאכען.

אויך די דריטע פראגע איז א זעהר ערנסטע.

גאָר ניט פאָרשטעלען, אז אלע, אלע אָהן אן אויסנאַהמע זיינען ענט־
ווערער שאַרלאַטאַנעס — מיט דעם, וואָס זיי בעשווינדלען דעם לע־
זער, אָדער אידיאָטען — מיט דעם, וואָס זיי ווייסען ניט, וואָס זיי ריי־
דען. איהר מאכט מיר אויפמערקזאם, אז מיט אזא בעהויפטונג
האָב איך ארויסגעוויזען מיין גייסט; אז, אנשטאַט מיין לאַגע צו
פערבעסערן, האָב איך זי גאָר פערערגערט, און, איבער אלעס: איך
בין געוועזן אָהן אויסרעכנונג — איך האָב ניט געטראכט, וואָס מען
וועט זאָגען איבער מיר. איהר האָט ווירקליך רעכט, מיין פריינד!
איך האָב ניט געטראכט וועגען מיין בעקוועמליכקייט, איך האָב ניט
געטראכט, וואָס מען וועט זאָגען אויף מיר. דער ענפער אָבער איז אַ
גאנץ איינפאַכער: שרייבענדיג מיין ביכעל, זיינען מיינע אויערען ניט
געוועזן געריכטעט צו הערען, וואָס די גרויסע וועלען זאָגען; מיין גע־
דאנק איז ניט געוועזן געציעלט צו דיינקען, וואָס אפילו די קליינע, ווע־
מעס געטער מען גרייפט אָן, וועלען דיינקען וועגען מיר. איך האָב
ניט געטראכט פון דעם צאָרן פון די גרויסע און פון דעם שפּאָט פון
די צוקראָבענע אינטעליגענטען; איך האָב פראנק און פריי געזאָגט
דעם אמת, אזוי ווי איך האָב איהם פערשטאַנען. אויך פאר ווייטער
וועל איך אזוי האנדלען, ניט טראכטענדיג וועגען זיך. דער, וואָס
טראכט וועגען זיך, יענער וועט קיינמאָהל זאָגען דעם אמת; דער אמת
שטעהט ביי מיר העכער פון אירגענד וועלכער פּערזאָן, מעג זי זיין ווי
געשעצט פון נאַרישע מענשען. דערפאַר קען אפשר מיין שפּראַך זיך
אויסווייזען הארט און שטעכענד פאר יענע, וועלכע פיהלען זיך גע־
טראָפען,—זי איז אָבער מילד און אויפקלעהרענד פאר דיזע, וועלכע
ווילען עפּעס ווילען.

דריטער בריעף

„פילאָזאָפיע", בעהויפּטעט איהר, מיין פריינד, „איז ניט פאר אונז, ארבייטער; — דאָס קען זיין אַ גוטער שלאָף־מעדיצין פאר רייכע א. ז. וו." און איהר לאָזט זיך אוועק מיט אַ מוסר דרשה פארוואס איך, אַ פּראָסטער פאבריק ארבייטער, האב, ערשטענס, גאר איינגענצען אָנגעפאנגען מיט פילאזאפיע. צווייטענס, איהר וואלט מיר שוין מוחל געווען די פילאזאפי, אבער פארוואס האב איך מיך געטשעפּעט צו דר. חי ם זשיטלאָווסקי — צו אַ מאן, וועלכער איז דער שטאָלץ פון די רוסישע אידען? דריטענס, ווי אזוי האב איך געקענט וואגען צו זאגען, אז דר. זשיטלאָווסקי'ס פילאזאפיע איז דער גרעסטער אונזין, די ערגסטע פּלאַפּלעריי, וואס די וועלט האט ווען עס איז געזעהן, ווען אלע קריטיקער און לעזער — אלע, אָהן אַ אויסנאהמע, אָנפאנגענדיג פון אב. קאהאן און ווינטשעווסקי ביז העט, העט ארונטער צום אונבעדייטענדסטען שרייבער און לעזער — ווען אלע האבען געזעהן אין איהר אַ פרעהליכע ערשיינונג? פיערטענס, האב איך אַמאָהל שטודירט אין אַן אוניווערסיטעט פילאזאפיע, ווי דר. זשיטלאָווסקי אדער אַ טהייל פון זיינע קריטיקער? און, ענדליך, בין איך דען אימשטאנד צו וויסען, וואס פילאזאפיע איז? און איהר פערלאנגט אַ קלאהרען ענפער

און דער ענפער וועט ניט פערזאמען:

פילאָזאָפיע איז ניט אַ שלאָף־מעדיצין ספּעציעל פאַר רייכע, ווי איהר האָט זיך איינגערעדט, אדער אַנדערע ווילען אייך מאַכען גלויבען אין דעם; זאָנדערן אַן אויפקלעהרונגס לעהרע פאַר אינטעליגענטע מענשען מיט אַ געזונטען פערשטאַנד, פעראייניגט מיט אַ רייכער איינבילדונגס־קראַפט. פון דעם איז צו זעהן, אַז אויך אַן ארבייטער קען זיך ערלויבען צו ריידען אדער שרייבען איבער פילאָזאָפיע. דומקעפּף דאַרף מען ניט זוכען דוקא צווישען די ארבייטער: מען געפינט זיי פיעל צווישען די רייכע און געלעהרנטע. די ארבייטער, פ י ע ל מ ע ה ר ווי יענע, דאַרפען זיך נעמען שטודירען, וואָס די פילאָזאָפיע איז. און טאַקי דערפאַר, ווייל זיי האָבען ווייניג צייט, דאַרפען זיי האָבען גוטע, אמת'ע פילאָזאָפיע, אָבער קיין אונזין, קיין פּלאַפּלעריי.

און וואָס איך האָב צו דר. זשיטלאָווסקי'ן? — פּערזענליך ג אָ ר נ י ט; אלס אינטעליגענטער ארבייטער אָבער, וועלכער נעמט אליין אַ שטאַרקען אינטערעס אין דער ליטעראַטור, האָב איך אַ רעכט, ניין! אַן ערנסטע פּפליכט! אַנאָוצייגען דעם טרויעריגען, דעם אַלץ מעהר זינקענדען צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור, און ד ו ק א דר. זשיטלאָווסקי'ן אלס באַראָמעטער. מערקט אייך נאָר גוט! די פילאָזאָפיע איז דער העכסטער שטאַפּעל אין דער ליטעראַטור, צו וועלכען אַ פאָלק קען ארויפשטייגען; און ווען דיזער איז צובראָכען, דאַן פאַלט מען ארונטער אין טיעפען אָבגרונד. דאָס זינגען לויב לידער פאַר דר. זשיטלאָווסקי, דאָס טאַנצען ארום איהם פון דער אינטעליגענץ, וויזט די גרויסע פערעהרונג פון זיין געלעהרטקייט — פון זיין פילאָזאָפיע; צייגט מען אָבער ארויס, וואָס דיזע איז, דאַן זעהט מען שוין דעם גייסטיגען צושטאַנד פון זיינע פערעהרער. צו וואָרנען דעם אינטעליגענטערן לעזער און צו רעטען די יעצטיגע צייט פון דער שאַנ־

דע, אז קיין איינציגער האט זיך געפונען, וואס האט דיזע פילאָזאָפיע אָבגעשאַצט נאָך איהר אמת'ן ווערטה. אָט דאס איז דער איינציגער מאָטיוו פון מיין אָנגרייפען דר. זשיטלאָווסקי, און קיין אנדערער.

איצט איז די צייט צוצוטרעטען צו דער פראַגע, וועלכע האט א לאַנגע צייט געבויערט מיין מוח — וועגען די קריטיקער:

האבען די פיעלע יונגע אינטעליגענטע מענשען, צוזאמען מיט די „קריטיקער", וועלכע האבען „די פילאָסאָפיע" געלעזען — האבען אלע דיזע מענשען פערשטאנען, וואס דיזע איז? — און מיט בעדויערן וועל איך ענטפערן: ניין! זיי האבען זי אויף קיין פאל פערשטאנען!... איז עס, אלזאָ, די לעזער'ס שולד? אויף דעם וועל איך מודה זיין, אז עס איז ניט זייער שולד! אויב ניט אלע, אבער א גרויסער טהייל פון דער אינטעליגענץ וואלט זי יא פערשטאנען. ועמעס שולד איז עס, אלזאָ, וואס קיינער האט דיזע „פילאָסאָפיע" פערשטאנען? עס איז דר. זשיטלאָווסקי'ס אליין! ער האט ניט פערשטאנען, וואס ער האט געוואָלט אָנשרייבען, דערפאר האבען די אינטעליגענטען ניט געקענט פערשטעהן, וואס זיי האבען געלעזען. פארוואס־זשע האט מען איהם אָבגעגעבען אזא כבוד, ווען מען האט איהם ניט פערשטא־נען? פון וואנען נעמט זיך אָט דיזע בלינדע עהרפורכט? — איך קען מיר קיין אנדערע ערקלעהרונג געבען, אלס דיזע: פונקט ווי אין דער פינסטערניס פון דער נאַכט ווערט די מורא געבוירען, דער שרעק פאר דאס געהיימניספאָלע, דער שוידער פאר דאס אונבעקאנטע — אזוי איז ביי די אידישע אינטעליגענטען, אין דער געדיכטער פינס־טערניס פון זייערע מוחות, אין דעם גרויסען מאַנגעל אין אמת גוטע ליטעראַטור, די עהרפורכט געבוירען געוואָרען! — פאר דעם וואָרט „פילאָסאָפיע", מעג אפילו אונטער דעם געהן דער ערגסטער אונזין,

בויגען די אינטעליגענטען זייערע קעפּ. דערהערענדיג דיזען וואָרט, ווערט דער אינטעליגענט בלאַס ווי אַ מת, עס הויבט מיט איהם אָן צו ווארפען ווי אין אַ פיעבער, און עס איז קיין וואונדער, וואס דער כבוד צו דעם מאַן, וואס רעדט אזוי פיעל פון פילאָזאָפיע, האט דער-גרייכט צו דיזער שטופע. נאָר דיזע, און קיין אנדערע, ערקלעהרונג קען איך מיר געבען פאר דיזער ערשיינונג.

אייער איינוועגדונג, אויב איך האב שטודירט פילאָזאָפיע אין אַן אוניווערזיטעט, איז אַ זעהר קאָמישע. דער איינציגער און קורצעס-טער ענטפער, וואס איך קען אייך געבען, איז פאָלגענדער:

צו פערשטעהן פילאָזאָפיע דאַרף מען געבוירען ווערען און, אויב איינער האט קיין מעגליכקייט געהאט צו שטודירען אין אַן אוניווער-זיטעט, איז ניט אזוי געפעהרליך... די אוניווערזיטעט קען מעהר ווי אַ דר. טיטעל ניט געבען: און ווען מען איז צו דעם ניט געבוירען, דאן וועט ניט נאר די אוניווערזיטעט ניט העלפען, נאר אפילו דער טייפעל אליין אויך ניט.

אויף אייער לעצטער איינוועגדונג וויל איך קורץ ניט ענפערן; אנשטאט דעם, וועל איך אייך געבען אַ קלאָהרע ערקלעהרונג, וואס פילאָזאָפיע איז, און ניט נאר וועט די פילאָזאָפיע פאר אייך ווערען אינטערעסאנט, זאנדערן איהר וועט קענען אורטהיילען, אויב מיינע ווערטער אין מיין בראשורע זיינען געוועזן איבערטריעבען.

וואָס איז פילאָזאָפיע?

פילאָזאָפיע הייסט: וועלט קלוגהייט, אויך די וויסענשאפט פון שכל און אויך די ערקענטניס לעהרע. אלזאָ, הייסט פילאָזאָפיע:

די ליעבע צום דיינקען, צום ערקענען די וועלט. די צוזאמענשטעלונג פון דעם ווארט גופא, „פילא״ — ליעבע, „סאפי״ — חכמה שטאמט פון גריעכענלאנד און איז איינשטימיג מיט דיזער דיפיניציאן.

פילאזאפירען הייסט: שכל׳דיג דיינקען, מיט דעם שכל פארשען. פון דעם קען מען זעהן, אז פילאזאפירען מיינט דיינקענדיג בעטראכטען און אויספארשען די גאנצע וועלט אדער יעדע ערשיינונג אין איהר. אלזא, דיינקענדיג פארשען און אויף קיין פאל מיינט פילאזאפירען פלאפלען. דיינקען אבער, דיינקט יעדער; וואס זשע איז, אלזא, דער אונטערשיעד פון גלאט אזוי דיינקען ביז פילאזאפירען? אט דא ליגט טאקי דער הונד בעגראבען און דא זאלט איהר שענקען אביסעל אויפמערקזאמקייט.

גלאט אזוי דיינקען, הייסט דיינקען קאנקרעט; דאס מיינט, אז דער, וואס דיינקט קאנקרעט, וויל ניט, אדער איז איינפאך ניט פעהיג צו דיינקען ווייטער, ווי די זאך, וועלכע ער קען זעהן מיט די אויגען אדער פיהלען מיט די חושים. פילאזאפירען אבער, הייסט דיינקען אבסטראקט; דאס מיינט דיינקען אבגעזונדערט פון דער זאך, וועלכע מען קען זעהן מיט די אויגען אדער פיהלען מיט די חושים.

אום אייך, מיין פריינד, צו געבען א ביישפיעל, ווייל איך וויל פאר אייך דעם געדאנק מאכען אזוי פאפולער און אזוי קלאהר ווי מעגליך, וועל איך אייך בעטען איהר זאלט זיך פאר א ווייל̈ע פערטראכטען איבער דעם אונטערשיעד צווישען דעם מענש און דער חיה. די חיה ווייסט ניט פון פערגאנגענהייט, פון צוקונפט, פון אומשטענדען, פון שאנדע א. ז. וו.; זי האט קיין בעגריף פון דעם; זי לעבט אין שטענדיגער געגענווארט: איהר מוח איז שטענדיג בע־

שעפטיגט מיט דעם, וואס זי זעהט פאר די אויגען. דער איינפאכער מענש איז שוין אַ פילאזאף אין פערגלייך מיט דער חיה; ער האט שוין די בעגריפע, וואס דער חיה פעהלט: אין דער ווירקליכקייט אַבער, שטעהט ער טאקי ניט פיעל העכער פון איהר. מען קען צוריקציהען דעם קאמפּליצירטען האנדלען און וואנדלען פון דעם איינפאַכען מענש אויף דריי זאכען: 1) דער קאמפף פאר חיונה, 2) די געשלעכטליכע בעפריעדיגונג און 3) דאס פערטרייבען ווי עס איז די פרייע צייט. אויף העכערעס איז זיין מוח בעשרענקט; ער ווייסט טאקי פון יענע בעגריפע, אבער נאר אויף אזוי פיעל, ווי זיי זיינען צו איהם זעהר נאהענט, וועלכע שטעהען אין אַ דירעקטער פערבינדונג מיט איהם. דערפאר קוקט דיזער אַן דעם אינטעליגענטערן מענש, ווי אַ משוגע׳נעם, ווען יענער דערצעהלט איהם פון געשיכטע, פון דיינקען א. ז. וו. גאנץ אנדערש איז עס מיט דעם אינטעליגענטערן מענש; ער איז פעהיג צו בעגרייפען, ניט נאר דאס, וואס איז נאהענט צו איהם, נאר אויך דאס, וואס איז פיעל ווייטער פון איהם: זיין מוח איז אזוי "געוועבט", אז ער בעגרייפט שנעל די אונענדליכע פערגאנגענהייט און צוקונפט און איז פעהיג ארייַנצונעמען דעם בעגריף פון גאנצען אוניווערזום, און זיך אליין זעהן אלס אַ טהייל פון איהם.

נאך איין ביישפּיעל וועל איך אייך געבען און איהר וועט שוין קענען וויסען, ווי מען קען בעטראכטען די וועלט און יעדע ערשיינונג אי פון קאָנקרעטען, אי פון אַבסטראקטען שטאַנדפּונקט.

אַט שטעהען, למשל, פאר אַ בוים צוויי מענשען; איינער געבוירען מיט אַ לעבעדיגער איינבילדונגס-קראפט צו קענען דיינקען אַבסטראקט, דער צווייטער, אַבוואָהל מיט אַ נאָרמאַלען פערשטאַנד,

ער איז אבער נאר געבוירען צו קענען דיינקען קאָנקרעט: אוןביידע בעטראכטען דיזען בוים פון זייערע ביידענס שטאנדפונקטען. דער ערשטער, דער וואס איז פעהיג צו דיינקען אבסטראקט, זעהענדיג זיינע צושפרייטע צווייגען און בלעטער, וועט ער אָנפאנגען נאכדיינקען איבער דאס וואקסען פון זיי; ער וועט געוואהר ווערען, אז זיי ציהען זאפט דורך די צושפרייטע ווארצלען פון דער ערד; ער וועט זיך אנפאנגען פרעגען, ווי אזוי דאס געהט פאר, צו וועלכען צוועק דאס איז און, שכל'דיג נאכדיינקען, וועט ער קומען צו דער אנזיכט, אז ער אליין שטעהט אין א נאהענטער שייכות מיט דעם בוים און מיט דער גאנצער נאטור. דער צווייטער, וועלכער דיינקט בלויז קאָנקרעט, א ו י ך ע ר דיינקט; ער וועט אבער דעם בוים בעטראכטען פון ז י י ן שטאנדפונקט. ער וועט טראכטען, אויב פרוכט וואקסט אויף דיזען בוים — צום געניעסען, אדער פאר ווי פיעל צייט ער וואלט געקענט האבען האלץ פאר פייער אויף ווינטער; אויב ער איז א „קלוגער", וועט ער נאך אויסרעכענען ווי פיעל געלד ער וואלט געקענט מאכען פאר דעם האלץ פון דיזען בוים: און מעהר ווי אויף דעם איז ער ניט פעהיג צו דיינקען, כאָטש צוהאקט איהם אויף שטיקלעך. דאס דיינקען פון ערשטען הייסט אבסטראקט, אבגעזונדערט פון זיינע נאהענטע פערהעלטניסע צום בוים, און דאס פון צווייטען הייסט קאָנקרעט, ווייטער פון זיינע נאהענטע פערהעלטניסע איז ער ניט פעהיג צו דיינקען. דער ערשטער וועט פעהיג זיין צו פערשטעהן די פילאָזאפיע, (אמת'ע, ניט אזעלכע ווי דר. זשיטלאָווסקי'ס) דאס שעהנקייט און די ערהאבענהייט פון דער קונסט, — און דער צווייטער וועט זיך מעהר ווי אויף פ ר א ק ט י ש ע זאכען ניט פעהיג זיין איינצופערשטעהן.

יעצט, נאָכדעם ווי איך האב אייך אין קורצען געגעבען די עלע־מענטאר ערקלעהרונג פון דער פילאָזאָפיע, קען איך שוין מאכען א ווייטערען שריט.

איז פילאָזאָפיע א וויסענשאפט? קיין צווייפעל אין דעם! אויב אזוי, וואסזשע איז דער אונטערשיעד פון פילאָזאָפיע ביז וויסענשאפט? מיט וואס אונטערשיידעט זי זיך פון, למשל, אסטראָנאָמיע, בעמיע אדער מעדיצין? דער אונטערשיעד בעשטעהט אין פאָלגענדען: די אנדערע וויסענשאפטען ווערען אָנגערופען ע מ פ י ר י ש ע. עמפּי־ריש בעדייטעט: אלעס, וואס איז בעגרינדעט אויף ערפאהרונג, אויף בעאָבאכטונג. די פילאָזאָפיע, דאגעגען, ווערט אָנגערופען ט ר א נ ס־צ ע נ ד ע נ ט. טראנסצענדענט הייסט: אלעס, וואס שטייגט אריבער די גרענעץ פון ערפאהרונג, פון בעאָבאכטונג. ווען מיר זאגען, למשל, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון אין אן ערך פון 365 טעג, דאן הייסט דאס עמפּיריש — א שלום בעגרינדעט אויף ערפאהרונג. ווען מיר וועלען אבער זאגען, אז די ערד בעוועגט זיך דורך אן אונבע־קאנטער, געהיימניספאָלער קראפט, און יעדען שלום, וואס מיר ווע־לען ציהען פון די געדאנקען, וואס מיר וועלען ארויסזאגען איבער יע־נער קראפט, — דאן וועט דאס שוין הייסען טראנסצענדענט, ווייל צו יענער קראפט קענען מיר מיט די חושים ניט צוקומען, מעג עס אפילו זיין מיט די פיינסטע אינסטרומענטען — מיט דעם טעלעסקאָפּ א־דער מיקראָסקאָפּ — עס שטייגט שון אריבער די גרענעץ פון ער־פאהרונג, פון בעאָבאכטונג.

די פריהערדיגע צוויי ביישפּיעלען זיינען נאך ניט פאָלקאָמען אין פילאָזאָפישען זין; ווייל יעדעס דיינקען קען אויך אָנגערופען ווערען אבסטראקטעס דיינקען. די שפראך אליין (און דערפאר האב איך

דאך אייך נעגעבען דעם ביישפיעל צווישען דעם מענש און דער חיה) איז שוין אן אבסטראקטעס דיינקען, ווייל, ווי מיר לערנען עס אין דער גראמאטיק, שטעלט יעדעס ווארט פאר א אידעע, א געדאנק פון א זאך. אום אבער דאס אבסטראקטע דיינקען זאל זיין פערשטענדליך אין פילאזאפישען זין, דאן איז עס דער פערגלייך צווישען דער פילאזאפיע און דער וויסענשאפט.

די וויסענשאפט וואלט קיין פארטשריט געמאכט, ווען די וויסענשאפטס מענער זאלען נ י ט דיינקען קאנקרעט. אין דיזען פאל מוזען די וויסענשאפטס מענער שפיעלען די ראלע פון גאנץ איינפאכע מענשען; זיי מוזען גאנץ גענוי בעאבאכטען, אויספארשען און אויסגעפינען די טבע פון יעדער ערשיינונג און ציהען אזעלכע שליסע, וועלכע מען זאל קענען זעהן מיט די אויגען, אדער אנטאפען — אזוי צו זאגען — מיט די הענד: נאר אויף דיזען אופן קען די וויסענשאפט אנגעווענדעט ווערען פאר פראקטישע צוועקען.

גאנץ אנדערש איז עס אבער מיט דער פילאזאפיע. זי איז א וויסענשאפט, וועלכע מען קען ניט קאנקרעט נאכפארשען, ווייל זי איז א וויסענשאפט פון שכל. דארום נעמען די פילאזאפען צוזאמען אלע שליסע, צו וועלכע מען קען קומען דורך די וויסענשאפטען, און מאכען זיי צו א זעהר קארעקטען, שכל'דיגען סיסטעם, בעגרינדעט אויף געזונטען פערשטאנד — א שכל'דיגע ערקלעהרונג איבער דער עקזיסטענץ פון דער וועלט און פון יעדער ערשיינונג. קורץ, אין דער ווירקליכקייט שאפען זיך די פערשיעדענע פילאזאפען (אויסער קאנט) פאנטאסטישע וועלטען, זעהר שכל'דיגע און אינטערעסאנטע, וועלכע מען קען בעגרייפען נאר מיט דעם שכל, אבער ניט נאכפארשען מיט די חושים.

אָט דאס איז עס דאס פאלקאמענע דיינקען אבסטראקט, ד. ה. אבגעזונדערט פון יעדער מעגליכקייט צו מאכען אירגענד וועלכע ערפאהרונג. דערפאר ווערט אויך די פילאָזאָפיע אָנגערופען מעטאָפיזיש. מעטאפיזיש הייסט איבערזינליך — אריבערשטייגענד איבער די חושים, וועלכעס איז דיזעלבע בעדייטונג, וואס איך האב פריהער געגעבען. און דאהער ווערט די פילאָזאָפיע אויך אָנגערופען ספעקולאטיוו. דאס שטאַמט פון דעם וואָרט ספעקולירען; ווי אַ גוטער געשעפטסמאן, למשל, ספעקולירט און מאכט אַ פערמעגען, פונקט אזוי ספעקולירען די פערשיעדענע פילאָזאָפען מיט דעם שכל און ברייגנען ארויס די טייערסטע געדאנקען. אויף אונזער זשארגאָן קען דאס ווארט ספעקולאטיוו פערטייטשט ווערען: טאפען אין דער פינסטער. — אין דעם אונענדליכען ים פון אלערליי געדאנקען, אין פערלויף פון די יאהרהונדערטע, גיט זיך עס איין פון צייט צו צייט איינצעלנע פילאָזאָפען, געבוירענע זשעניען, אז זיי זאלען צוזאמענשטעלען גרויסארטיגע פילאָזאָפישע סיסטעמען איבער דער בעטראכטונג פון דער וועלט. דערפאר טאקי, ווייל די פילאָזאָפיע איז זעהר שכל'דיג, אָבוואָהל מען מוז טאפען אין דער פינסטער, לעבט זי אזוי לאנג און האט אזא געוואלדיג בעלעהרענדע ווירקונג אויף די גרויסע קעפף פון דער מענשהייט. פון דעם, דאס הייסט דערפאר, ווייל עס איז נישטאָ און עס קען ניט זיין אירגענד וועלכע קאָנקרעטע בעוויזע פאר די פילאָזאָפישע געדאנקען, — איז אבער נאך ניט געדרונגען, אז יעדער, וואס טאפט אין דער פינסטער, קען אנגערופען ווערען פילאָזאָף! אָט, צו דיזען סארט „טאפען אין דער פינסטער", מוז מען עס ערשט האבען „שארפע אויגען" — אַ שארפען, געזונטען און קלאָהרען פערשטאנד.

די פילאָזאָפיע, האָב איך געזאָגט, — און יעדער דיינקער וועט עס מוזען צוגעבען, אויב ער וויל אדער ניט, — איז אַ וויסענשאַפט פון שכל; דאָס מיינט: די געדאַנקען מוזען זיין שכל'דיג צוזאַמענגע־שטעלט, בעגרינדעט אויף דעם געזונטען פערשטאַנד. פאַר אידען, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו האָבען אַ געשיכ־טע דער פילאָזאָפיע, מוזען די געדאַנקען זיין וואָס קלאָהרער און וואָס פּאָפּולערער. הייסט אָבער דאָס, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט גע־שריעבען שכל'דיג און קלאָהר? איך האָב אייך געגעבען דיזע קורצע לעקציע איבער דעם בעגריף פילאָזאָפיע און מיט דיזער זאָלט איהר מעסטען דר. זשיטלאָווסקי'ס „פילאָסאָפיע". זאָל מיר עמיצער אויפווייזען, אַז איך האָב געזאָגט עפּעס פאַלשעס! דאַגעגען קען איך בעווייזען, אַז ער האָט געשריעבען פּלאַפּלעריי, און אפילו דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט איבערגעבען אלס ניט זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט ער, אויס דומהייט נאַטירליך, איבערגעגעבען פאַלש און פער־דרעהט, און דאָס גאַנצע אַזוי אונזיניג, אַז מען מוז זיך פרעגען: וואו זיינען מיר אין דער וועלט? איז דאָס מעגליך, אַז קיינער זאָל דאָס האָבען באַמערקט?

אָט דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס איך האָב אין מיין ערשטער בראָשורע פראַנק און פריי געזאָגט, אַז דר. זשיטלאָווסקי איז אַ גייס־טיגער נול. דאָס לאַבען פון די צוקראַכענע אינטעליגענטען האָט בלויז ארויסגעוויזען דעם אמת פון מיינע ווערטער, נעמליך: אַז ער איז עס דער באַראָמעטער, וואָס וויזט דעם באַנקראָט פון דער אי־דישער ליטעראַטור. זאָלען נאָר די אינטעליגענטען ניט מיינען, אַז מיט דר. זשיטלאָווסקי'ס עקזיסטענץ אלס ליטעראַט האָט זיך אָנ־געפאַנגען אַ נייע צייט פאַר דער אידישער ליטעראַטור. איך קען

פעסט און זיכער בעהויפטען, אַז זיין „פילאָסאָפיע" האט פאר אַ לאַנ־גע, לאַנגע צייט צוריקגעשטויסען דעם וואונש פון די אינטעליגענטען צום העכערן דיינקען, אַז מיט אַזעלכע אונזיניגע געדאַנקען ווערען די יונגע מוחות אויף אייביג צוקריפּעלט! וואס קען שוין זיין טרויעריגער, ווען מענשען מאַרטערן זיך צו פערשטעהן דעם גרעסטען אונזין און מיינען דערביי: ווער ווייסט וואס פאר אַ טיעפע געדאַנקען עס שטע־קען אין דעם? וואס קען שוין זיין טרויעריגער, ווען מענשען ווילען ניט וויסען, אַז די טיעפסטע געדאַנקען קענען ארויסגעזאגט ווערען קלאָהר און דייטליך, פערשטענדליך און אינטערעסאַנט?

פון דעם מאָמענט אָן, ווען איהר וועט פערשטעהן די בעדייטונג פון מיינע ווערטער, וועט איהר מיך מעהר ניט בעשולדיגען אין „ריידען פון וועג".

פיערטער בריעף

איהר דארפט זיך ניט וואונדערן, מיין ליעבער פריינד, פארוואס איך האב נאך קיין איין ווארט געוויזען פון דר. זשיטלאָווסקי'ס „פי־לאָסאָפיע"; האב איך דאך ניט געקענט אלעס ארויסשרייבען אין איין בריעף! יעצט איז געקומען די צייט צוצוטרעטען צו דעם „ווערק" גופא. איך האף, אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ווען איך וועל אייך ווייזען אייניגע שטעלען בלויז; איהר וועט געוויס פערשטעהן, אז עס איז אונמעגליך (און אויך ניט נויטיג) צו ברייגען דעם גאנצען בוך פון קארגע 700 זייטען, אום צו ווייזען דעם אמת.

דער אָנפאַנג

אזוי שנעל, ווי מען מאכט נאר אויף דעם בוך, זעהט מען גלייך, אז מען האָט צו טהאָן מיט א מענשען, וועלכער טראָגט דעם טיטעל „דאקטאר", וועלכער ווייסט אבער ניט, וואס ער רעדט. מען זעהט די פלאפלעריי אין יעדער שורה, אין יעדען זאץ; עס וואלט געווען העכסט קאמיש דאס צו ווייזען. אבער ניין! ניט שפאסען, נאר די ביטערע ווירקליכקייט דארף מען צייגען.

„עס איז איצטער פאר קיינעם קיין סוד ניט", זאגט ער דארט אין זיין „דיא פילאָסאָפיע" (ערשטען באנד, זייטע 4 אין § 2) אז כמעט אלע וויכטיגע פילאָסאָפישע געבויען האט מען אויסגעפיהרט אונטער

דעם דרוק פון יענע בעדערפעגישען, וואס זענען אנגעוואקסען אין דעם געזעלשאפטליכען און אינדיווידועלען לעבען, און זייער צוועק איז געווען איבערצואנדערשען די גרונד־יסודות אין וועלכע דער יחיד און די געזעלשאפט האבען געגלויבט.״

יעצט פרעגט זיך, ערשטענס: וועלכע וויכטיגע פילאָזאָפישע „געבויען״ האט „מען״ אויסגעפיהרט און וואס הייסט „אויסגעפיהרט״? האט אפשר אירגענד וועלכע רעגיערונג גענומען אויף זיך די אויפגאבע אויסצופיהרען פאר דעם פּראקטישען לעבען אירגענד וועלכען פילאָזאָפישען „געבוי״? ווער קען פערשטעהן, וואס ער מיינט מיט די ווערטער: „אז אונטער דעם דרוק פון יענע בעדערפעגישען האט מען אויסגעפיהרט״? וואסערע בעדערפעגישען און ועמען איז עס אמאהל געלעגען אין זין צו טראכטען, אז מען מוז האבען אַן אָריגינעלען פילאָזאָפישען געבוי פון אַ זשעניע, אום איבערצואנדערשען דאס פּראקטישע לעבען? איהר קענט דא גוט זעהן, אז ער הויבט ניט אן צו ווי־סען דעם אונטערשיעד פון קאָנקרעטען דיינקען, ביז אַבסטראַקטען.

נאך דיזע, קומט אַ נייער צעטעל פראגען: מיינט ער אפשר מיט דיזע ווערטער, אז דער דרוק פון די געזעלשאפטליכע (פּראקטישע) „בעדערפעגישען״ האט געצוואונגען די פילאָזאָפען פון אלע צייטען צו שרייבען זייערע געדאנקען, אדער האט אפשר אַ קאמיטע בעשטעלט ביי זיי אַ פילאָזאָפישען סיסטעם? דאן איז דאך דאס אליין אַ סימן פון גרויס אונוויסענהייט! אויב איינער שרייבט, אז אונטער דעם דרוק פון די געזעלשאפטליכע בעדערפעגישען האט מען „אויסגעפיהרט״, דאן מוז ער בעווייזען, אז די פערשיעדענע פילאָזאָפישע סיסטעמען, האט מען מיט פרייד אויפגענומען אין געזעלשאפטליכען לעבען. קען ער דאס בעווייזען? עס איז דאך גאר פּונקט פערקעהרט!

די עקזיסטענץ פון די וויכטיגסטע פילאָזאָפען איז דאך גאר געווען ווי אַ ביין אין האלז פאר די „געזעלשאפטליכע בעדערפענישען”! דער בעסטער בעוויז פאר דיזער בעהויפּטונג איז: אז מיר זעהען אין אלע צייטען מארטירער פון פילאָזאָפיע. האט ניט סאָקראַטעס געמוזט אויסטרינקען דעם בעכער גיפּט? האבען ניט פּלאַטאָן און אריסטאָטעלעס געמוזט אַנטלויפען פון זייער פאטערלאנד? איז דזשאָרדאנאָ ברונאָ ניט פערברענט געווארען אויפ'ן שייטערהויפען? האט מען ניט אַ וואַניני פריהער דעם צונג ארויסגעריסען און נאכהער פערברענט? האט ניט שפּינאָזא געליטען די שרעקליכסטע יסורים פון „געזעלשאפטליכען דרוק”? און האט מען עס אפשר אזוי שנעל אַנערקענט דעם גרויסען קאַנט? און ווער ווייסט דען ניט, אז שאָפּענהויערן האט מען פערביטערט דאס לעבען כמעט אַ האלבען יאהרהונדערט?

און דאס איז דער אמת! — די איינציגע דיינקער האבען געמוזט אנפיהרען אַ שווערען, ביטערען קאמפּף, אז דער „געזעלשאפטליכער דרוק” זאל זיך צוהערען צו זייערע געדאנקען; און דער צווייטער, נאך ביטערער אמת איז: אז ביז היינטיגען טאג קען גאר קיינער די געדאנקען פון יענע גרויסע גייסטער, אויסער אַ גאנץ קליינע צאהל דיינקענדע מענשען, און, פּונקט ווי יענע, ליידען זיי צוליעב דעם.

דאס איז דער אנפאנג. אבער דר. זשיטלאָווסקי מיט זיינע אנהיינגער קענען גאנץ גוט אויסדרעהען דעם דישעל, מאכען אַ ויברח און זאגען דעם אלט בעקאנטען תיר ץ, וואס אלע דומקעפּף זאגען: „מען פערשטעהט ניט זיינע טיעפע געדאנקען”, אדער: (אויב מען וועט שוין נעמען אין אנבעטראכט, אז מען קען מיך אריינרעכענען צווישען די קלאהרע מענשען) — „עס איז בלויז אַ מיינונגס פערשיעדענהייט”. דערפאר איז גוט דיזע שטעלע איבערצולאזען אביסעלע

צום נאכדיינקען און איבערגעהן צו זיינע „יסודות" אדער „גרונד פרינציפען" פון דער פילאָזאָפיע, און זעהן, וואס פאר א פנים אייניגע פון זיי האבען.

די נויטווענדיגקייט

אונטער דיזען קעפּעל (ערשטען באנד, זייטע 14, §9) זאגט ער פאלגענדעס:

„עס זענען דאָ א סך פערשיעדענע ארטען פון נויטווענדיגקייט. שאָפּענהויער האָט אויסגעפאָרשט און דערקלעהרט פיער ארטען פון איהר, אָבער עס לאָזט זיך דענקען, אז עס קאָנען זיין נאָך אַנדערע אַרטען". און טאקי גלייך נאכדעם פאנגט ער אָן מיט דער ערקלעהרונג, ד. ה. נאך שאָפּענהויער'ן, פון די פיער אַרטען פון נויטווענדיגקייט: די מאַטעמאַטישע, די לאָגישע, די פיזישע און, לעצטענס, ווי דר. זשיטלאָווסקי וויל דוקא בעהויפּטען, אז שאָפּענהויער זאָל עס האבען „אויסגעפארשט", די טעלעאָלאָגישע נויטווענדיגקייט.

אלזאָ, איך האָב א רעכט צו פרעגען, אויב דער לעזער פערשטעהט, וואס נויטווענדיגקייט איז; פארוואס האט דר. זשיטלאָווסקי ניט צו פערשטעהן געגעבען, וואס פאר א ווארט דאס איז און וואס פאר א בעגריף עס שליסט אין זיך איין? אויב ער האט געוואלט ווייזען, וואס שאָפּענהויער האט אויסגעפארשט, האט ער דאך דאס געקענט איבערלאזען צו שאָפּענהויער'ס פילאָזאָפיע, וועלכע ער האט „סקיצירט"? אלזא, הייסט עס, אז דיזער גאנצער פאראגראף איז פארט געגעבען געווארען, אום אויפצוקלעהרען דעם לעזער, וואס אייגענטליך די נויטווענדיגקייט איז; פאר וואס זשע, פרעג איך, הויבט

דער לעזער ניט אַן צו פערשטעהן, וואס דאס בעדייטעט, שוין נאכ־
דעם ווי ער האט איבערגעלעזען אלע פיער זייטען וועגען דעם? די
איינציגע ערקלעהרונג, וועלכע ער קען געבען, איז: „איך רייד צו אינ־
טעליגענטע מענשען מוז איך ניט פאפולאריזירען יעדען ווארט".

מיר וועלען באלד זעהן די אורזאך פון זיין ניט וועלען געבען צו
פערשטעהן דיזען ווארט. דערווייל אבער, ווען פאר שאָפּענהויער'ן
איז ניט געווען אַ שאנדע צו פאפולאריזירען דיזען בעגריף, אָבוואָהל
ער האט געשריעבען פאר געלעהרטע, וועט פאר מיר, ווען איך רייד
צו אייך — צו אַ אידישען לעזער, געוויס קיין שאנדע זיין דאס צו גע־
בען צו פערשטעהן.

נויטווענדיגקייט בעדייטעט, ווי איך וועל דאס איבערגעבען אין
אידיש, „אַ מוז", ד. ה. עס מוז אזוי זיין, ווייל עס איז דא אַן אורזאַך
פאר דעם. אויב עס איז דא אַן אורזאַך פון אַ געוויסער ערשיינונג,
דאן מוז די ווירקונג נאכקומען. דיזע ווירקונג, וועלכע מוז קומען
פון אַן אורזאַך, איז עס דער איינציגער בעגריף פון נויטווענדיג־
קייט אין דער וויסענשאַפט.

איך גלויב, אז טראָץ דעם, וואס איך האב איבערגעגעבען דעם
בלויז טרוקענעם בעגריף פון דיזען ווארט, וועט איהר פון דיזע פּאָר
שורות גאַנץ גוט קענען וויסען, וואס דאס איז. צו אייער נוצען אבער,
וועל איך ברייגנען איייניגע ביישפּיעלען, וועלכע וועלען דיזען בעגריף
מעהר אילוסטרירען: — דאס פייער איז אַ נויטווענדיגע פאלגע פון
דער אורזאַך אונטערצינדען און פון די ברענ־שטאפען, וועלכע דאס
פייער מאטעריאל האט אין זיך. דער פערצווייגענער שטריק ארום אַ
מענשענ'ס האלז איז די אורזאַך פון זיין דערשטיקונג; דער בעגריף
„טויט" איז אַ נויטווענדיגע פאלגע פון דיזער דערשטיקונג, ד. ה. מיר

ווייסען, אז דער טויט מוז קומען, ווען די אורזאך טרעט איין. דעם מענשענ׳ס האנדלונגען זיינען נויטוועגדיגע פאלגען פון געבורט און אומשטענדען. און אזוי שליסט אין זיך איין די נויטווענדיגקייט דעם בעגריף „מוז" אין אונענדליכע פאלגען, וועלכע קומען פון אורזאכען. וואס פאר א ווערט דאס האט פאר דער פילאזאפיע דארף מען מעהר ניט זאגען. איהר וועט שוין אליין פערשטעהן, אז אזוי לאנג ווי אלעס אין דער וועלט האט אן אורזאך, דאן דארף יעדער פילאזאף נאכוויי־זען זיין סיסטעם אויף שטרענגער נויטווענדיגקייט.

אלזא, דאס, וואס איך האב געוויזען ביז יעצט, האט דר. זשיטלאווסקי ניט געזאגט. עס איז צייט צו זעהן, וואס ער האט יא געזאגט. וואלט ער כאטש איבערגעגעבען שאפענהויער׳ס ער־קלעהרונג ריכטיג — און שווער צו פערשטעהן ווי דאס וואלט געווען פאר אונערפאהרענע לעזער — וואלט נאך געווען א האלבע צרה; האט ער אבער מיט „שאפענהויער׳ס" געדאנקען אויך אריינגעשטעלט אייגענע, און דא זעהט מען ערשט קלאהר ווי דעם טאג די שרעקליכע פלאפלעריי. ווייזען וועל איך בלויז איינ־איינציגען פון די פיער „ער־קלעהרונגען", נעמליך: די לאגישע נויטווענדיגקייט, אבוואהל מען קען עס ווייזען אין אלע פיער.

„שטעל איך", זאגט ער דארט, „צונויף צוויי געדאנקען אין א ריכטיגער לאגישער שיכות, מוז פון זיי על פי נויטווענדיגקייט ארויס־שפרינגען א דריטער געדאנק, וואס איז א לאגישער פועל יוצא פון זיי. זאג איך צום ב. ש., אז אלע מענשען זענען שטערבליך און ראובן איז א מענש, מוז דערפון על פי נויטווענדיגקייט ארויסגעדרונגען ווערען, אז ראובן איז שטערבליך." דיזער געדאנק איז טאקי ריכטיג און אין אידיש איז ער שוין לאנג פאפולאריזירט געווארען; אויך קען מען

דיזען גערדאנק טרעפען אין יעדען אנשטענדיגען ווערטער־בוך ביי דעם ווארט „סילאָגיזם", וועלכעס ווייזט, אז ער האט קיין נייעס געזאגט. האט ער אבער, ווי שוין בעמערקט, געוואלט פעריכטען דעם „פעה־לער" פון געבען אַ קלאהרען געדאנק, און אוועק געשטעלט אַן אייגע־נעם, מיט עטליכע שורות ווייטער, ווי דער געבראכטער אויסצוג, און אָט איז ער:

„אַ לאָגיש ריכטיגער שלום מוז על פּי נויטוועגדיגקייט ארויס־שפּראצען אויך פון אַבסאָלוט פאלשע געדאנקען ווען זיי שטעהען נאר אין אַ פארמאל ריכטיגען לאָגישען המשך. אין מיינע „היסטארישע אידעען־פערבינדונגען" האב איך געבראכט אזא ביישפּיעל: „יעדער דריי־עק איז אַ פיער־עק, יעדער פיער־עק איז אַ קרייז, ממילא איז אויך יעדער דריי־עק אַ קרייז." עס פערשטעהט זיך אז אלע געדאנ־קען וואס זענען דא פארבונדען אין אַ לאָגיש ריכטיגער פארם, זענען אַבסאָלוט פאלש. און פון דעסטוועגען איז דער ממילא אדער דער פּועל יוצא אַ שלום, וואס מוז געמאכט ווערען על פּי לאָגישע נויט־ווענדיגקייט."

ווי געפעלט אייך דיזע שטיקעל תורה? וואלט מען ניט געקענט מיינען, נעמענדיג אלס ביישפּיעל דר. זשיטלאָווסקי'ס „געדאנקען", וועלכע ער האט איבערגעגעבען אלס דעם תמצית פון די גרויסע פי־לאָזאָפען'ס לעהרע, אז זיי, די פילאָזאָפען פון אלע צייטען, זיינען אַ באנדע משוגעים? איז עס דען מעגליך, אז מענשען זאלען אנשרייבען אזא אונזין, אזא פּלאָפּלעריי, הוילע ווערטער — ווערטער אָהן איר־גענד וועלכען צוזאמענהאנג, און נאך ליידען צוליעב דעם, זיך לאָזען פערברענען אויף די שייטערהויפענס, פערפאלגט ווערען אויף דעם גרויזאמסטען אופן? קען זיך אַ דיינקענדער מענש, פרעג איך אייך,

פארשטעלען אזא זאך? און וויעדער פון דער אנדערער זייט: וואלט מען ניט געקענט מיינען, אז דיזער אונזין איז ספעציעל געשריעבען גע־ווארען, אום צו פערטומלען די מוחות פון די לעזער?

זאלט איהר אבער וויסען, אז ניט דאס איז די אמת'ע פילאָזאָ־פיע! און אויך מוז איך צוגעבען, אז ער איז ניט ווי יאנאָווסקי, ד. ה. מיט אבזיכט פערדרעהען דעם לעזער'ס מוח, זאנדערן מיר האבען צו טהאן מיט א נול, און דערפאר דיזער אונזין! דער רעזולטאט אבער איז דערזעלבער: די פאראליזירונג פון דעם אינטעליגענטען יונגען מאן'ס מוח!

האט דר. זשיטלאָווסקי נאכגעדיינקט איבער דעם, וואס ער האט אנגעשריעבען? ניין! וויל, וואלט ער נאר געקענט אביסעל נאכדיינקען, וואלט ער ניט צוגעשטעלט צו דער נויטווענדיגקייט דעם זאץ: „עס פערשטעהט זיך אז אלע געדאנקען וואס זענען דא פאר־בונדען אין א לאָגיש ריכטיגער פאָרם, זענען אבסאָלוט פאלש". פערשטעהט ער כאטש, אז שוין דער פרעדיקאט אליין „זענען אבסאָ־לוט פאלש" ווארפט אום אלע זיינע געדאנקען? אויב אלע געדאנ־קען זיינען פאלש, וואס־זשע פאר א נויטוועגדיגקייט שטעקט אין די־זער בעהויפטונג? וואס קען מען זיך דיינקען פון דיזען ווידערשפרוך? די איינציגע ערקלעהרונג, וועלכע מען קען זיך געבען, איז: דר. זשיט־לאָווסקי האט „געהערט זינגען און ניט געקענט נאָכקלינגען"; עפעס האט ער געלעזען, עפעס האט זיך דארט „געבאָמבעלט" אין זיין קליי־נעם מוח, האט ער געכאפט, אויפגעשריעבען און דערלאנגט דעם לעזער, און ער, דער לעזער, מוז זיך שלאגען קאפף אָן דער וואנט, קר־קען ווי א האָהן אין בני־אדם, און מיינען ער האט פילאָזאָפיע.

איהר זאלט ניט מיינען, אז דאָ רעדט צו אייך א משוגע'נער, ווי

יאנאָווסקי האט עס געוואלט איינריידען דעם עולם, זאידערן איהר וועט עס באלד זעהן שווארץ אויף ווייס; און, פאלגליך, אז ניט דערפאר האט ער ניט גענעבען צו פערשטעהן, וואס נויטווענדיגקייט איז, ווייל ער האט גערעדט צו אינטעליגענטע מענשען, נאר ער האט איינפאך ניט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס.

אום צו קענען דאס בעווייזען, מוז איך אייך פריהער געבען א שטיקעלע פּאָפּולערע ערקלעהרונג פון דער לאָגיק.

די לאָגיק קען בעצייכענט ווערען אלס די וויסענשאפט פון קאָרעקטען דיינקען, ד. ה. דורך לאָגיק ווערט דער מוח דיסציפּלינירט, אום וואס קלאהרער צו דיינקען; איהר מעטהאדע איז אַ גאנץ איינפאכע: עס ווערט געצויגען שליסע פון איין געדאנק אויף אַ צווייטען, פון איין אורטהייל אויף אַן אנדערן. איין אבטהיילונג פון איהר וועל איך אנרופען ס י ל אָ ג י ז ם. און ניט צו פערברייטען זיך אין לאנגע ערקלעהרונגען, וועל איך עס פערטייטשען אין ציהען שליסע פון אלגעמיינע בעגריפע אויף איינצעלנע פעלע. „אלע מענשען זיינען שטערבליך", למשל, איז אַן אלגעמיינער בעגריף; „ראובן איז א מענש" איז אַן איינצעלנער פאל פון דעם בעגריף מענש: און „ראובן איז שטערבליך" איז אַ געצויגענער שלוס פון דעם אלגעמיינעם בעגריף. אין דיזער א י י נ צ י ג ע ר פערטייטשונג, און אין קיין אנדערער אבטהיילונג, ווייזט זיך ארויס די נויטווענדיגקייט. דער בייש־פּיעל מיט ראובן'ען איז ניט מעהר ווי אַ איבונג איינצושטודירען די לאָגיק, אום מען זאל זי קענען געברויכען פאר וויכטיגע שטודיען, ווי, למשל, מען לערענט זיך רעכענען, אום עס צו געברויכען אין פּראַקטישען לעבען; צו דיזען צוועק ווערט בענוצט די קלענסטע גרופּע סילאָגיסטישע פיגורען, וועלכע בעשטעהט פון 3 זעצע: 1) אַ מאַדזשאָר,

ד. ה. אַן אלגעמיינעם, גוט בעקאנטען אמת, ווי דער פריהער דער־מאהנטער ביישפּיעל: „אלע מענשען זיינען שטערבליך"; 2) פון אַ מינאָר, ד. ה. אַן איינצעלנער פאל, ווי: „ראובן איז אַ מענש" (דיזע ערשטע צוויי סארטען זעצע ווערען אויך בעצייכענט מיט דעם נאמען פּרעמיסען — פאראויס געשטעלטע זעצע); און 3) פון אַ קאָנקלוזיאָן, ד. ה. אַ שלוס פון די ערשטע זעצע.

די לאָגישע נויטווענדיגקייט, אדער דער „מוז", ווי איך האב עס פריהער פּערטייטשט, בעשטעהט אין דעם, וואס אין דעם מאַדזשאָר פון אירגענד וועלכער גרופּע סילאָגיסטישע פיגורען — און אין דעם פּאָפּולערען ביישפּיעל, וואס איך האב געבראכט, איז עס אין ערש־טען זאץ — ליגט שוין בעהאלטען דער קומענדער שלוס (פּונקט ווי אין דער אורזאך — פערצוייגענער שטריק ארום האלז — ליגט שוין בעהאלטען די קומענדע פאלגע — דער טויט). אָט וועט איהר עס זעהן קלאהר ווי דעם טאג. אויב מיר זאגען: „אלע מענשען זיינען שטערבליך", האבען מיר מיט דעם ווארט אלע שוין אויך אריינ־גערעכענט ראובן'ען (ראובן איז דאך קיין אויסנאהמע!); דערפאר, ווען מיר שטעלען צו צום פריהערדיגען זאץ אַ צווייטען: „ראובן איז אַ מענש", איז ער דאך שוין צווישען די אלע, און אויב אלע זיינען שטערבליך, איז נויטווענדיגער־ווייזע דער מוז, דער שלוס, אז „ראובן איז (אויך) שטערבליך".

אָט איז אַ צווייטער ביישפּיעל: „אלעס, וואס איז געמאכט פון האליץ, קען פארברענט ווערען"; אויב איך שטעל צו: „מיין טיש איז געמאכט פון האליץ", דאן וועט נויטווענדיגער־ווייזע דער שלוס, פּונקט ווי אין ערשטען און אין אלע אנדערע פעלע, זיין, אז „מיין טיש קען פארברענט ווערען". מען קען אזוי ברייגנען טויזענדער ביישפּיעלען;

עס איז אבער ניט נויטיג: איך וויל, אז איהר זאלט אליין נאכדיינ־קען און איהר וועט גלייך ענדעקען די וואונדערבארע איינפאכקייט פון דער לאָגיק.

ווי אזוי־זשע וועט זיך ארויסווייזען, אז דר. זשיטלאָווסקי האט ניט געוואוסט, וואס ער האט גערעדט? גאנץ איינפאך! די פילאָזאָ־פען, און ספּעציעל קאנט און שאָפּענהויער, האבען געווארנט געגען דעם מיסברויך פון דער לאָגיק: און מיסברויכען קען מען זי זעהר לייכט, אויב מען ציעלט נאר צו לאזען דעם געזונטען פערשטאנד, די געזונטע אורטהיילס-קראפט אָן א זייט און מען געהט נאך, נאך דער הוילער פארם. די הוילע פארם, אהן דער אורטהיילס-קראפט, פארפיהרט דעם דיינקער און איז שרעקליך פּאראליזירענד פאר שוואכע מוחות; פון דער הוילער פארם קענען ארויסקומען פאלשע שליסע. זאלט איהר אבער גוט אויפפּאסען, וואס איך מיין דא, און דאס איז: אז בלויז פאלשע ש ל י ס ע קענען ארויסקומען, ווען די פּרעמיסען (די ערשטע זעצע) זיינען ניט ריכטיג אוועקגעשטעלט, אבער אויף קיין פאל קען קיין רייד זיין פון פאלשע געדאנקען. פאל־שע געדאנקען קענען ניט אוועקגעשטעלט ווערען, ווייל מען זעהט גלייך ארויס זייער פאלשקייט; פון אמת'ע געדאנקען אבער, ווען די פּרע־מיסען שיינען צו זיין ריכטיג, קענען, מיט דערזעלבער נויטווענדיגקייט, געצווינגען ווערען פאלשע שליסע. מיט אזעלכע מיטלען בענוצען זיך אָפט שארלאטאנעס צו געבען זייער שווינדלערישען זשורנאליזם א שיין פון אמת; אויך בענוצען זיך מיט דעם קלוגע אדוואָקאטען און אינטערעסירטע ריכטער אויסצוטייטשען די געזעצע, ווי זיי ווינט זיך אם בעסטען. — ווי אזוי־זשע איז מעגליך צו ציהען פאלשע שליסע פון אמת'ע געדאנקען? אָט וועל איך ווייזען א ביישפּיעל:

„אלע 40 יאהריגע מענשען זיינען שכל'דיגע ברואים"! קען עמי־צער זאגען, אז דאס איז א פאלשער געדאנק? דא איז ניט די פראגע פון דעם גראד פון שכל, זאנדערן מען רעדט דא פון דעם געדאנק אלס ערשיינונג אין פערגלייך צו קינדער און צו חיות. פונדעסטוועגען, לייענט נאכאמאהל איבער מיין ערקלעהרונג וועגען לאגיק, אום איך זאל זי דא ניט דארפען ווידערהאלען, און מיר וועלען זעהן, ווי דערזעלבער שיינבאר אמת'ער געדאנק קוקט אויס אין א גרופע סי־לאגיסטישע פיגורען:

אלע 40 יאהריגע מענשען זיינען שכל'דיגע ברואים, (מאדזשאר)
באוושאוער דער גייסטיג־קראנקער איז 40 יאהר אלט; (מינאר)
פאלגליך איז באוושאוער א שכל'דיגע בריאה. (קאנקלוזיאן)

איך גלויב, אז איהר וועט יעצט פערשטעהן, דאס דער פאלשער שלוס איז א נויטווענדיגע פאלגע פון דעם מאדזשאר; און דער מאדזשאר, אבוואהל ער האט זיך פריהער פאר אייך ארויסגעוויזען אלס א פאלקאם אמת'ער געדאנק, איז ער אבער אלס ערשטער זאץ פון די פרעמיסען ניט ריכטיג. און דאס טאקי זאלט איהר וויסען: — דאס ניט די לאגיק איז שולדיג אין די פאלשע שליסע, נאר די פרעמיסען. פונקט ווי מען קען ניט זאגען, אז די מאטהעמאטיק טויג ניט, ווען איינער קען ניט רעכענען, אדער איינער מאכט אבזיכטליך א פאלשען חשבון — אזוי קען מען ניט זאגען, אז דערפאר, ווייל די פרעמיסען זיינען, אויס דומהייט אדער שארלאטאנעריי, ניט ריכטיג געשטעלט, טויג ניט די לאגיק. די ריכטיגסטע זאך איז, דאס אזוי שנעל ווי דער געזונטער פערשטאנד ווייזט א פאלשען שלוס, דארף מען גלייך אויפפאסען אויף די פרעמיסען. אין אונזער פאל, אויב מען וויל וויסען דורך א שטרענג לאגישען שלוס דעם גייסטיגען צו־

שטאַנד פון באַוושאַוער אין פערגלייך צו אלע אנדערע מענשען, דאַן דאַרף דער מאַדזשאַר אויסגעבעסערט ווערען, נעמליך:

„אלע 40 יאָהריגע מענשען, אויסער גייסטיג קראַנקע, זיינען שכל'דיגע ברואים." —

דאַן וועט אויף קיין פאַל מעהר ארויסקומען א פאַלשער שלוס, און די לאָגיק בלייבט זיך לאָגיק, און דער געזונטער פערשטאַנד, די געזונטע אורטהיילס־קראַפט ניט געטשעפעט.

וואס האט אבער אונזער דר. „פילאָסאָף" געטהון? זיין שוואַכער מוח, זייענדיג אָנגעפילט מיט דער העגעל'שער דיאַלעקטיק פון „עס איזט אונד איזט יא ניכט" און וועלענדיג פערוואַנדלען א דריי־עק אויף א קרייז, האט ער מיט איין שמיר פון דער פעדער געוואָלט פער־ניכטען די גאַנצע לאָגיק. מיט איהם איז דיזעלבע מעשה, ווי מיט יענעם רענדאַר, וועלכער האט געהאט אַן אורח אויף שבת; ווען דער לעצטער האט געבעטען אביסעלע זאַלץ, ווייל עס מאַכט בע'טעם'ט די זופּ, האט דער רענדאַר, מיט דער עהרליכער כונה, „אַז אביסעלע איז גוט — איז דאָך א־סך נאָך בעסער", אריינגעשאָטען א פולע כלי מיט זאַלץ... אויב מען האט געוואַרנט געגען דעם מיסברויך פון דער לאָגיק, האט ער בעוויזען א חריפות און זי אינגאַנצען „פערניכטעט". דאס טרויעריגסטע דערביי איז, דאס קיין איינציגער פון דער אינטע־ליגענץ האט געוואוסט, אַז מיט דעם האט ער פערדאָרבען די מוחות פון די פיעלע יונגע לייטע, וועלכע זיינען אין איהם נאָך ביז איצט אנ־פערטרויעט און האַלטען איהם פאר א געוואַלדיגען געלעהרטען.

וואָלט ער כאָטש געזאגט, „אַז יעדער דריי־עק איז א פיער־עק", און וואָלט געצויגען א שלוס, למשל, אַז די דריי ליניען, געצויגען פון דער ערד צום מאַרס און פון דיזע צו דער זון, זיינען, דורך לאָגישער

נויטווענדיגקייט א פיער־עק, דאן, אונזיניג ווי דאס וואלט געווען, וואלט עס אבער געוויזען, אז ער ווייסט, וואס נויטווענדיגקייט איז און וואס לאגיק איז; אבער וואו ליגט זי ערגיץ — די נויטווענדיגקייט — אין דעם מאכען א קרייז פון א דריי־עק? ליגט זי ניט אפשר אין דר. זשיטלאָווסקי'ס פּלאַפּלען? און ווירקליך! ווען מען מאכט פאר בלויז פּלאַפּלען פאר א פּילאָזאָף, מעג איך דאך אויך אוועקשטעלען אייני־גע זעצע? און דאס וועל איך טהאן:

„די באָבע איז געפלויגען איבערן דאך, זי האט געלעגט אַן איי, און ווען זי פליהט און לעגט שוין אייער, איז זי ניט ממילא, נאך דר. זשיטלאָווסקי'ס לאָגישער נויטווענדיגקייט, א פּיפּערנאָטער...?"

אזוי פּלאַפּעלט מען דאס אויף וואס די וועלט שטעהט, און די „אינטעליגענץ" מאכט דערפאר פאר א גדול שבגדולים, און ווען איך האב געוואגט צו זאגען דעם אמת, אז ער איז א גייסטיגער נול, האט מען מיך געמאכט פאר א משוגע'נעם... — נאר זאל מען מיך מאכען! איך וועל קעמפּפען צו בעווייזען, אז איך בין עס ניט! און איך האף, אז די צייט איז ניט מעהר אזוי ווייט, ווען מיר וועט געלינגען צו בעוויי־זען ווער די אינטעליגענץ איז, פון דעם גרעסטען ביז צום קלענסטען. אויב איך וועל לעבען און אויב דיזע ארבייט איז נויטווענדיג, דאן וועט זי געטהאן ווערען. זיעגען? ניין! ניט דאס איז איצט מיין גענוס! דער קאמפּף צו בעוויזען ווער די גרויסע זיינען איז מיין ציעל, און דער עולם וועט מוזען איינזעהן, אז די לעבערליכע זיינען זיי אבער אויף קיין פאל איך.

איך וועל איבערלאזען די „נויטווענדיגקייט", כאָטש עס איז נאך דא גענוג „שטאף" אין איהר, און איבערגעהן צו אַנדערע „הויכע" געדאנקען פון דיזען „גרויסען פּילאָזאָף".

דער רעלאַטיוויזם

אונטער דיזען קעפּעל (ערשטען באַנד, זייטע 22, §12) פאַנגט דר. זשיטלאָווסקי אָן אַזוי:

„ניטאָ קיין אַבּסאָלוטע אמת׳ן אין דער פילאָסאָפיע, וואס זאלען טויגען פאר אלע מענשען און אלע אומשטענדען, — אָט דאס איז די גרונד-לעהרע פון דעם רעלאַטיוויזם״. די אינטעליגענטען וואלטען איהם געמעגט ווינשען צו לעבען 120 יאהר אין פריעדען, ווען ער וואלט מעהר ווי דיזע 3 שורות ניט אריינגעשטעלט. אין דער ראדי-קאלער פרעסע, שוין איבער 20 יאהר, פּרעדיגט מען דאס. האט ער אבער נאר דיזע ווערטער אנגעשריעבען? מיר וועלען עס באלד זעהן. דערווייל שטעל איך ווידער דיזעלבע פראגע: אמת, דער פילאָזאָפי-שער אמת איז טאקי אַ רעלאַטיווער, אבער וואס איז דער אונטער-שיעד פון אַ רעלאַטיווען אמת ביז צו אַ פּאזיטיווען אין דער פילאָזאָ-פיע? פארוואס האט ער קיין ווארט דערמאהנט וועגען דעם? אויב אבער ער האט ניט צו פערשטעהן געגעבען, דאן מוז איך עס טהאָן.

רעלאַטיוו מיינט עהנליך, פערוואנדט, פערהעלטניסמעסיג-גלייך. אַ ביישפּיעל וועט דיזען בעגריף קלאהר מאכען. „לעבען״! וואס איז דא אמת אין דיזען בעגריף? אָט וואס: מיר, לעבעדיגע מענשען, ווי אויך חיות און פלאנצען, וואקסען, מעהרען זיך און שטארבען. וועל-כען אנדערן בעגריף קען מען פערגלייכען צו דיזען? אָט וועלכען: וואַ-סער לעבט! דאס מיינט ניט, אז וואסער האט אין זיך פּונקט אזא לעבען ווי מענשען, חיות אדער פלאנצען, נאר אַ פערגלייכענדעס, אַ פערהעלטניסמעסיג עהנליך לעבען — ווייל עס בעוועגט זיך. פון דעם קען מען זעהן, אז רעלאַטיוו מיינט: אַ בעגריף, וועלכער איז פאר

אונז כמעט אונבעקאנט, פערגלייכט מיט אזעלכען, וועלכער איז אונז זעהר גוט בעקאנט. אָט דאס איז עס דער אונטערשיעד פון א רע־לאַטיוועז אמת ביז צו א פּאזיטיווען.

וועלכע ראָלע שפּיעלט דיזער בעגריף אין דער פילאָזאָפיע? איין ביישפּיעל בלויז וועט זיין גענוג, אז איהר זאלט דאס געוואהר ווערען; פון דר. זשיטלאָווסקי׳ס „רעלאַטיוויזם" קענט איהר עס ניט וויסען. איז אין אונז, פיהלענדע מענשען, גוט בעקאנט אונזער אייגענער ווי־לען און שטרעבען — איז דאס א פּאזיטיווער אמת, אז מיר ווייסען גאנץ גוט, דאס מיר האבען פערלאנגען? אָט צו, דיזען, צו אונז גוט בעקאנטען בעגריף פון אונזער אייגענעם ווילען, פערגלייכט שאָפּענ־הויער זיין אמת, אז די גאנצע וועלט, די גאנצע נאַטור איז דורך און דורך דערזעלבער ווילען. — אָט דאס איז עס דער אונטערשיעד פון א פּאָזיטיווען אמת ביז צו א רעלאַטיווען.

יעצט, נאכדעם ווי איך האב אייך צו פערשטעהן געגעבען, וואס רעלאַטיוו הייסט, קען איך שוין מיט א רוהיגען געוויסען אנצייגען דר. זשיטלאָווסקי׳ס אונזין. עס איז מערקווירדיג צו זעהן, ווי דיזער מאן שטעלט אוועק לעבען א קלאהרען, נאכגעפּלאַפּעלטען געדאנק זיין אייגענעם, ווען ער איז אונפעהיג צו געבען אן ערקלעהרונג איבער דעם קלאהרען. —

„...דעריבער", זאגט ער דארט אביסעל ווייטער, „מוזען די פּי־לאָסאָפישע סיסטעמען טראָגען דעם סמן פון א נאַציאָנאַלען שטעמ־פּעל אויף זיך". וואס הייסט זיי „מוזען טראָגען"? און ווען זיי טראָ־גען קיין „נאַציאָנאַלען שטעמפּעל" קענען זיי שוין ניט אנגערופען ווע־רען גוטע פילאָזאָפישע סיסטעמען? די אינטעליגענטען אין זייער אונוויסענהייט קענען זיך גלויבען דר. זשיטלאָווסקי אויף זיין בלויזען

פלאפלען; איך, דאגעגען, וויל ניט מען זאל מיר גלויבען אויף מיין ווארט, זאנדערן איך וועל עראינערן אָן א פאר פאקטען, וועלכע ווע־לען וויזען, אז דוקא די בעסטע פילאָזאָפישע סיסטעמען זיינען פריי פון דעם „נאציאָנאלען שטעמפעל".

עס איז א בעקאנטער פאקט, אז שאָפּענהויער האט געהאסט „זיין" פאלק פאר זיין גרויסער דומהייט. דיזען שטעמפעל זעהט מען יא אין זיין פילאָזאָפיע. טאמער איז דאס נאך וועניג, וועל איך דא ברייגגען א צווייטען — אביסעל בעסער בעקאנטען פאקט פאר גע־בילדעטע מענשען — אז שאָפּענהויער'ס פילאָזאָפישער סיסטעם טראגט אויף זיך גאר דעם שטעמפעל פון דער אור־אלטער אינדי־שער רעליגיאָן, פון דעם בודדהיזם.

קאַנט, דער דייטש, וועלבער איז זיין גאנצען לעבען ניט ארויס־געפאהרען פון דייטשלאנד, האט אנגעשריעבען א סיסטעם טראגט ער גאר אויף זיך דעם שטעמפעל פון דער פילאָזאָפיע פון א גריכישען פילאָזאָף, פּלאַטאָן.

„אונזער" שפינאָזא האט זיך גאנץ קלאהר אויסגעדריקט (אין זיין „טהעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראקטאט") געגען נאציאָנאליזם. עס איז אבער אויסער דעם א בעקאנטער פאקט, אז זיין פילאָזאָפיע טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון דעם „גוי" קארטעזיוס. אבער נאך א מערקווירדיגערען פאקט וועל איך פאר אייך ברייגגען, דאס איז: שפינאָזא'ס „נאציאָנאלען געפיהל", און איהר וועט זעהן, ווי וויים א מאן קען פלאפלען און ניט וויסען וועגען וואס. אז די יעצטי־גע צייט — די זאגענאנטע נאציאָנאלע אויפלעבונג, איז ניט מעהר ווי א ווידערהאלטער ענטוזיאזם פון דאס, וואס עס האט פּאסירט מעהרערע מאהל אין דער פריהערדיגער צייט, איז קיין נייעס; אבער

ווי ווירקט עס אויף אן אמת דיינקענדען מענש? ־ ווועלען מיר עס זעהן.

איינער אָלדענבורג פון לאָנדאָן, שפינאָזא׳ס אן אינטימער פריינד מיט וועלכען ער פלעגט פיהרען קאָרעספּאָנדענציעס איבער פילאָזאָפישע פראגען, האט אין איינעם פון זיינע בריעף, דאטירט דעם 8טען דעצעמבער 1665, צווישען אנדערעס, פאלגענדעס געשריעבען:

„...נון צו דער פּאָליטיק. עס געהט דא ארום א קלאנג ביי יעדען אין מויל פון דעם צוריק קעהרען זיך פון די אידען אין זייער פאטערלאנד, נאכדעם ווי זיי זיינען מעהר ווי 2000 יאהר געווען צושפּרייט. דא אין לאָנדאָן גלויבען זעהר ווייניג מענשען אין דעם, אבער פיעלע ווינשען עס. ווילט איהר ניט אייער פריינד מיט־טהיילען, וואס איהר הערט וועגען דעם און וואס איהר האלט פון דעם? וואס מיך אנבעלאנגט, קען איך דיזע נייעס ניט האלטען פאר אמת, אזוי לאנג ווי זי ווערט ניט בעשטעטיגט פון גלויבענסווירדיגע מענער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכע זיינען אם מייסטען אין דעם אינטערעסירט. איך בין נייגיעריג צו ערפאהרען, וואס די אמסטערדאמער אידען האבען וועגען דעם געהערט און וואס פאר אן איינדרוק אזא וויכטיגע נאכריכט האט געמאכט אויף זיי, ווייל, ווען דיזע נייעס זאל זיין אמת, וואלט עס געמאכט אן איבערקערעניש אין אלגעמיינע וועלט אנגעלעגענהייטען".

עס איז אבסאָלוט אונבעקאנט, וואס שפינאָזא זאל האבען געענפערט אויף דיזער אנפראגע. — דער נאַציאָנאלער געפיהל איז ביי איהם געווען „אזוי שטארק", אז ער האט אין זיינע שריפטען אפילו א ווארט מעהר ניט דערמאהנט וועגען דעם, כאטש ער האט נאכדעם נאך געלעבט 12 יאהר און געשריעבען זיין אונשטערבליכעס ווערק „די עטהיק" און א ניט גענדיגטע ארבייט פון זיינס אַ אנדער ווערק.

דיזעס איינמאהל אויסשפרעכען זיך דאגעגען און מעהר א ווארט ניט דערמאהנען וועגען נאַציאָנאַליזם, איז זעלבסט פערשטענדליך; א טיעפער דיינקער אינטערעסירט זיך גאנץ וועניג מיט אזעלכע נאריש-קייטען, ווי נאַציאָנאַליזם, נאַציאָנאַלער געפיהל, שטעמפּעל א. ז. וו. דר. זשיטלאָווסקי'ס בעליעבטע בעהויפּטונג, אז וואס גרעסער דער גייסט איז אלץ מעהר דריקט זיך אין איהם אויס דער נאַציאָנאַלער שטעמפּעל, איז אַן אונוויסענדע פּלאַפּלעריי. טאקי נאר ביי אזוינע „גרויסע גייסטער", ווי ער אליין איז, דריקט זיך אויס דער נאַציאָנאַלער שטעמפּעל — דער שטעמפּעל פון באַד-פילאָזאָפיע.

*) אבגעפערטיגט דעם „שטעמפּעל", וועלען מיר זעהן א צווייטע בעהויפּטונג (זייטע 23). „דער פילאָסאָפישער אמת איז דעריבער א רעלאַטיווער, א לפי ערב'דיגער"... און פארוואס, מיינט איהר, איז עס אזוי? הערט און שטוינט! ווייל „ער (דער אמת, הייסט עס) ווענדט זיך אַן דעם, מיט וועלכע אינטערעסען דער פילאָסאָף לעבט פארבונדען, א. ז. וו." — אנשטאַט צו זאגען, אז דער פילאָזאָפישער אמת איז א רעלאַטיווער, ווייל אונזערע חושים קענען ניט אריינדרינגען ביז צו די לעצטע שפּורען פון די געהיימניספאָלע נאטור קרעפטע, (וואלטען זיי עס יא געקענט, דאן וואלט דאך די פילאָזאָפיע פארלוירען איהר בעדייטונג, די וועלט-רעטעניש וואלט מעהר קיין רעטעניש געוועזן!) — אנשטאַט דאס צו זאגען, אבער ניט קענענדיג עס פערשטעהן, האט ער זיך א זאג געטהאן: עס ווענדט זיך אַן די אינטערעסען פון דעם פילאָזאָף. עס וואלט זיך ניט געלוינט איבער דעם צו ריידען, ווען, ליידער, פיעלע וואלטען ניט געגלויבט, אז יעדעס ווערק איז א פּראָדוקט פון אינטערעסען; דאס איז אבער א גרויסער טעות! א פילאָזאָפישער סיסטעם קען קיינמאהל זיין גוט, אויב דער

פילאָזאָף, וואס האט איהם געשאפען, האט אין זינען זיינע אינטע־רעסען. אויך די אינטערעסען פון דעם פילאָזאָף'ס קלאס קענען ניט האבען אירגענד װעלכע װירקונג אויף זיין פילאָזאָפיע. דעם בעווייז פאר דעם דארף מען ניט פיעל זוכען; פריהער האב איך שוין געוויזען, אז עס זיינען דא מארטירער צווישען די פילאָזאָפען: די געשיכטע איז פול מיט זיי. און ווען עס זיינען יא דא אזעלכע פילאָזאָפישע „סיס־טעמען", וועלכע טראגען דעם סמן פון אינטערעסע (פּערזענליכער, פּאליטישער, קלאס אדער רעליגיעזער), דאן האבען זיי טאקי קיין ווערטה. אויך ווענען אזעלכע פאלשע פילאָזאָפיען ווערט אין דער ליטעראטור דערמאהנט; דר. זשיטלאווסקי, ווייזט אוים, הויבט פון דעם ניט אָן צו וויסען: אַ קליינינקייט איז גוט צו ווייזען.

יעדער געבילדעטער מענש ווייסט, אז עס זיינען אמאהל געווען סאָפיסטען; און אבוואהל מען האט מאנכע פון זיי געהאלטען פאר גרויסע דיינקער, ווערען זיי אבער בעשולדיגט, אז זיי האבען אויסגע־נוצט די פילאזאפיע פאר זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. אויך אנדערע פילאזאפען האבען אויסגענוצט די פילאזאפיע פאר זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. דער אמת איז, ווי שאָפּענהויער האט זעהר ריכטיג בעמערקט, אז געניאלע פילאזאפישע ווערק, געשריבען פון עהרליכע פילאָזאָפען, זיינען דא אזוי ווענינ, אבוואהל ביכער אי־בער פילאָזאָפיע זיינען דא אין מאססען, אז מען וועט קוים קענען אי־בערצעהלען אַ גוטעס ווערק פאר יעדען יאהרהונדערט דורכשניטליך.

ווי ריהרענד קלאגט דאַנטע אויף די אונוויסענהייט פון דער אינ־טעליגענץ פון זיין צייט, ווי זיי ווערען גענארט מיט פאלשער פילאָזאָ־פיע פון שלעכטע פילאזאפען. אין 29טען געזאנג פון „פּאראדיז" אין זיין „געטליכער קאָמעדיע" האלט ער אַ גאנצע מוסר־דרשה איבער

דעם. אויב מיר זאל געלינגען כאטש א שורה איבערצוגעבען אין אידיש, וואלט עס געווען גענוג צו ווייזען די ריכטיגקייט פון מיינע ווערטער; איך וועל עס פרובירען:

„די שעפעלעך, זיי זיינען בלינד צו זייער לייד, זיי שלינגען ווינד, דארט, וואו זיי גלויבען צו האבען פאשע..."

דיזע מוסר־דרשה איז א לאנגע און איז צוגעפאסט פאר יענער צייט. אבער אויך אין אונזערע צייטען זעהט מען דיזע ערשיינונג. שאפענהויער האט זיין גאנצען לעבען געקלאגט אויף די פאלשע פי־לאזאפיע פון פיכטע, שעללינג און העגעל, און ער האט נאכגעוויזען, אז דיזע הערען האבען פילאזאפירט צוליעב אינטערעסע.

איך וואלט געקענט בריינגען נאך מעהר ביישפיעלע וועגען דעם; עס איז אבער ניט נויטיג. מען דארף נאר א קוק טהאן אויף די מא־סע פילאזאפישע ביכער — לאנגווייליגע פלאפלערייען פון העגעלשער אבשטאמונג, און עס איז גענוג צו פערשטעהן די קלאגעס פון אמת'ע דיינקענדע מענשען. און אויך אונזער גאנצע אידישע אינטעליגענץ איז אנגעשמעקט מיט העגעליזם און עס איז קיין וואונדער, וואס זיי פערגעטערן העגעל'ן און יעדען אונזין מיט דעם נאמען „פילאזאפיע"; זיי פערגעטערן דאס אין זייער שטומפפהייט.

יעצט וועלען מיר איבערלאזען דעם „רעלאטיוויזם" און א בליק טהאן אויף דער „טעלעאלאגיע".

די טעלעאלאגיע

אונטער דיזען קעפעל (ערשטען באנד, §14, זייטע 24) פאנגט ער אן אזוי:

„וואו נאר מיר רעכענען זיך מיט פּראקטישע טהעטיגקייט, מוזען מיר זיך רעכענען מיט וועלכע עס איז ציעלען. דער צוועק־פּרינציפּ, אדער די ט ע ל ע אָ ל אָ ג י ע איז דעריבער דער נייטער יסוד פון פּיי לאָסאָפישען בנין.

„אויך דער יסוד מוז שפּיעלען זיין ראלע אין דעם אויפבוי פון אַ פּילאָסאָפישען סיסטעם. און די ראלע זיינע איז איינע פון די שווי־ריגסטע, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. עס מוז פּילאָסאָפיש קלאר געמאכט ווערען פאר דעם איינצעלנעם מענשען זיין מעגליכקייט צו שטעלען זיך ציעלען און צו דערגרייכען זיי מיט דער הילף פון יענע מיטלען, וואס ער ווענדט אָן."

ווייטער קומט נאך אַ גאנצע זייט, אלץ מיט אזעלכע געדאנקען, ווי: „דער ציעל פון איינצעלנעם", „פּראקטישע טהעטיגקייט" און אנדערע פראזען, וועלכע מאכען דעם איינדרוק פון טיפע געדאנקען, זיי זיינען אבער בלויז ווערטער, וועלכע ווייזען די שרעקליך גייסטיגע ארימקייט פון דיזען מענשען. אָט, ביי אזא געלעגענהייט, זעהט מען עס ערשט קלאהר ארויס; אָט דיזעס צוויבערהאפטע דאזיין אונזערס, וועלכעס מיר קענען ערשט ארויסזעהן דורך דעם נאכדיינקען פון דיזען בעגריף — טעלעאָלאָגיע און וועלכעס שטורמט אזוי אויף יעדען דיינ־קער, דערהויבט זיין געמיטה צום העכסטען צושטאנד פון דיינקען; אָט דיזעס וואונדערבאַרע דאזיין, וועלכעס פּאקט אזוי שטארק דעם דיכטער: אָט דיזעס גאנצע דאזיין פּטר'ט דר. זשיטלאָווסקי אָפּ מיט עטליכע אינגעלשע פראזען, פערפּלאָכטען מיט „פּראקטישע טהעטיג־קייט", „ציעלען פאר דעם איינצעלנעם" א. ז. וו.

דער אמת איז, אז דער לעזער, נאכדעם ווי ער האט זיך שוין גע־בראכען דעם קאָפּ איבער דעם, ווייסט ער ערשט ניט, וואס דאס איז.

עס שטעהען טאקי ווערטער: „צוועק־פּרינציפּ״, „ציעל״ און נאך אנ־דערע; אבער צו פערשטעהן די בעדייטונג פון טעלעאָלאָגיע, באטש ער לאזט אונז וויסען, אז „די ראלע זיינע איז איינע פון די שווערינסטע, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען״, איז א געהיימנים: עס בלייבט א בוך מיט זיעבען זיעגלען. די טייטש פון די ווערטער „ציעל״ און „צוועק״ קען אפשר זיין עהנליך צום ווארט טעלעאָלאָגיע; דאס איז אבער אזוי ווייט פון פילאָזאָפיע, ווי איך פון סאטורן! און דאס זאל בעוויעזען ווערען.

די איינפאכסטע טייטש פון טעלעאָלאָגיע איז: די צוועקמעסיג־קייטס לעהרע, די ציעל לעהרע, אדער די ענד־צוועק לעהרע. דאס מיינט אבער אויף קיין פאל, אז אין דער פילאָזאָפיע הייסט עס, דער ציעל אדער דער צוועק פון אן איינצעלנעם אינדיווידיום אין זיין פּראקטישען לעבען, — ניין! דאס מיינט: די לעהרע פון דער צוועקמעסיגקייט אין דער נאטור. פאר דעם אידישען לעזער איז נויטיג א גענויערע בעקאנטשאפט מיט דיזער לעהרע. דער שטרייט צווישען די פערשיעדענע פילאָזאָפען פון אלע צייטען איז גע־ווען איבער פאלגענדער פראגע: איז ערגיץ וואו אין דער נאטור פאַ־ראן אזא מאכט, אזא געהיימניספאלעס וועזען, וועלכעס האט איר־גענד וועלכע אויפגאבע צו ברייגגען די עקזיסטירענדע וועלט צו א גע־וויסען ענד־צוועק, ציעל, אדער העכסטער פאלקאמענהייט, — אדער איז ניט פאראן? ביישפּיעלען, דאפיר און דאגעגען, וועלכע זאלען איי־לוסטרירען דיזען געדאנק, קען מען ברייגגען אין די טויזענדע; איך וועל ברייגגען איניגע און איהר וועט שוין דאס בעגרייפען.

אבער מערקט אייך, פריינד, אז מיר ריידען דאָ פון פילאָזאָפיע! און ניט: אומזיסט האב איך אייך געגעבען א פּאָפּולערע פערטייטשונג.

נעמליך, דאס די פילאָזאָפיע איז טראַנסצענדענט*). יעצט, נאך דיזער עראינערונג, קענען מיר שוין צוטרעטען צו די ביישפּיעלען.

אין 14טען יאָהרהונדערט איז אין איירָאָפּאַ געווען אַ שרעקליכע מגפה, די שוואַרצע פעסט, איבער וועלכער עס זיינען אויסגעשטאָרבען פיעלע מיליאָנען מענשען. צו גלייכער צייט מיט דער מגפה אבער, איז געוואָרען אַ גרויס גערעטעניש אויף געבורטען: עס זיינען געבוירען געוואָרען, לויט די בעריכטען פון יענער צייט, מאססען צווילינגס און דריילינגס. אלע יענע, וועלכע דיינקען, אז ערגיץ וואו אין דער נאַטור איז פאראן אזא געהיימניספאָלע מאכט, וועלכע פּאסט אויף אויף די פּאסירונגען פון דער וועלט, וועלען געוויס זאגען, דאס דיזע גערעטעניש אויף געבורטען איז געקומען דורך דער השגחה פון יענער מאכט, אום ניט צו לאָזען די וועלט צו גרונד געהן.

מיר וועלען איצט זעהן, וואס פאר אַן ענפער דער צווייטער צד קען אויף דעם געבען. — אין מיטעלאַלטער, אין יענער פינסטערער צייט, ווען די קאַטהוילישע קירכע איז געווען די הערשערין איבער דעם גאנצען גייסטיגען לעבען און געדריקט די געלעהרטע וועלט מיט איהר שווערער לאַסט, ווען פאר יעדען פרייען וואָרט איז מען געווען איינגעשטעלט מיט דעם לעבען, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען, אז די בעריכטען פון יענער צייט — אַ צייט פון אַ גרויסען אונגליק, קענען זיין איבערטריעבען. צווילינגס און דריילינגס ווערען צ ו י ע ד ע ר צ י י ט געבוירען. עס איז זעהר מעגליך, אז זי, די קירכע, האט אויסגענוצט

*) אויב דער לעזער האט פערגעסען, וואס דאס וואָרט טראַנסצענדענט בעדייטעט, איז ער געבעטען צום צווייטען מאָהל דורכצולעזען די ערקלעהרונג וועגען דעם אויף זייטע 30.

דיזע פאסירונג, פונקט ווי יעדע רעליגיאָן נוצט אויס יעדען אונגליק, פאר איהרע הערשערישע צוועקען. און דערפאר איז אלעס ארויס־געקומען צו גונסטען פון א געהיימניספאלער מאכט. אזא פאסירונג מאכט זעהר לייכט מעגליך, דאס אפילו די גרעסטע דיינקער זאלען אריינפאלען אין גרעסטען טעות.

דיזער ענפער ברייננט אריין א צווייפעל אין דער פריהערדיגער בעהויפטונג און צושטערט איהר הויפט בעווייז.

מיר וועלען איצט זעהן א צווייטען ביישפיעל. טיעף אין דער ערד איז דא א גרויסער זאפאס קוילען; זיי זיינען אזוי נויטיג פאר דער איצטיגער ציוויליזאציאָן, ווי דאס טעגליכע ברויט פאר דעם מענש. פארוואס זיינען דיזע קוילען געלעגען טויזענדער יאהרען און געווארט, אום יעצט צו ווארעמען אונזערע הייזער, צו טרייבען אונזערע פאבריי־קען, אונזערע אייזענבאהנען, אונזערע שיפען? עס איז קיין אנדערע זאך, וועלען די אנהייננער פון א געהיימניספאלער מאכט זאגען, ווי די השגחה פון טאקי יענער מאכט אונז ניט צו לאזען אונטערגעהן, און דערפאר זארגט זי זיך פאר אונזער פאָרטשריט, אונזער וואוילזיין.

מיר וועלען איצט זעהן, וואס פאר אן ענפער מען קען געבען: עס איז טאקי אמת, אז די קוילען פון דער טיעפעניש פון דער ערד זיינען פאר אונז נויטיג ווי דאס טעגליכע ברויט; אבער צו זאגען, אז דאס איז אן השגחה פון אירגענד וועלכער מאכט איז ניט ראטזאם. און פון וואנען האבען זיך גענומען דיזע קוילען? גאנץ איינפאך: אין יע־נער צייט, ווען די ערד איז נאך ניט געווען אין גאנצען אבגעקיהלט, איז דערפאר די גאנצע אטהמאָספערע געווען ווארים און פייכט; פלאנצען האבען געוואקסען שנעל, ווייל די אומשטענדען זיינען געווען גינסטיג, און די גאנצע ערד, כמעט, איז געווען באדעקט מיט וועלדער

פון ריעזיגע בוימער, און דורך וואולקאַנען אויסבריכע, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען זעהר אָפט, זיינען זיי פערשאָטען געוואָרען, און אין פערלויף פון טויזענדער יאהרען פערשטיינערט געוואָרען. ענדעקט האט מען דיזע פערשטיינערטע פלאַנצען דורך א צופאַל, פונקט ווי, כמעט, יעדע ענדעקונג, און איצט האבען מיר נוצען פון דעם. — אויך דיזער ענפער צושטערט דעם הויפט בעוויז.

קומען מיר צו א דריטען ביישפיעל: די געבורט פראגע, נאר אויף א מאָדערנעם אופן. אין פראַנקרייך (און אויך אין אנדערע לענדער) האט זיך בעוויעזען א געזעלשאַפטליכע ערשיינונג: דער צוויי־קינדער סיסטעם, איין קינד, און מאנכע ווילען גאר קיין קינדער האבען. די פראַנצויזישע פאַטריאָטען און שטאַאטס־מענער דיינקען, אז זייער לאַנד קען דורך דעם צו גרונד געהן, און זיי ברעכען זיך דארום זייערע קעפּ, ווי אזוי איינצופלאַנצען אין די מוחות פון פראַנצויזישען פאלק א ליעבע צו ווילען האבען קינדער. מען דיסקוטירט דיזע פראגע פון אלע זייטען; רייכע לייטע לאזען איבער זייערע פערמעגענס, אום צו געבען פּרעמיען צו דיזע, ביי וועלכע עס ווערען געבוירען מעהרער קינ־דער; מען זעהט צו העלפען, ווי ווייט מעגליך, די ערציהונג פון ארימע קינדער: קורץ, מען וויל פערמיידען די „געפאַהר" פון פערניכטונג פון פראַנצויזישען פאלק. ווער גיט איין דיזע אלע מענער דעם געדאנק צו זארגען, אז די וועלט זאל ניט אונטערגעהן, וועלען די אנהייננער פון א געהיימניספאלער מאכט פרעגען? און ווידער אמאהל איז עס קיין אנדערע זאך, אלס די השגחה פון א געהיימניספאלען וועזען.

וואס איז דער ענפער? אָט וועלכער: ערשטענס, איז דיזע ערי־שיינונג, ניט צו ווילען האבען קינדער, קיין נייע; עס איז שוין אַן אלטע קאָמפּליצירטע פראגע. צווייטענס, עס איז טאקי אמת, אז די

פראַנצויזישע פּאַטריאָטען זארגען זיך פאר דער צוקונפט פון זייער לאַנד, אבער דוקא צו זאגען, אז דאס קומט דורך דער השגחה פון אירגענד וועלכער מאכט איז צווייפעלהאפט. אורזאכען פאר דעם קענען זיין פיעלע; עס שיינט אבער, אז איין הויפּט אורזאך קען מען גאנץ גוט אָננעהמען, און דאס איז פאָלגענדע:

זייט דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג פון 1870-71 האָסען די פראַנצויזען דייטשלאַנד, ווייל די לעצטע האט ביי זיי צוגענומען די 2 פּראָווינצען עלזאַס און לאָטרינגען. דיזע ביידע לענדער זיינען שטענ־דיג אין אַ קריעגערישען צושטאנד, אָבוואָהל אויסערליך שיינען זיי צו זיין פריעדליך. ווילהעלם, אין איינער פון זיינע „אונשטערבּליכע" רעדען, זאָל האבען ערקלעהרט, אז אין דייטשלאַנד קומען צו יעדען יאהר 100,000 נייע סאָלדאטען, ווערענד פראַנקרייך געהט אלץ צו־ריק. און דיזער „נאַציאָנאַלער שטאָלץ" איז אין פראַנקרייך און אויך איבעראל די אורזאַך פון דער זארג פאַרוואס די פרויען ווילען קיינע קינדער האבען. — אויך דיזער ענפער איז פּאַסענד און צושטערט די בעווייזע פון אַ געהיימניספאלען וועזען.

מען קען בריינגען נאך ביישפּיעלען פון דעם לעבען, און זיי, זעהר ריכטיג, אויסטייטשען צו גונסטען פון אַ געהיימניספאלער מאכט, וועלבע זארגט זיך פאר דעם ענד־צוועק פון די מענשען און די ענפערס אויף זיי. אום אבער צו שליסען די צאהל ביישפּיעלען, וועל איך נאך בריינגען איינעם פון קאַנט.

עמאַנועל קאַנט (אין זיין בוך „קריטיק דער אורטהיילס־קראַפט) בריינגט אָן אינטערעסאַנטען ביישפּיעל: אין די קאַלטע לענדער ארום נאָרד־פּאָל ווערען צוגעבראכט פון די שטראָמען, וועלבע קומען פון די וואַרימערע געגענדען, זעהר פיעל האָלץ (אויסגעריסענע בוימער

דורך גרויסע שטורעמס). פאר די דארטיגע איינוואוינער איז דיזע ערשיינונג, צוזאמען מיט אנדערע נאטור ערשיינונגען, וועלכע מאכען פאר זיי מעגליך דארט צו לעבען, זעהר ניצליך. און דערפאר האט מען טאקי געדיינקט, אז דאס איז אן השגחת הבורא; אבער קאַנט, וועלכער האט זי ארונטערגענומען פון איהר כסא־הכבוד, האט אויף א וואונדערליך שכל'דיגען אופן בעוויזען, אז דיזע מיינונג איז ניט מעהר ווי אַן ערפינדונג פון דער איינבילדונגס־קראפט. און יעצט ערשט קען מען דיזען געדאנק בעשטעטיגען. זינט דארווין איז ארויס מיט זיין ענטוויקלונגס־לעהרע, און נאָך איהם אנדערע דיינקער, קען מען שוין מעהר ניט ריידען פון דיזער ערשיינונג, אלס א דירעקטע אויפפאַסונג פון אירגענד וועלכער געהיימניספאָלער מאַכט; מיר פרעגען זיך גאַנץ איינפאַך: טאָמער פערקעהרט? אפשר האט ניט אירגענד וועלכע מאכט געזארגט פאר יענע איינוואוינער, אז זיי זאָלען האָבען דאס נויטיגע האָלץ, נאר די איינוואוינער האבען זיך צוגעפאַסט צו יענער געגענד, ווייל דער שטראָם האט צופעליגער ווייזע אָנגעטראגען אויף יענע ערטער פיעל האָלץ?

דיזע געבראכטע ביישפיעלען און נאך פיעלע אנדערע, למשל: די הארמאָניע אין וועלט־רוים, די זאָרגפעליגע צופּאַסונג פון יעדער חיה, אז זי זאל זיין בעוואפענט מיט די נויטיגסטע אָרגאַנען, וואס זי דאַרף האָבען צו איהר קאמפף פאר עקזיסטענץ און צו איהר פאָרטפלאַנצונג, און דאן די פיעל זייטיגע בעאַנטוואָרטונג אויף דעם; — קורץ, דער שטרייט צווישען די צוויי מיינונגען פון די פילאָזאָפען, אויב אַ געהיימניספאָלע מאכט האט אַ געוויסען צוועק אונז (די וועלט) צו דערהאלטען ביי דעם לעבען, אדער מיר זיינען בלויז א פּראָדוקט פון צופאל, איז עס די גרונד־לעהרע פון טעלעאָלאָגיע.

דיזע צוועקמעסיגקייטס-לעהרע האט אלע מאָהל ארויסגערופען די דיינקער צו ערנסטער בעטראכטונג און וועט נאָך אין דער וויטער צוקונפט ענגבערן די מוחות פון די קומענדע דיינקער. האט אבער דר. זשיטלאָווסקי דערמאָהנט אפילו אַ וואָרט איבער דיזען ענין? און פארוואס האט ער עס ניט געטהאָן? און דער ענפער איז נאָך אלץ דערזעלבער: ער איז אַ שרעקליך גייסטיגער נול! עס שטעלט זיך אבער יעצט אַ פראגע: רעכט, איהם קען מען ניט בעשולדיגען, וויל ער וויסט ניט, וואס ער רעדט, אבער וואו זיינען אונזערע אינטעלי-גענטען? און דער ענפער איז: זיי האבען אויגען און זעהען ניט; זיי האבען מוחות און דיינקען ניט: און אזעלכע מענשען זיינען עס די מבינים אויף ליטעראטור און די אנערקענער פון נייע טאַלענטע! און וואס טהאָט די בעסערע אינטעליגענץ? זי זיצט אין די „אינטעליגענ-טע" קאַפע-הייזער, פאַבריצירט אַן „אינטעליגענטע" עפענטליכע מיי-נונג און שטימט איין אין כאָר, אז איך בין אַ משוגע'נער! און די אָרימע ארבייטער, וואס דורשטען עפּעס צו ווּיסען, צאָהלען זייערע שווער פערהאָרעוועטע דאללארס צו אלע יענע „אינטעליגענטען" — זיי צאָהלען פאר ביכער, פאר זשורנאַלען און פאר פאָרטרעגע. און דאס איז עס אונזער פראָגרעסיווע בעוועגונג אין אמעריקא!

יעצט, מיין פריינד, בעפאָר איך שליס דיזען לאנגען בריעף, וועל איך אייך נאָך עפּעס וויזען, נעמליך: דעם

ספּיריטואַליזם.

אָט וואס אַ איד קען אנשרייבען אויף זייטע 30, ערשטען באַנד: „נאָך צווייפעלהאפטער איז די מעשה מיט די ספּיריטיסטישע

ערשיינונגען, מיט די אלע משונה׳דיגע טענץ, וואס די פערשיעדענע טישען און שטולען האבען זיך אין דער לעצטער צייט אויסגעלערנט צו טאנצען אונטער דעם גייסטיגען בעפהעל פון א ספּירוט-מעדיום. ווער ווייס, אויב אַט די אלע „ערשיינונגען" זענען ניט אין גאנצען א פּראָדוקט פון געניאַלער אבנארונגס קונסט און פון זייער פּארוויקעלטער פּסיכאָלאָגישער זעלבסט-פּארבלענדעניש? אבער ווען מיר הערען אז מענשען, מיט אזעלכע נעמען, ווי ראָסעל וואָלעס, דישע, קרוקס און, אין דער לעצטער צייט, טשעזארע לאָמבראָזאָ גלויבען אין דער רעאַליטעט פון ספּירוטיסטישע ערשיינונגען, יעמאָלט מוז ארייגעוואָרפען ווערען א ספק אין אונזער זיכערער, פעסטער אבלייקענונג פון אלץ וואס האט נאך א ברעקעל שייכות צו ספּירוטיזם".

בעגרייפט איהר כאָטש, ווי געדאנקענלאָז ער האט זיך דא ארויסגעוויזען? עס קען זיין, אז דער ספּירוטואליזם איז א שארלאטאנעריי, נאר ווען „גרויסע" מענער גלויבען — דאן איז אויס וועלט! — דארף איך אויך גלויבען אין דעם! אין דעם איבערבליק איבער רעלאטיוויזם האב איך באמערקט, אז ביי טיעף דיינקענדע מענשען, זעהט זיך דער נאציאָנאַליזם ניט אָן; איצט אבער מוז איך איינזעהן דעם גרויסען טעות, וואס איך האב געמאכט, ווייל ביי אזעלכע גרויסע מענער ווי דר. זשיטלאָווסקי, ווייזט זיך דוקא ארויס די נאַציאָנאַליטעט אין איהר העכסטער פּאָלקאָמענהייט! איך מוז צוגעבען, אז אזא אידישנאציאָנאַלע עהנליכקייט, ווי צווישען דר. זשיטלאָווסקי און מיין באָבע ע"ה, האב איך צום ערשטען מאָהל געזעהן אין מיין לעבען: עס איז עטוואס פענאָמענאַלעס! הערט איהרע ארגומענטען:

„קינד מיינס, ביזט א גרויסער נאר! דו מיינסט, אז דו ביזט קלוגער פון דער גאנצער וועלט, ווייל דו ווילסט ניט דאוונען, האסטו א

גרויסען טעות! זעהסטו דען ניט, אז מאָשקאָוויטש, אבראַמאָוויטש און אנדערע גרויסע און רייכע לייט געהען אין שול און גלויבען אין אַלמעכטיגען גאָט, און דו — אוי, וועה איז מיר! — אזא גאַרנישט, ווילסט ניט גלויבען? וועסט דיך שפּעטער בארעכענען און חרטה האבען, וואס דו טהוסט אָן צרות דער באָבע, די עלטערן און אלע גוּטע, פרומע לייט..."

און איך בארעכען מיך טאקי, ווי גערעכט זי איז געווען, אומזיסט אנגעטהאָן צרות די ליעבע עלטערן, אומזיסט געווען פערבלענדעט אין דער נארישקייט פון קלאָהרען דיינקען: אָט, עס דארף נאר קומען א חיים און אונז הייסען גלויבען, ווייל א נ ד ע ר ע גלויבען, כאפּט מען איהם אויף פאר א גרויסען דיינקער, און מיך, פּונקט ווי אין דערהיים, מאכט מען פאר א משוגע'נעם...

פונדעסטוועגען וועל איך פּרובירען זאגען עפּעס איבער ספּיריטואַליזם, עפּעס, וואס וועט ניט אריינברייינגען צווייפעל אין אייער מוח, ווי דר. זשיטלאָווסקי האט עס געטהאָן פאר זיינע לעזער, זאנדערן ליכט אין דיזער פראגע. עס וועט צייגען קלאָהר און דייטליך, אז דער ספּיריטואַליזם, ווי ער האט זיך ארויסגעוויעזען ביז איצט, איז ניט מעהר ווי א שווינדעל. דיזעס וועל איך ברייינגען אין דער פאָרם פון א דיאלאָג צווישען מיר און דר. זשיטלאָווסקי. דעם לעצטען וועל איך ברייינגען, ניט ווייל איך האלט איהם פאר פעהיג גענוג צו זיין א געגנער, זאנדערן מען זאל קענען אונטערשיידען, וואס א י ך האב צו זאגען אין דיזער אנגעלעגענהייט.*)

---

*) דיזע געדאנקען, ווי אויך א טהייל פון דעם איבערבליק איבער דער „פילאָסאָפיע", האב איך אויפגעשריעבען ביי דער ערשיינונג פון

אַ דיאַלאָג

חיים: איך מוז אייך זאגען דעם אמת, איהר ווייזט אויס צו זיין אַ דיינקענדער ארבייטער, געלעזען אביסעל, אַ חאַפּ געטהאן דאָ, אַ

ערשטען העפט. איך האב מיך פאָרבערייטעט, ווייל, וויסענדיג, אז מיין ביכעל וועט ערשיינען ארום יאַנואַר 1910, האב איך געגלויבט, דאס עס וועט זיך געפינען כאטש איין צייטונג, אדער איינער פון די „גרויסע", וועלכער וועט אויף מיר שענקען אויפמערקזאמקייט, און וועט וועלען זעהן — זאל עס זיין כאטש אויס קוריאָזיטעט! — וואס אַ פאבריק ארבייטער האט צו זאגען איבער דעם „גרויסען פילאָסאָף". איז אבער יעצט די לעצטע שפור פון האפנונג פערשוואונדען! פונקט ווי אלע מיינע טרוימערייען איבער דער עהרליכקייט פון די „גרויסע", אזוי איז אויך דיזע צוגאנגען ווי שנעע ביי דער אויפגעהענדער זון.

דיזע באמערקונג מאך איך, ווייל אין דערזעלבער וואָך, ווען דר. זשיטלאָווסקי'ס לעצטער העפט פון זיין „פילאָסאָפיע" איז ערשיענען, איז אויך ערשיענען אַ בעריכט אין דער „טיימז", אז אַ קאמיטע פון פּראָפעסאָרען האבען אויפגעדעקט מאַדאַם פּאַלאַדינאַ'ס שווינדעל. און, מערקווירדיג! דאס, וואס ביי די פּראָפעסאָרען האט גענומען אַ האלב יאהר צייט, אום זיך איבערצוצייגען, אז דער ספּיריטואַליזם איז אַ שווינדעל, דאס האב איך אויפגעשריעבען מיט אַן ערך 6 — 7 מאָנאַט בעפאר דער אויפדעקונג, נאך איינינע שטונדען קלאהרען נאכדיינקען. דיזער דיאַלאָג וועט צייגען, אויב אונטער דיזער „אויפ־דעקונג" האט ניט געשטעקט אַ זייטיגער „פערדיענסטעל" פאר די פּראָפעסאָרען, וואס פאר אַ גרויסע חכמים זיי (צוזאמען מיט די גע־

נאָש דאָרט; איהר זיינט אבער צום בעדויערן, ווייל איהר האט זיך איינגעבילדעט, אז איהר זיינט אַ פילאָזאָף, וועהרענד אין אמת'ן זיינט איהר אַ קרענק. ווען איך האב באמערקט, אז אין דעם ספּי־ריטואַליזם קען זיין עפּעס רעאַלעס, אַבוואָהל דאס קען זיין ניט מעהר ווי אַ קונציגער שווינדעל, דאן האב איך עס געמיינט פאר דער פילאָ־זאָפיע, ווייל דיינקען לאזט זיך עס.

יעקב: אנשטאט בעדויערונג, וויל איך בעסער הערען אַ בעווייז פאר אייער „עפּעס רעאַלעס". עס איז ניט גענוג צו גלויבען אין דער רעאַליטעט פון „ספּיריטיסטישע ערשיינונגען", נאר דערפאר ווייל געוויסע פערזאָנען גלויבען אין דעם.

חיים: האב איך דען געזאגט, אז מען דארף גלויבען? איך האב נאר באמערקט, אז עס מוז אריינגעוואָרפען ווערען אַ ספק אין דער פעסטער אַבלייקענונג פון ספּיריטיזם.

יעקב: יעדער זאגען מוז האבען אַ געוויסען צוועק, אום מען זאל זיך קענען אויף דעם שטיצען.

לעהרטע גלויביגע אין ספּיריטואַליזם) זיינען. צו זיין אַ שטודירטער, אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר און צו זיין געבוירען צום קלאָהרען דיינ־קען, זיינען צוויי גאַנץ פערשיעדענע זאכען.

דערפאר בעט איך דעם לעזער, אז ער זאל דיזעס, ווי אויך אלע מיינע געדאנקען, וועלכע וועלען איהם קומען צו דער האנד, איבער־לעזען צוויי אדער מעהרער מאהל, ביז ער וועט דאס גוט פערשטעהן; ער וועט געוויס גייסטיג פיעל פּראָפּיטירען דערביי: עס וועט איהם העלפען פערשטעהן די שווערסטע לעזונגס־ווערטהע ביכער אין אַ פרעמדער שפּראַכע.

חיים: מיין צוועק איז געוועזן: צו ברייינגען דעם לעזער אין עראינערונג, אז ער לעבט ניט בלויז אין א וועלט, וועלכע מען זעהט, נאר, אז הינטער איהם איז דאַ אַן אונענדליכע וועלט, וועלכע מען קען ניט נאכפארשען. קורץ, איך האב געוואלט דעם אידישען לעזער פאַרבערייטען פאר פילאָזאָפיע; די פילאָזאָפען פארשען שכל'דיג יעדע אונזיכטבארע וועלט, און יעדע ערשיינונג איז א גוטע טהעמא אויף דעם געביעט פון פילאָזאָפישער פארשונג.

יעקב: דאס וואלט געוועזן זעהר גוט, ווען איהר וואלט געוועזן פעהיג עס צו טהאן: דערווייל האט איהר געגעבען בלויז א דומע אָנצוהערעניש: איהר האט גערעדט פון רעאַלע ערשיינונגען, וועהרענד אין דער פילאָזאָפיע קען פון רעאַלעס קיין רייד זיין.

חיים: קען מען דען אין אַן איינלייטונגס־העפט ריידען מעהר ווי פיעל דער פלאטץ ערלויבט?

יעקב: הייסט עס, אויב מען קען ניט פיעל ריידען, דארף מען אריינווארפען אַ ספק... — און, לעזער, גלויב אין נשמות! מיין ניט, אז דו ביזט אַ חכם: גרעסערע חכמים פון דיר גלויבען אין דעם...

חיים איך זאג אבער פארט, אז עס לאזט זיך דיינקען.

יעקב: ווי אזוי קענט איהר דאס זאגען, ווען איהר האט זיך אפילו ניט גענומען די מיה נאכצודיינקען וועגען דעם?

חיים: וואס מיינט איהר מיט דעם? רעדט דייטליכער.

יעקב: גוט! עס שיינט, אז איהר זיינט געוועזן בעאיינפלוסט פון די טעגליכע צייטונגען בשעת איהר האט געשריעבען אייער ווערק; און דיזע האבען אייך געגעבען אַ גוטע געלעגענהייט צו „פילאָסאָפירען", און דערפאר האט איהר געגעבען אַ וואָרף אריין אַ ספק אין דעם לעזער'ס מוח.

ח י י ם : וואס מאכט עס אויס, פון וואנען דיזער גערדאנק איז געקומען, דאס איז א טהעמא צום אויספארשען.

י ע ק ב : איהר האט אבער ניט געפארשט, נאר געפלאפעלט.

ח י י ם : מיט וואס האב איך דא אזוינס געפלאפעלט?

י ע ק ב : איך וועל אייך געבען צו פערשטעהן: איהר האט גע־רעדט פון די משונה'דיגע טענץ פון דער לעצטער צייט; וועהרענד אין דער לעצטער צייט האבען זיי (די טישען, שטוהלען, נשמות א. ז. וו.) שוין גאר באלד פארגעסען אין זייער טאנצען, פון וועלכען איהר זייגט עס אזוי בעגייסטערט געוועזען, אבער אויף קיין פאל אויסגעלערנט. מען דארף נאר דורכלעזען „טריימע איינעס גייסטער זעהערס, ערליי־טערט דורך טריימע דער מעטאפיזיק" פון דעם גרויסען קאנט, אדער שאָפּענהויער'ס „איבער גייסטער זעהען אונד וואס דאמיט צוזאמענ־הייננט", און גלייך קריגט מען א בעגריף, אז דיזע געשיכטע איז קיין נייע: די וויסענשאפטס מענער האבען זי שוין לאנג אויפגענומען. די דערמאהנטע צוויי דיינקער אליין, אלס דיינקער און עהרליכע מענ־שען דערצו, האבען געמוזט צוגעבען, אז דיזע פראגע איז זעהר טונקעל. און אזוי ווי דעם ספּירטואליזם האט מען אין די פריהערדיגע צייטען אָפט פערמישט מיט היפּנאָטיזם (אנימאלישען מאגנעטיזם), איז דערפאר ארויסגעקומען די גאנצע צרה, וועלכע פערדרעהט נאך ביז היינטיגען טאג די „געלעהרטע" די קעפּף. יעצט אבער, ווען דער היפּנאָטיזם איז שוין אָבגעזונדערט פון דעם ספּירטואליזם, קען מען שוין ריידען אַן אנדערע שפּראַכע! אבער זאָגאר דעמאלט, ווען מען האט וועניג געוואוסט וועגען דעם היפּנאָטיזם, האט שאָפּענהויער אויסדריקליך באמערקט, אז צו ריידען וועגען גייסטער ערשיינונגען אויף דעם רעאלען וועג איז די גרעסטע אבסורדיטעט. איהר אבער,

אנשטאט צו ריידען אויף דעם ספעקולאטיווען וועג, האט איהר גאר גערעדט פון „רעאלע" ערשיינונגען.

ח י י ם : און איך האב דאך אויך גערעדט פון דיינקען, ד. ה. אויף דעם ספעקולאטיווען וועג!

י ע ק ב : ניין, ניט פון דיינקען, נאר פון א ספק האט איהר גע־רעדט; איהר האט אויסדריקליך געזאגט, אז עס מוז אריינגעווארפען ווערען א ספק אין דער פעסטער אבלייקענונג פון אלעס, וואס האט נאך א ברעקעל שיכות צו ספיריטואליזם. איהר האט געוואלט בע־איינפלוסען דעם לעזער צו גלויבען, ווייל איהר אליין גלויבט און ווייל די גרויסע מענער גלויבען. אבער מעהר פון אלץ זעהט זיך אייער גייסטיגע שוואכקייט, ווען איהר מיינט איהר האט גערעדט פון דיינ־קען, וועהרענד איהר האט גאר גערעדט פון טאנצען און ווער ווייסט וואס נאך פאר א צרה דיזע „גייסטער" האבען אנגעמאכט אין אייער פילאזאפישען מוח.

ח י י ם : האב איך דען ניט באמערקט, אז דאס קען זיין א גע־ניאלער שווינדעל?

י ע ק ב : טאקי דיזע באמערקונג ווייזט אייער קליינינקען מוח; עס ווייזט, אז דער ספק איז ביי אייך, און פון דיזען איז געווארען א גלויבען. גאנץ אנדערש איז עס מיט דיינקענדע מענער; זיי פלאפ־לען ניט. די וויסענשאפטס מענער, למשל, פארשען, פרובירען אויס־צוגעפינען די בעהאלטענע קראפט פון א נאטור־ערשיינונג — אויב אזעלכע ווייזט זיך ווירקליך ארויס, און דאן קומען זיי מיט פאקטען. די פילאזאפען ווידער, פון זייער זייט, פרובירען צו ערקלעהרען דיזע שוין אויספרובירטע פאקטען דורך מעטאפיזישע ספעקולא־ציאנען, דורך קלאהרען, שכל׳דיגען דיינקען. איהר אבער, זייענדיג

בעאיינפלוסט פון די טעגליכע צייטונגען מיט זייערע אינטערעסאנטע נייעס וועגען גייסטער, האט איינפאך גערעדט ווי א פּראָסטער פויער; איהר האט גערעדט פון רעאַלע ערשיינונגען, פון טענץ.

חיים: לאָמיר ריידען אָפען! זיינט איהר טאקי ביי אייך אזוי זיכער, אז גייסטער ערשיינונגען קענען זיך ניט בעווייזען?

יעקב: אזוי זיכער, ווי איך ווייס, אז איך בין קיין משוגע'נער, אַבוואָהל דער קליינינקער יאַנאָווסקי האט מיך פאר אזעלכען גע־מאכט, און אזוי זיכער, ווי איך ווייס, דאס ער ווייסט גאנץ גוט, דאס איך בין עס ניט.

חיים: זאגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואס זיינט איהר עס אזוי זיכער? זיינען דען נישטאָ פיעלע געהיימניספאָלע קרעפטע, וועל־כע מען קען ניט זעהן? איז דען נויטיג דיזע אַלע קרעפטע אויסצורע־כענען, ווען יעדער ווייסט פון זיי אדער פיהלט זיי אין יעדען מאָמענט? דאס זעלבע איז מיט דעם ספּיריטואַליזם: עס קען זיין, אז דאס איז אויך איינע פון יענע, פאר אונז, געהיימניספאָלע קרעפטע, און מיט דער צייט וועט מען אויספאָרשען איהר ווירקונג.

יעקב: דאס איז א גרויסער טעות! נאר אזא קראַפט קען מען אויספאָרשען, וועלכע ווייזט ארויס איהר ווירקונג פריי, אָהן קונצען און אָהן איינריכטונגען. ווען אבער מען ברויכט דוקא ספּע־ציעלע איינריכטונגען, און דערצו נאך אין דער פינסטערניס פון דער נאכט, — אום דיזע קראַפט זאָל ארויסווייזען איהר ווירקונג, דאן איז קיין אנדערער צוועק דערביי דאָ, ווי צו פערבלענדען די אויגען פון דעם צושויער. דערפאר קען איך זיכער זאגען, אז דער ספּיריטואַליזם איז א שאַרלאַטאַנעריי.

חיים: שטעהען מיר דאך אויף איין אָרט! איהר וועט אלץ

טענה'ן, און מיט קאָנסעקווענטער זיכערהייט, אז דאס איז א שאַר־לאַטאַנעריי; איך ווידער, וועל אויך זאגען דאסזעלבע, איך וועל אָבער ניט לייקענען, דאס עס קאן יא מעגליך זיין אזא קראַפט, וועמעס ווירקונג געוויסע — פון דער נאטור געבוירענע — פערזאָנען קענען ארויסרופען. לאָמיר אָננעמען דעם פאַל, אז גייסטער קענען קומען אויף דעם באפעהל פון א מעדיום; אויב דאס ווייזט זיך נאר ארויס פאר א שווינדעל, דאן איז דאך נישטאָ וואס צו ריידען דעריבער: אויב אבער גלויבענסווירדיגע פערזאנען האבען אליין געזעהן, למשל, ווי די פאָרהענגע באוועגען זיך — פארוואס זאלען מיר ניט קענען דיינקען, אז די גערופענע גייסטער (קראַפט) האבען אויף זיי געווירקט ביי זייער אריינקומען?

יעקב: פאלט אייך גאר ניט איין צו דיינקען, אז דיזע באוועגונג איז ניט געקומען פון גייסטער, נאר אויף א מעכאַנישען אופן?

חיים: עס קען טאקי זיין, אז די באוועגונג איז פאָרגעקומען מעכאַניש; ווען אבער זי זאל ניט געווען זיין מעכאַניש, וואס בלייבט דאן צו דיינקען איבעריג, אויב ניט, אז זי איז געווען די אורזאך פון אן אריינגעקומענער קראַפט?

יעקב: ווען, ווען!... איהר פארדרעהט א מוח מיט אייער ווען און אבער! דערווייל ווייסט מען, אז דאס איז א שווינדעל, און דאס איז גענוג פאר א מענש מיט שכל, ער זאל פון דעם קיין פילאָזאָפיע מאכען. און אפילו פאר דער צוקונפט, זאג איך פעסט און זיכער, וועט מען וועגען דעם גאר ניט אויסגעפינען, ווייל אזא זאך לאזט זיך ניט דיינקען.

חיים: אזוי זיכער זיינט איהר דאס? דאן האט דאך יאנאָווס־קי רעכט, ווייל איהר זיינט א פשוט'ער משוגע'נער! איהר שרייט, אז

איך פערשטעה קיין פילאָזאָפיע, און צום סוף הויבט איהר אליין ניט אָן צו בעגרייפען, וואס פאר אַ מין מאכל דאס איז!... איך וואלט מיט אייך קיין מינוט מעהר פערלוירען צו ארגומענטירען מיט אייך, נאר פון רחמנות וועגען, אפשר וועל איך אייך קענען אויסהיילען פון אייער איינבילדונג, וועל איך נאך עפּעס פּרובירען: וואס רוים איז און צייט, ווייסט איהר דאך, מן־הסתּם; דאס איז אַן ערקענטניס אַ־פּריאָרי*) — ווייסט איהר אבער פון אַזאַ זאך, ווי א ו י ס ע ר רוים און צייט?

י ע ק ב: אין אייער „פילאָסאָפיע" האט איהר טאקי גערעדט פון „אויסער רוים און צייט", איהר האָט אָבער מיט ק י י ן איין זילבע נעגעבען צו פערשטעהן, וואס דיזער געדאנק איז.

ח י י ם: ווייל איך רייד צו אינטעליגענטע מענשען, מוז איך ניט יעדען געדאנק בעזונדער פּאָפּולאריזירען. — ענפערט, אויב איהר פערשטעהט, וואס אויסער רוים און צייט בעדייטעט.

י ע ק ב: מיר מיינען דאָ אויסצודריקען דעם בעגריף פון אַ געהיימניספאָלע קראַפט, וועלכע ווירקט איבעראַל גלייך, ד. ה. וועלכע

---

*) אַ־פּריאָרי הייסט פריהער — אַן ערקענטניס, וועלכע מען ווייסט פון איהר פריהער, איידער מען שטודירט זי; צייט און רוים בעלאנגען צו דיזען סאָרט ערקענטניס — יעדער ווייסט, וואס דאס איז, ניט לערנענדיג עפּעס וועגען דעם.

ליידער איז נאך קיין אידיש־אידישער פרעמד ווערטער־בוך דאָ, און מען מוז יעדען וויכטיגען וואָרט פערטייטשען. ווען איך וועל אבער אַ וואָרט פערגעסען צו פערטייטשען, וועט עס דער לעזער זיכער געפינען אין יעדען אַנשטענדיגען ווערטער־בוך פון אַן אנדערער שפּראַך.

איז ניט געבונדען דורך דעם רוים, אדער דער צייט, ווי אלע מאַטע־ריעלע ערשיינונגען, וועלכע מיר זעהען.

ח י י ם : זעהר ריכטיג! אָבער גיט עפּעס א ביישפּיעל, אזוי, אז עס זאל אילוסטרירען דעם געדאנק. זאָגט: וואס מיינט מען מיט דעם, דאס מיר, לעבעדיגע ברואים, און אלע מאַטעריעלע זאכען זיינען געבונדען דורך רוים און צייט, און די געהיימניספאָלע קרעפטע זיינען עס ניט?

י ע ק ב : דעם בעסטען ביישפּיעל, וועלכען איך קען געבען, איז: די עלעקטריציטעט. דאס איז א געהיימניספאָלע נאַטור־קראַפט; מיר זעהען זי ניט, אבער מיר זעהען זיכער און פיהלען איהר ווירקונג. אָט דאס הייסט אויסער רוים און צייט; עס מיינט א קראַפט, וועל־כע פערנעמט קיין אָרט, און דאָך איז זי דאָ, אדער וואס ווירקט אי־בעראַל אין דערזעלבער צייט. מען קען געבען נאָך פיעלע ביישפּיעלע. די לעבענס־קראַפט איז אויסער רוים און צייט; די מאַגנעטישע, בע־מישע און אלע אנדערע קרעפטע זיינען אויסער רוים און צייט: מען זעהט בלויז די ווירקונג, אבער די קראַפט אליין ניט. איך גלויב, אז איך האב אייך גענעבען א גוטען ביישפּיעל, וואס אויסער רוים און צייט איז. אבער וואס ווילט איהר דען זאגען מיט דעם?

ח י י ם : איך וויל זאגען, אז איהר מוזט צוגעבען, דאס גע־היימניספאָלע קרעפטע זיינען יא דאָ.

י ע ק ב : איך גיב עס צו.

ח י י ם : פאר וואס־זשע זאלט איהר ניט צוגעבען, דאס אזא בעהאלטענע קראַפט ווי ספּיריטואַליזם זאל יא קענען זיין?

י ע ק ב : איהר מיינט מן־הסתם, אז די נשמות זיינען דאס די קראַפט און דער מעדיום איז די אורזאך, און זיי (די נשמות) קומען צו

לויפען אויף זיין באפעהל ניט געשטערט דורך דעם רוים מיט די מאַ־טעריעלע זאכען אין איהם, און ניט דורך דער צייט.

חיים: איהר ווילט דאס דוקא אָנרופען נשמות — זאל זיין אזוי. גענוג דאס איהר זיינט געצוואונגען צוצוגעבען, אז אזעלכע גע־היימניספאָלע קרעפטע ניט געבונדען דורך רוים און צייט לאָזען זיך דיינקען!

יעקב: ווילט איהר, הייסט עס, דיזע טהעאָריע אָנווענדען פאר אייער בעהויפטונג. פארגעסט־זשע ניט אָן דעם ביישפיעל מיט די פאָרהענגע. נאך אייער מיינונג, האבען די פאָרהענגע געקענט קומען אין בעוועגונג פון א געהיימניספאָלער קראפט.

חיים: געוויס לאָזט זיך עס דיינקען; דערפאר האב איך דאך עס דערמאָהנט!

יעקב: וואס וועט איהר אבער זאגען, ווען, אפילו נאך אייער אייגענער טהעאָריע, וועל איך אייך בעווייזען, אז דאס קען זיך ניט לאזען דיינקען?

חיים: דאס בין איך א בעלן צו הערען!

יעקב: גוט! איהר בעהויפטעט, דאס די קראפט, וועלכע איך קען אנדערש ניט בעצייכנען, ווי נשמות, האט געקענט קומען אויף דעם באפעהל פון דעם מעדיום ניט געשטערט פון רוים און צייט, אָבוואָהל די טהירען און פענסטער (אלס ערשיינונגען פון מאַטעריע אין דעם רוים) זיינען געווען פערשלאָסען. אַלזאָ, געדענקט־זשע! די נשמות האבען געקענט אריינדרינגען אין הויז ניט געשטערט פון צייט, ווייל זיי זיינען דאָ פון אייביגקייט צו אייביגקייט; ניט געשטערט פון רוים, ווייל זיי זיינען איבעראַל גלייך דאָ. די מויערן פון א גאנצער שטאָדט (אָדער די מאַטעריע פון א גאנצער וועלט) האבען ניט

נעקענט זיין אַ שטערונג צו זייער אריינדרינגען; נאר די שטערונג פון די פאָרהענגע ביי די פענסטער, וועלכע זיינען מיט אַן אונענדליכען פראָצענט וועניגער פון דער מאַטעריע פון אַ גאנצער וועלט, האבען די נשמות נעביך ניט געקענט אריבערטראָגען, אום די „געלעהרטע" לייט זאלען זעהן די בעוועגונג און זיך איבערצייגען אין זייער עקזיסטענץ... איז דאס ניט אַן אַבסורדיטעט?

ח י י ם: וועגען דעם האב איך גאר ניט געטראכט

י ע ק ב: איך ווייס עס!

ח י י ם: און וועגען דעם טאנצען פון די טישען און שטוהלען

י ע ק ב: דאסזעלבע קען מען זאגען אויף א ל ע ס, וואס איז פערבונדען מיט דיזע ערשיינונגען. און איהר זאלט וויסען, דאס אַ קראַפט, וועלכע קען ניט זיין געשטערט דורך רוים און צייט, וועט דורך קליינע, אונבעדייטענדע מאַטעריעלע ערשיינונגען אויך ניט געשטערט זיין. און אַ קראַפט, אויב זי איז נאר דאָ, מוז צייגען איהר ווירקונג פריי און גאנץ לייכט צום מאכען די נויטיגע עקספערימענטען. אוויסער דיזער בעדינגונג איז דאס אַ פערבלענדענדער שווינדעל.

פינפטער בריעף

איהר האט רעכט, פריינד, איך וואָלט טאקי געדארפט באַטש אזוי פיעל צייט אבגעבען פאר דר. זשיטלאָווסקי'ס אייגענטליכע „פיי לאָסאָפיע", ווי פיעל איך האב אָבגעגעבען פאר זיין „איינלייטונג". איך האב אבער צו ווענעג צייט פאר דעם; גליקליכער ווייזע איז עס ניט נויטיג! מיין הויפט צוועק איז דאך געוועזן צו ווייזען זיינע אייגענע „געדאנקען", און דאס, גלויב איך, איז מיר געלונגען. איך וועל דא־רום נאך צולעגען בלויז 3 „שטיקלעך", נעמליך: פלאטאָ, קאנט און שאָפּענהויער, און דער בעגריף פון זיין „גרויסקייט" וועט פערפאָל־קאָמט ווערען. דיזע פילאָזאָפען זיינען די גרעסטע, וואס דער צופאָל האט געשאפען, און זיי זיינען אייך וואהרשיינליך בעקאנט. אבער אין דערזעלבער צייט קען איך מיך ניט אויפהאלטען ניט צו געבען אַ מיינונג איבער זיין „ווערק" אלס גאנצעס.

ווי קוקט אוים דר. זשיטלאָווסקי'ס „ווערק"? קען מען עס צו עפּעס פערגלייכען? איך וועל פּרובירען. דער פערגלייך איז זעהר קיין עסטהעטישער — איך בעט טויזענד מאָהל ביי אייך אום ענטשולדי־גונג — ער איז אבער פּאָרט דער פּאסענדסטער.

האט איהר, מיין פריינד, געזעהן אמאָהל אין אַ ביער־הויז, ווען עס זיצען אַ געזעלשאפט פון אָרימע, נארישע טייוואָלים און גיסען אין זיך אריין גלעזער בּילִיגען ביער איינס נאך דאס אנדערע? און האט

איהר אפשר נאך באמערקט, ווי פון זייערע איבערגעפילטע מאָגענס גיט זיך פּלוצים אַ שאָס ארויס צוריק דיזע מאססע און שלעפּט מיט מיט זיך זייטיגע שטאָפען, און פאר אייערע אויגען שטעלט זיך פאַר אַ ן עקעלהאפטעס בילד? און האט איהר נאך אין דיזער מאססע באַמערקט די אונפערדייעטע עסענווארג, וועלכע גיבען פון זיך ארויס אַן אבשייליכען גערוך? אָט, צו דעם קען מען פערגלייכען דר. זשיטלאָווסקי'ס „פילאָסאָפיע"!... די ביליגע ביער מיינט די פיעלע שלעכטע ביכער, וועלכע דיזער הער האט צייט געהאט אין זיך אריין צו זיפּען; דאס ארויסשיסען מיינט דאס ארויספּלאָפּלען פון „גערדאנקען" אָהן זין און אָהן אָרדנונג; די אונפערדייעטע עסענווארג מיינען איינפאך די פיעלע פילאָזאָפישע ווערטער, וועלכע זעהען זיך איבער דעם גאנצען בוך און וועלכע גיבען אַ פערבלענדענדען שיין פון גרויס חכמה: און, ענדליך, דער פערפעסטעטער גערוך מיינט די שרעקליכע לאַנגווייליגקייט און די מוח פערדערבענדע ווירקונג, וואס דיזעס „ווערק" ברייגנט מיט זיך.

דאס, וואס די „קריטיקער" איז דוקא געפעלען דיזע פּראָדוקציאָן, קען איך מיר אנדערש ניט דיינקען, דאס זייער שכל איז אזוי געזונקען, אזוי אָבגעשטומפּפט, אזוי פערפעסטעט פונקט ווי ביי יענע ברואים, וועלכע זיפּען אין זיך אריין די פער'שכר'ענדע מאססע, און די פריהער פאַרגעשטעלטע ערשיינונג איז גאר ביי זיי אַ זיסעס פערגניגען...

איך קען יעצט איבערגעהן צו די דריי פילאָזאָפען.

פּלאַטאָ

צווישען אנדערעס אין דער סקיצע איבער פּלאַטאָ'ס פילאָזאָפיע,

וועל איך דוקא ווייזען די קלאָהרסטע, די פּאָפּולערסטע שטעלע און זעהן, ווי אזוי דר. זשיטלאָווסקי פערשטעהט פּלאַטאָ׳ס געדאנקען. אין ערשטען באַנד, זייטע 100, זאגט ער פאָלגענדעס:

„כדי אָט דער מעטאַפּיזישער געדאנק פּלאַטאָן׳ס זאל אין גאנ־צען ווערען קלאָר יעדען איינעם, וואס האט זיך נאך ניט איינגעוואוינט צו דענקען אידעאַליסטיש אין דעם פילאָסאָפישען זין פון׳ם ווארט, איז גוט צו קאָנצענטרירען די אויפמערקזאמקייט אויף א וועלכען עס איז פשוט׳ען נויטווענדיגען מאטעמאטישען געדאנק. לאָמיר נעהמען דעם פשוט׳סטען: צוויי מאָל צוויי איז פיער. איז דען שייך צו זאגען אז דער ענין, וועלכען דער געדאנק דריקט אויס, האט עפּעס צו טהאן מיט אָרט און צייט? וואו איז צוויי מאל צוויי — פיער? אומעטום, ד. ה. גאנץ אונאַבהענגיג פון א וועלכען ס׳איז אָרט. ווען איז צוויי מאל צוויי — פיער? אלע מאל, צו אלע צייטען, ד. ה. לגמרי אהן א שום שיכות צו א וועלכער עס איז צייט. „צוויי מאל צוויי איז פיער”, איז דעריבער אן אייביגע שייכות, אן אייביגע אידעע אין דעם זין פון פּלאַטאָן.” א. ז. וו.

אָט, ערשט דאָ, ווען ער גיט זיך די מיה צו מאכען דאס אידעאַ־ליסטישע דיינקען פּאָפּולער, זעהט מען ארויס דעם נול. מען זעהט דא קלאהר ארויס, אז ער הויבט ניט אָן צו וויסען, וואס דער אידעאַליזם איז, און נאר דערפאר, ווייל ער קען זיך אויף קיין פאל אָבטשעפּען פון דעם רעאַליזם. איך בין זיך מודה, אז דאָ וועל איך האבען א שווער שטיקעל ארבייט אייך איבערצוצייגען, אז דאס איז ניט מעהר ווי אן אונזיניגע פערדרעהעניש, אָבוואָהל עס שיינט אזוי קלאהר. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, מוז איך פּרובּירען אייך צו עפענען אמאָהל די אויגען.

דאס צוויי מאהל צוויי איז פיער איז א מאטעמאטישע נויטווענ־דיגקייט, זאגט דאך דר. זשיטלאָווסקי אליין, כאָטש ער ווייסט ניט וואס נויטוועגדיגקייט איז; צוויי מאהל צוויי איז פיער איז גלייך צו טויזענד מאהל טויזענד איז א מיליאָן. דאן שטעלט זיך די פראגע: אויב פלאטאָ'ס אידעען זיינען אזוי זיכער ווי יעדע מאטעמאטישע נויטווענדיגקייט, ווארום־זשע נעהמען די וויסענשאפטס מענער ניט אויף פלאטאָ'ס געדאנקען, אלס עטוואס זיכערעס? אויף מאטעמאַ־טישע נויטווענדיגקייט גרינדעט זיך די אסטראָנאָמיע, ווי אויך אנדערע וויסענשאפטען. ווען מען זאל זיך ניט באזירען אויף דיזער מעטהאָדע פון ציהען שליסע, וואלט מען דאך די וויסענשאפט ניט געקענט אָנ־ווענדען צום נוצען פון דער געזעלשאפט. עס פרעגט זיך, אלזאָ, אויב דר. זשיטלאָווסקי פערגלייכט פלאטאָ'ס אידעען צו מאטעמאטישער נויטווענדיגקייט, דאן האט דאך די וויסענשאפט גאר קיין ווערטה, ווען איהרע פריעסטער האבען ניט באמערקט פלאטאָ'ס געדאנקען? דאס איז איין ווידערשפרוך, וועלכען דר. זשיטלאָווסקי און זיינע אָנ־הייגגער וועלען ניט קענען בעאַנטוואָרטען.

ווער איך יעצט נאך עפּעס בעטראכטען. „וואו איז צוויי מאל צוויי פיער", פרעגט ער דארט, און ענפערט זיך טאקי אליין: „אומע־טום, ד. ה. גאנץ אונאבהענגיג פון א וועלכען ס'איז אָרט. ווען איז צוויי מאל צוויי פיער? אלע מאל, צו אלע צייטען". אלזאָ, „אומע־טום" און דאך „גאנץ אונאבהענגיג פון א וועלכען ס'איז אָרט". איך וויל שטעלען א פשוט'ע פראגע: הייסט אפשר ניט אומעטום א י ן אלע ערטער? אויב, אלזאָ, אומעטום הייסט נויטווענדיגער ווייזע א י ן אלע ערטער, ווי אזוי־זשע קען עס זיין גאנץ אונאבהענגיג פון א וועל־כען ס'איז אָרט? דאסזעלבע איז מיט „אלע מאל". הייסט אפשר

ניט אלע מאהל — א י ן אלע צייטען? אויב צוויי מאהל צוויי איז פיער, שוין נאך זיין איינענער ערקלעהרונג, איז אין אלע צייטען און אין אלע ערטער א מאטעמאטישע נויטווענדיגקייט, ווי אזוי־זשע קען דאס זיין אין דערזעלבער צייט, ווי ער זאגט דארט ווייטער, „מחוץ פון רוים און צייט? דער ענפער איז א גאנץ איינפאכער: צוויי מאהל צוויי פיער, פונקט ווי אלע מאטעמאטישע נויטווענדיגקייטען, קען טאקי נ י ט זיין אויסער, זאנדערן א י ן רוים און צייט. דעם ווידערשפרוך דארף מען ניט זוכען ביי פלאטא'נען, זאנדערן ביי דר. זשיטלאווסקי'ן. צוויי מאהל צוויי איז גלייך צו פ י ע ר איינציגע געגענשטענדע, וועלכע מען מ ו ז דיינקען, א ז ז י י ז יי נ ע ן ד א; אויסער רוים און צייט קענען מיר זיך ק יי נ ע געגענשטענדע פארשטעלען. דר. זשיטלאווסקי'ס בעהויפטונג, דאס צוויי מאהל צוויי פיער איז אן אייביגע שייכות, איז ניט מעהר ווי א ל ע ע ר ע ר געדאנק; די אמת'ע פילאזאפען האבען זיך אבער נ י ט באשעפטיגט מיט לעערע (פוסטע) געדאנקען.

וואס־זשע איז פארט די בעדייטונג פון פלאטא'ס אידעען לעהרע? איך וועל עס ערקלעהרען. אז פלאטא האט איינגעטהיילט די וועלט אין א בעוועגענדע — אבער קיין מאהל זייענדע, און אין א זייענדע — אבער קיין בעוועגענדע, און דיזע האט ער צו פערשטעהן געגעבען, אלס די אייביגע אידעען, איז אמת; אבער ניט לעערע געדאנקען האט ער געמיינט. דער תמצית איז דיזער: דער מענש לעבט א קורצע צייט — דאס מיינט איין מענש. ווען מיר וועלען אבער זאגען, אז דער מענש לעבט שוין טויזענדער יאהרען, דאן וועט עס זיין דער בעסטער אויסדרוק פאר פלאטא'ס אידעען וועלט. דאס איז שוין קיין לעערער געדאנק מעהר, זאנדערן עס רעפרעזענטירט מיט זיך

ווירקליך אַן אייביגע אידעע. דאס מיינט די קראַפט, וועלכע שטעקט הינטער אונז, וועלכע דריקט זיך אויס אין אונזער געשלעכטס-ליעבע, וועלכע מאכט, דאס דער שפּראָצלינג, וואס ענטשטעהט ביי דער מוטער אין בויך דורך דיזער ליעבע, זאל לעבען און זיך ענטוויקלען צו אַ פאָלקאָמענעם מענש און אליין ווידער ארויסברייננגען עטוואס עהנליכעס צו זיינע עלטערן; די קראַפט, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם מענשליכען מין פון אייביגקייט צו אייביגקייט: — אָט דאס איז עס דער הויפּט געדאנק פון פלאַטאָ'ס אידעען לעהרע.

דערפאר האט ער איינגעטהיילט די אידעען אין גאַטונגען: די אייביגע אידעע פון מענש, פון פערד, פון אָקס, פון פלאַנץ א. ז. וו. אַלזאָ, דאס איז ז', די קראַפט, וועלכע עקזיסטירט אייביג, וועה־רענד דאס, וואס מיר האלטען פאר דער ווירקליכער (מאַטעריעלער) וועלט, איז ביי פלאַטאָ'ן עטוואס בעוועגענדעס, פערגעהענדעס, קיין מאהל זייענדעס, עהנליך צו שאַטענס.

עמאַנועל קאַנט

אַנווייזען וועל איך בלויז אויף דר. זשיטלאָווסקי'ס „אריין־פיהר אין קאַנט'ס סיסטעם" (צווייטען באַנד, פון זייטע 6 ביז 18). אין דיי־זען „אריין־פיהר" ווערט פון אלעס אין דער וועלט גערעדט, נאר ניט פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע. און נאך שעהנער איז, ווען מען זעהט, וואס עס קומט נאך פאָלגענדער ערקלעהרונג:

„מיר וועלען דא פּרובען", לעזט זיך דארט, „דורך אַ ביישפּיעל לייכטער מאכען דעם לעזער צו פערשטעהן די אייגענטליכע פראגע־שטעלונג, וואס ליעגט אין קאַנט'ס קריטישע פילאָסאָפיע, און דערנאך

וועלען מיר זעהן, ווי מעגליך קלארער צו מאכען די וויכטיגסטע הויפּט־פונקטען פון זיין סיסטעם.״

„לאז זיין״, פאנגט זיך דארטען אָן א שלעכטע מעשה'לע, „מיר געפינען זיך ביי א שרפה אין א פינסטערער נאכט...״ און ביי דיזער שרפה אין וואלד געפינען זיך פיעלע מענשען — אויך אייניגע טעאָרע־טיקער צווישען זיי: א פיזיקער, א ביאָלאָג, א פּסיכאָלאָג, א מאָראַל פילאָסאָף און... „נאך א פּאָר פילאָסאָפען!״ — (די פילאָסאָפען טאנצען ביי איהם אין מוח א האָפּקע!) און דיזע אלע געלעהרטע און פילאָזאָפען בעטראכטען די שרפה און שטודירען זיך זייער וויסענ־שאפט, זייער פילאָזאָפיע טאקי דארט ביי דער שרפה; און יעדער בעזונדער טראכט זיך, וואס פאר א פּראצעסען עס זיינען פארגעקו־מען מיט דער שרפה, מיט א געוויסען העלדישען יונגען מאן, וואס האט דארט געראטעוועט א קינד פון טויט.

יענע מעשה'לע, שלעכט ווי זי איז, אוננאטירליך און לאנגוויילינג, האב איך זי אבער געלעזען מיט גרויס אינטערעס: לאמיר זעהן, האב איך געטראכט, וואס האט דער גרויסער קאנט געקענט דיינקען ביי דיזער שרפה? א ביישפּיעל, גוט אדער שלעכט, מעג יעדער געבען, ווען ער וויל ארויסברייגגען זיין געדאנק. איך האב ערווארטעט באָטש דאָ עפּעס אָריגינעלעס. צום סוף, נאך דעם ווי ער האט גע־רעדט און גערעדט אויף גאנצע צוועלף זייטען אין דיזען „אריין־פיהר״, לאזט זיך ערשט די מעשה אויס מיט גאר ניט, ווייל עס ווערט אפילו א ווארט ניט דערמאהנט וועגען דעם שייכות צווישען קאנט און דער שרפה מיט דעם יונגען מאן! איז דאס אליין ניט א סימן פון גרויס אינטעליגענץ?...

אויסער דעם „אריין־פיהר״ האט ער אוועק געגעבען א דריטעל

טהייל פון צווייטען באנד, נאהענט צו 100 זייטען, פאר קאַנט'ס פי־לאָזאָפיע. קען עמיצער זאגען ביי זיך אין הארצען, אויף זיין עהרען געפיהל, לעזענדיג יענע לאנגע סקיצירונג, אז ער פערשטעהט עפּעס פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע? נאהענט צו 100 זייטען! וואס וואלט מען דען ניט געקענט זאגען אויף אזוי פיעל פּלאַטץ? און צום סוף אזוי פיעל פּלאַפּלעריי!... דארט זיינען פאראן גרויסע ווערטער, ד. ה. אלע ווערטער, זעצע און פראזען, וואס מען געברויכט געוועהנליך איז דער פילאָזאָפיע בכלל און צו פּאָפּולאריזירען קאַנט'ס פילאָזאָפיע בפרט, אבער קיין איין האַרמאָנישען געדאנק, וואס זאל געבען קלאָר צו פערשטעהן קאַנט'ס וואונדערבארע געדאנקען. איך וועל אייך דעריבער געבען אַ זעהר קורצען און פּאָפּולערען איבערבליק איבער'ן תמצית פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע, און פון דיזע עטליכע שורות, און־פּאַלקאמען ווי זיי זיינען, וועט איהר מעהר גייסטיג פּראָפיטירען ווי פון דר. זשיטלאָווסקי'ס „אריין־פיהר" צוזאמען מיט זיין גאנצער סקי־צירונג: דאס וועט אייך זיכער פיהרען אַ טראכט צו טהאן איבער קאַנט'ס מערקווירדיגע געדאנקען.

קאַנט איז באריהמט געווארען דערפאר, וואס ער האט ארונטער גענומען דעם אלמעכטיגען גאט פון זיין הימעלישען טהראָן, און איהם ארייגגעזעצט, אלס אַ פּאָרשטעלונג אין מענשליכען מוח. אבער ניט נאר גאט, נאר טאקי די גאנצע, גאנצע וועלט, האט ער אויסדריקליך באוויזען, אז זי איז אַ פּראָדוקט פון'ם מענשליכען מוח. „די גאנצע וועלט איז אַ פּראָדוקט פון דעם מענשען'ס מוח", אין דיזע איינציגע ווערטער, קען מען זאגען, בעשטעהט קאַנט'ס פילאָזאָפיע. צוערשט האט ער עס באוויזען דורך דעם רוים מיט דער צייט, און נאכהער דורך דער קאַוזאַליטעט (ד. ה. דער בעגריף פון אורזאַך און ווירקונג).

רוים, צייט און קוואליטעט זיינען ניט עטוואס זעלבסטשטענדיגע ערשיינונגען, זאנדערן זיי זיינען אבהענגיג פון דעם מענשענ'ס מוח; זיי זיינען די פיין געשליפענע גלעזער אין אונזער מוח, אזוי צו זאגען, דורך וועלכע מיר זעהען, ד. ה. מיר ערקענען די איבעריגע ערשיינונגען פון דאס, וואס מיר רופען געוועהנליך די וועלט.

קאנט'ס פילאזאפיע איז דארום קריטיש און טראנסצענדענטאל, ווייל דארט ווערט קריטיקירט דער מענשליכער שכל און עס ווערט באוויזען, אז מיר שטייגען אונבעוואוסט אריבער די גרענעץ פון ערפאהרונג ביים דיינקען. קאנט האט דורך זיין פילאזאפיע פערניכטעט אלע פריהערדיגע פילאזאפישע סיסטעמען ביז צו איהם און, צוזאמען מיט דעם, ווי געזאגט, אויך די גאנצע מאטעריעלע וועלט. איך וועל עס אייך גלייך בעווייזען, ווייל יעדער קען עס פיהלען ביי זיך, ווען ער זאל נאר אביסעל נאכדיינקען. מען פיהלט דאס מיט דער אונבעפרידיגונג פון דעם רוים, פון דער צייט און פון דעם בעגריף „אורזאך". ווי גרוים מען זאל זיך ניט פארשטעלען די וועלט, וועט נאך אימער בלייבען פלאטץ, לעערער רוים. דאס בעווייזט, אז דער מענשליכער שכל איז אזוי בעשאפען, אז ער קען זיך קיין זאך פארשטעלען, אויסער אין א געוויסען פלאטץ. ווי לאנג מען זאל זיך ניט פארשטעלען, זייט די וועלט עקזיסטירט, וועט נאך אימער בלייבען א פריהער. דאס בעווייזט, אז דער מענשליכער שכל איז אזוי בעשאפען, אז ער קען זיך קיין זאך פארשטעלען, אז עס זאל ניט האבען אן אנפאנג אין דער צייט. צו סיי וועלכען שלום מען זאל קומען דורך דער רעליגיאן, דורך דער פילאזאפיע אדער דורך דער וויסענשאפט איבער דעם לעצטען גרונד פון דער וועלט, וועט דער מענשליכער שכל נאך אליץ פרעגען וועגען אן אורזאך פון דיזער ערשיינונג; ער וועט פרעגען: ווי

אזוי איז עס געוואָרען? פון וואַנען און פון וואָס איז עס געקומען? דאס בעווייזט, אז דער מענשליכער שכל איז אזוי בעשאַפען, דאס ער קען זיך קיין זאך פאָרשטעלען, ניט זייענדיג אַ פאָלגע פון אַן אור־זאך. אָט דיזע אונבעפרידיגונג פון דעם שכל האט עס געפיהרט קאַנט׳ן צום געדאַנק, אז דער רוים, די צייט און די קאַוזאַליטעט זיינען אַבהענגיג פון דעם מוח און ערשט דורך זיי ארבייט עס אונזער איינ־בילדונגס קראַפט אזוי וואונדערבאַר, און שטעלט פאר אונז אוועק די וועלט אין דער ממשות׳דיגער פאָרם ווי מיר זעהען זי.

איז קאַנט פערטיג געוואָרען מיט די פריהער געבראַכטע געדאַנ־קען, האט ער זיך גענומען בעווייזען, אז דער מענשליכער שכל, דורך דעם בעגריף פון אורזאַך מיט דער הילף טאַקי פון דערזעלבער איינ־בילדונגס קראַפט, מאַכט זיך בילדער איבער דער בעשאַפונג פון איהר, (פון דער וועלט) און מען ווערט דערביי אַ מעטאַפיזיקער, ד. ה., ווי געזאַגט, מען שטייגט אונבעוואוסט אריבער די גרענעץ פון ער־פאַהרונג. דער שכל טהוט עס אויף אַזאַ אופן: די וועלט האט זיך דאך אמאהל געמוזט אָנפאַנגען, אדער ניט? זי איז דאך ניט אזוי פלוצים אַראָפּ געפאַלען פון הימעל — זי מוז דאך האבען אַן אורזאַך! און דער מענשליכער שכל האט געזוכט אַ בעפרידיגונג, אַן אָנשפּאַר, און ער האט איהם געפונען, דעם אָנשפּאַר (טראַנסצענדענטאַלע ער־ערטערונג הייסט עס אויף קאַנט׳ס לשון): אַ גאָט! אַ גאָט האט די וועלט בעשאַפען!... „וואס? אַ גאָט נאָר?" פרעגען מאַנכע חכמים, „די וויסענשאַפט ווייסט ניט פון אַזאַ וועזען!" פון וואַנען אבער האט זיך פאָרט דיזע וועלט גענומען? ווירקליך... זי „מוז" דאך האבען אַ גרונד, אַן אורזאַך? העי! העי! ס׳איז דאָ אַן אורזאַך, ס׳איז דאָ! דער גרונד פון דער וועלט איז: די מאַטעריע! עס הייסט אויך

סובסטאַנץ, שטאָף. און אַ גאַנצע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט זיך ענטוויקעלט. אבער מערקווירדיג איז, דאס די מאַטעריאַליסטען ווייסען אַליין ניט, אז זיי האבען אריבערגעשטיעגען די גרענעץ פון ערפאַהרונג — זיי זיינען מעטאַפיזיקער, ווייל מאַטעריע, פונקט ווי גאָט, האט נאך קיין מענש געזעהן!

„מאַטעריע אויך נישטאָ?" קענט איהר פרעגען, „און די וויסענשאַפט וואו איז?" און דער ענטפער איז: אויך די מאַטעריע איז אַ פּראָדוקט פון מענשליכען שכל; און די וויסענשאַפטס מענער ענפערן שווייגענדיג, אז זיי קענען קיין גרונד שטאָף, קיין מאַטעריע, זאנדערן אַן ערך פון 70 פערשיעדענע עלעמענטען, שוין פערטיגע, זעלבסטשטענדיגע שטאָפען, וועלכע געהען איבער פון איינעם אין צווייטען און וועלכע זיינען אונטערוואַרפען אונטער רוים, צייט און קאַוזאַליטעט.

פון דעם קען מען זעהן, ווי טיעף קאַנט איז אריינגעדרונגען מיט'ן שכל אין דער נאַטור פון מענשליכען אַבסטראַקטען דיינקען, פון ערקענטניסע. אַ ל ע ס אין דער וועלט, אלעס איז קיין אנדערע זאך, אלס אַ פּראָדוקט פון אונזער מוח. אויב מיר זעהען, למשל, די שטורמדיגע ים כוואַליעס, די געוואַלדיגע ערד ציטערניסען, די וואולקאַנען אויסבריכע — יאָ, זאָגאַר ווען מיר וואָלטען געקענט זעהן ווי צוויי פיקס-שטערן שטויסען זיך צוזאמען: אָט דאס אַלעס איז ניט מעהר ווי אַ שפּיעל אין אונזער מוח. רוים, צייט און קאַוזאַליטעט זיינען איינגעבוירענע אייגענשאַפטען אין אונזער מוח, דורך וועלכע מיר „מעסטען" די גאַנצע וועלט, אריינגערעכענט אונז זעלבסט.

„אָט דאס איז דער תמצית פון קאַנט'ס פילאָזאָפיע?" קענט איהר פרעגען, „ווי איז עס מעגליך, אז די גאַנצע וועלט זאל זיין בלויז

א שפיעל אין אונזער מוח?" און ווען איהר וועט נאך פערגלייכען מיינע ווערטער מיט דר. זשיטלאווסקי'ס סקיצירונג פון קאנט'ס פילאזאפיע און מיט מאנכע פראזען פון די קריטיקער, למשל: „א פרעהליכע ערשיינונג", „אונאיבערטראפען ביי פלאטא און קאנט", „איהר פיהלט פאר זיך דעם מייסטער, וועלכער בעהערשט זיין מאטעריאל ביז אין העכסטען גראד"... און נאך פיעלע אנדערע אזעלכע לויב געזאנגען, דאן וועט איהר געוויס קומען צום שלום, אז איך בין א קרענק. מיין ענפער איז: פון די קריטיקער וועל איך דערווייל ניט ריידען, ווייל אין מיינע פאריגע בריעף זיינען זיי שוין דערמאהנט. וואס אנבעלאנגט, דאס איהר קענט מיך האלטען פאר א קרענק, — געזונטערהייט, אויב עס פערשאפט אייך נאר פערגניגען... אבער, מיין פריינד, איך פערלאנג פון אייך ניט איהר זאלט מיר גלויבען אויפ'ן ווארט: איך וועל דא בריינגען אייניגע אויסציגע פון קאנט'ס הויפט-ווערק, און איהר זאלט פרובירען זיי צו פערשטעהן, אבוואהל זיי זיינען טיעף דייטש.

„...זא איבערטריעבען, זא ווידערזיננייש עס אלזא אוך לאוטעט, צו זאגען: דער פערשטאנד איזט זעלבסט דער קוועל דער געזעצע דער נאטור, אונד מיטהין דער פארמאלען איינהייט דער נאטור, זא ריכטיג, אונד דעם געגענשטאנדע, נעמליך דער ערפאהרונג אנגעמעססען איזט גלייכוואל איינע זאלכע בעהאופטונג."

(זייטע 135, „קריטיק דער ריינען פערנונפט" — רעקלאם'ס)

„...ווען וויר אונזער סוביעקט אדער אוך נור די סוביעקטיווע בעשאפענהייט דער זיננע איבערהאופט אופהעבען, אללע דיע בעשאפענהייט, אללע פערהעלטניססע דער אביעקטע אים ראום אונד צייט, יא זעלבסט ראום אונד צייט פערשווינדען ווירדען, אונד אלס ערשיי-

נונגען ניכט אן זיך זעלבסט, זאָנדערן נור אין אונז עקזיסטירען קענ־נען." (זייטע 66 פון דעמזעלבען בוך)

און אַט איז א דריטער ביישפּיעל:

„...ווען איך דאס דיינקענדע סוביעקט וועגנעהמע, דיע גאנצע קערפּערוועלט וועגפאללען מוסס, אלס דיע ניכטס איזט, אלס דיע ערשיינונג אין דער זיננליכקייט אונזערעס סוביעקטס אונד איינע ארט פאָרשטעללונגען דעססעלבען." (דאָרט, זייטע 323)

איך האב געבראכט 3 ביישפּיעלען, וועלכע זיינען צו ווארפען אויף פערשיעדענע פלעצער, אום איהר זאלט זעהן, אז דאס איז ניט אן אויגענבליקליכע באמערקונג, נאר אן אויסגעצייכענטער שטור־דיום פון א גרויסען דיינקער; און ווען איך זאל בריינגען אלע אויס־ציגע פון די פערשיעדענע ביכער, וועלכע איך האב פערצייכענט, אלס דיזעלבע געדאנקען, וואלטען זיי פערנומען 10 מאהל אזוי פיעל אָרט ווי דיזע בריעף. דאס ווייזט, אז אין דר. זשיטלאָווסקי'ס לאנגער סקיצירונג ווערען די וויכטיגסטע געדאנקען קאַנט'ס דער־טרונקען אין א ים פון ווערטער און אונזיניגע פלוידערייען; און די גע־דאנקען, אויף פערשיעדענע אופנים אויסגעדריקט, ווי געזאגט, זיינען: די גאנצע וועלט איז א פאָרשטעלונג אין דעם מענשליכען מוח. אַט צו דיזען געדאנקען־ציעל פיהרען אלע קאַנט'ס שריפטען. אזוי ווי אין תהלים שטעהט: „כל הנחלים הולכים על הים", אדער ווי א רוימי־שער אימפּעראַטאָר האט געזאגט: „אלע וועגען פיהרען קיין רוים", אדער ווי די פארצייטיגע שטאדט טהעבען, וועלכע האט געהאט 100 טויערן און יעדער האט געפיהרט צום צענטער, אזוי פיהרען אלע גע־דאנקען קאַנט'ס צו איין־איינציגען פונקט.

אויב די וועלט איז א פּראָדוקט פון מענשליכען מוח, דאן, וואס־

זשע איז פאַרט דיזע גאנצע קאָמפּליצירטע, די ווירקליך בעוועגענדע וועלט, וועלבע מיר זעהען און פיהלען, — אדער וואס איז דאס, וואס מאכט אונז צו זעהן די וועלט אזוי ווי זי איז? און קאַנט לייקענט ניט דאס אַ געוויסע געהיימניספאלע זאך איז דאָ — אַ „דינג אַן זיך" — מיר ווייסען אבער ניט, וואס דיזעס איז. די גאנצע קאָמפּליצירטע וועלט, קענען מיר זאגען, איז בלויז דער רעזולטאַט פון געוויסע פאַר־שטעלונגען, עהנליך צו די בילדער, וועלבע מיר זעהען אין חלום. די ערפאַהרונג לערענט אונז טאקי, אז עס איז דאָ אַ ווירקליבע וועלט, אבער ווייטער פון איהר קענען מיר ניט געהן. די ערפאהרונג אליין אבער, אין איהר לעצטער פאָרם, איז באַזירט אויף רוים, צייט און קאַוזאַליטעט; דיזע וויעדער זיינען ערקענטניסע אַ־פּריאָרי, ד. ה. זיי זיינען איינגעבווירען אין אונז, — וועיל רוים, צייט און קאַוזאַליטעט דערקענען מיר אליין בעפאָר מיר מאכען אירגענד וועלבע ערפאַהרונג. פאָלגליך איז אונזער מוח, דער „דיינקונגס־אפאראַט" אדער, אין קאַנט'ס שפּראַך צו ריידען, „די סוביעקטיווע בעשאַפענהייט" אזוי בעשאַפען פאר די בילדער, וועלבע די „איינדריקע" שטעלען צוזאַמען פון די זאגענאַנטע דרויסענדיגע ערשיינונגען. דאַרום הייסט קאַנט'ס פילאָזאָפיע „טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם"; אידעאַליזם שטאַמט פון אידעען, פאַרשטעלונגען וועגען דער גאנצער וועלט.

דאס איז קאַנט'ס הויפּט לעהרע. אלע אנדערע געדאַנקען אין זיין פילאָזאָפיע זיינען אזוי ווי פערציערונגען ביי אַ קונסטפאלער גע־ביידע; זיי פערשעהנערען זי, מאבען זי קלאָהרער, אבער וועלבע אין דערזעלבער צייט, מאַבען אונמעגליך פאר אַ שוואַבען מוח זי צו פער־שטעהן. דערפאַר זעהען מיר דר. זשיטלאָווסקי'ן ריידען, ריידען און ריידען, אבער צו פערשטעהן איז נישטאָ וואס.

שאָפּענהויער

ווען איינער נעמט זיך קריטיקירען א בוך, וועגען וועלכען דער אינ־טעליגענטערער עלעמענט זאגט „פאלקאם גוט", און ער וויל דוקא ארויסברייגגען, דאס דער פערפאסער פון יענעם בוך איז א נול, — דאן צייגען זיך איהם די גרעסטע שוועריגקייטען ביים אויסקלייבען יע־נע שטעלען, וועלכע זאלען בעשטעטיגען די ריכטיגקייט פון זיין בע־הויפּטונג. די אורזאך איז דיזע: פּונקט ווי מען קען אויסקלייבען די שלעכטערע שטעלען, אזוי קען מען אָנווייזען אויף איניגע גוטע, און דערביי בעהויפּטען, אז דער קריטיקער איז אונגערעכט. אום אבער צו בעזייטיגען דיזע שוועריגקייט, האב איך אָנגענומען א גאנץ אנדערע מעטהאָדע אין בעווייזען דר. זשיטלאָווסקי'ס נוליטעט. איך האב ניט בעשטריטען דיזע אדער יענע מיינונג, נאר איך האב הויפּטזעכליך געזוכט צו בעווייזע זיין אייגענעם גייסטיגען צושטאנד, און דאס איז מיר, גלויב איך, ווי שוין באמערקט, געלונגען. מעג מיר ווער עס איז אויפצייגען איניגע גוטע שטעלען, קען איך גאנץ זיכער בעהויפּטען, אז זיי זיינען נאכגעפּלאפּעלט, ווייל לעבען יעדען גוטען געדאנק פון אירגענד וועלכען פילאָזאָף זעהט זיך גלייך אַן אייגענער, וועלכער ווידערשפּרעכט דאס גוטע און ערשיינט אלס הוילער אונזין און גענצליך פערגרעבטע אונוויסענהייט. יעצט, ביי שאָפּענהויער, וועט איהר עס ארויסזעהן מעהר ווי איבעראל.

איבערלעזענדיג דר. זשיטלאָווסקי'ס סקיצירונג פון שאָפּענהויער'ס פילאָזאָפיע, האב איך מיר פערצייכענט געוויסע שטעלעי, וועל־כע איך האב געוואלט אָנצייגען. האט איהם אבער גאָט איינגעגעבען

א גערדאנק צו געבען אן איבערבליק אין לעצטען קאפּיטעל איבער אלע גרונד־פּרינציפּען פון די פילאָזאָפען און ער האט מיר פערשפּאָרט א שווערע ארבייט צו ווייזען קליינע שטיקלעך, ווייל דאָ איז דאָ א געלעגענהייט איבערצוגעבען דעם גאנצען איבערבליק.

אויף זייטע 284, צווייטען באנד, לעזט זיך פאלגענדעס:

„מערקווירדיג אָרים אין פּאָזיטיווע בוי־פּרינציפּען איז שאָפּענהויער׳ס פּעסימיזם. נויטווענדיגקייט, מאָניזם און צוועקמעסיגקייט (ווי א בלינדער ווילענס־דראנג צום זיין), — אויף די דריי לויט׳ן רוהט שאָפּענהויר׳ס פילאָסאָפישע וועלט. אָבגעלייקענט ווערט ענטוויקעלונג און איז עאָל, די איבעריגע גרונד־פּרינציפּען: ערפאהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם, רעלאטיוויזם און „איך״־פּרינציפּ ווערען נאר טהיילווייז אָנגענומען. אפילו דער קריטיציזם, וועלכען שאָפּענהויער לאָזט כמעט קיין מאל פון מויל ניט ארויס, קאן זיך ביי איהם ניט דורכרייסען צו זיין ריכטיגער בעדייטונג.״

אָה, ווען איהר זאלט מיר נאר גלויבען, וואלט איך בלויז איין ווארט געזאגט — „פּלאַפּלעריי״ — און עס וואלט שוין אויסגעדריקט אלעס. איהר ווילט אבער בעווייזע און, אבוואהל דאס איז א שווער שטיקעל ארבייט, וועל איך זיי אייך געבען.

„מערקווירדיג אָרים״ א. ז. וו.... זאגט ער דארט, — אלזא גוט עס גלייבט זיך כמעט אוים מיט שאָפּענהויער׳ס אייגענע ווערטער. וועלען מיר יעצט א קוק טהאן, וואס שאָפּענהויער אליין זאגט אויף זיין פילאָזאָפיע, און איך וועל זיין מיט א ריינעם געוויסען, האבענדיג באמערקט די עהנליכקייט צווישען דר. זשיטלאָווסקי׳ס און שאָפּענהויער׳ס ווערטער, און דאן ווייטער זעהן, אויב דער ערשטער ווייסט וואס ער רעדט.

„עס איז קוים צו געפינען", זאגט שאָפּענהויער, „אירגענד א סיסטעם, וועלכער זאל זיין פון אזוי וועניג עלעמענטען צוזאמענגע־שטעלט, ווי מיינער; דערפאר לאזט ער זיך מיט איין בליק נאכזעהן און צוזאמענפאסען. דאס איז דערפאר, ווייל זיינע גרונד געדאנקען שטימען גענצליך איין, און דאס איז אַ גינסטיגער סימן פאר'ן אמת, וועלכער איז דאך נאהענט צו איינפאכהייט".

אָרים און וועניג קען מען נאך צוזאמענ'פּשט'לען. האט ער אבער צוגעשטעלט אַן אדיעקטיוו, און דאָ ווייזט זיך ארויס דער נארי־שער גדלות פון אַ פערדאַמטען עם־הארץ! „מערקווירדיג אָרים..." ווי ער וואלט געזאגט: „אויך מיר אַ פילאָסאָף!..."

וועל איך אבער דאס פערביילאזען אָהן אירגענד וועלכע באמער־קונג, ווייל, נאך אלעמען מעג ער דאך קוקען אויף שאָפּענהויער'ן פון אויוּוען ארונטער, ווען די אידישע אינטעליגענץ ווייסט ניט, וואס פאר אַ גאון זי האט צווישען זיך...

„אבגעלייקענט", פּלאַפּעלט ער דארט, „ווערט ענטוויקעלונג און אידעאַל". פון וואנען האט ער געדרונגען, אז שאָפּענהויער לייקענט אב די ענטוויקלונג? ווי קען גאר אַ געלערנטער מאן אבלייקענען אַ זאך, וועגען וועלכער די וויסענשאפט'ס מענער זיינען איינשטימיג? דער לעזער מוז געוויס דיינקען, אז שאָפּענהויער, לייקענענדיג ענט־וויקעלונג, איז מן־הסתם אַ גראָבער יונג געוועזען, אדער גלאט עפּעס אַ קרענק. דער אמת איז, אז ער האט דאס טאקי נ י ט געלייקענט. אויב ענטוויקלונג איז ביי איהם ניט די הויפּט זאך, איז עס נאר דער־פאר, ווייל דאס איז אַן ע מ פּ י ר י ש ע וויסענשאפט. אבער דאך, אום נאך קלאהרער צו צייגען, ווי אונזיניג דיזער פּלאַפּלער רעדט, ווי לייבט עס פליהען ביי איהם די ווערטער, פון וועלכע ער

ווייסט אפילו ניט זייער בעדייטונג, וועט איהר דאָ זעהן:

אין זיין ערשטען באנד (צווייטע אבטהיילונג) „די וועלט אלס ווילען און פאָרשטעלונג", רעדט שאָפּענהויער זעהר גינסטיג פון לאַמאַרק, דער געלעהרטער, וועמען דארווין האט צו פערדאנקען זיין ענטוויקלונגס לעהרע. אויסער דעם, זעהט מען פון פיעלע אנדערע שטעלען ניט נאר דעם פאקט, וואס ענטוויקלונג ווערט ניט אבגעלייקענט, נאר עס ווערט בעשטעטיגט. איך ברייננ דאָ שאָפּענהויער'ס א זעהר פּאָפּולערען אויסצוג, וואו איהר וועט דאס גלייך זעהן. אין צווייטען באנד „נאַכלאַס" רעדט ער פון דער געשיכטע דער פילאָזאָפיע, און קומענדיג צו אנאַקסימענעס, זאגט ער פאָלגענדעס:

„אנאַקסימענעס נעמט די לופט אלס דאס ערשטע אין דער וועלט אָן, און דאס איז אפשר זעהר ריכטיג, ווייל די לעצטע אסטראָנאָמיע ווייזט וואהרשיינליך אויף, דאס יעדער וועלט קערפּער האט צום ערשטען עקזיסטירט אין א גאזפאָרמיגען אגגרעגאט (אָנגעוואָרפענעם) צושטאנד, אלס א נעבעל שטערן, דאן איז ער איבערגעגאנגען אין א פליסיגען און צולעצט אין א פעסטען צושטאנד".

הייסט דאס אָבגעלייקענט?

איצט צום „אידעאַל"! אָבגעלייקענט גאר? ווי וואגט דאס אייינער צו זאגען, אז אידעאַל ווערט אבגעלייקענט, ווען שאָפּענהויער'ס ג א נ צ ע פילאָזאָפיע איז געבויעט אויף קאַנט'ס אידעאַליזם? צו בעווייזען דיזעס וואלט מען געדארפט ברייננען שאָפּענהויער'ס א ל ע שריפטען, ווייל דער אידעאַליזם זעהט זיך אויף יעדען בלעטעל. דאך וועל איך ברייננען אן אויסצוג פון דעמזעלבען „נאַכלאַס", און איהר וועט גלייך פערשטעהן די בעדייטונג פון מיינע ווערטער. אויף זייטע 54-55, ריידענדיג וועגען דער פונקציאָן פון מארך, זאגט ער אזוי:

„אבער דיזע פונקציאָן האט עטוואס אייגענעס, וואס שטעלט זי גאר העכער, אלס די גאַל, וועלכע די לעבער זונדערט אָב, און די פלי־סיגקייט, וועלכע די שפּייכעל דריזען זונדערן אָב, נעמליך דיזעס: די גאנצע וועלט בערוהט אויף איהר (אויף דער פונציאָן פון מאַרך), ליגט אין איהר, איז בעדינגט דורך איהר. דען דיזע (די וועלט) עקזיסטירט נאר אלס אונזער פאָרשטעלונג, און איז פאלגליך פון איהר אבהייניגיג און אָהן איהר איז זי ניט מעהר. — אפשר זעהט עס אויס פאר אייך מאדנע, און עס איז נאך דא איינער, אדער פיעלע פון אייך, וועלכע מיינען גאנץ עהרליך: ווען אפילו די גאנצע מאַרך מאַסע זאל ארויס־געשלאגען ווערען פון דעם מוח קאסטען, בלייבען דאך דערפאר הי־מעל און ערד, זון, לבנה און שטערען, פלאַנצען און אלע עלעמענטען שטעהן. — ווירקליך? — זאלט איהר נאר די זאך אביסעל נעהענטער בעטראכטען. שטעלט אייך איינמאהל פאר אַ ווירקליכע וועלט אָהן ערקענענדע וועזענס: — דארט שטעהט די זון, די ערד דרעהט זיך ארום איהר ארום; טאג און נאכט, די יאהרס־צייטען בייטען זיך, דער ים שלאגט כוואליעס, די פלאנצען וואקסען: — אבער אלעס, וואס איהר שטעלט אייך יעצט פאר, איז בלויז אַן אויג, וועלכעס זעהט עס אלעס, אַ פערשטאנד, וועלכער בעגרייפט עס: אלזאָ פונקט דאס, דורך וועלכען די גאנצע וועלט ווערט ערקענט אלס אַן היפּאָטהעזע, איז עס דאס צוגענומענע. איהר קענט דאך קיין הימעל און ערד און זון און לבנה דירעקט, אָן און פאר זיך; זאנדערן איהר קענט בלויז אַ פאָרשטעלען, אין וועלכען דאס אלעס פאָרקומט און טרעט אויף, ניט אנדערש ווי עס טרעטען אויף אייערע חלומות ביי דער נאכט; און דאס ערוואכען פון מארגען פערניכטעט דיזע טרוים־וועלט: ניט אני־דערש וואלט געוועזען דיזע גאנצע וועלט פערניכטעט, ווען דער פער־

שטאנד וואלט אוועקגענומען געווארען, ווי פריהער געזאגט, ווען די גאנצע מאַסע פון מוח קאסטען זאל ארויסגעשלאָגען ווערען. איך בעט אייך ניט צו מיינען, אז דאס איז אַ שפּאַס: עס איז ערנסט."

וואס איז דאס? איז אפשר ניט פאָרשטעלונג און אידעאל איינס און דאסזעלבע? אויב איך האב אַן אידעאַל פון דער וועלט, אדער די וועלט איז מיין פאָרשטעלונג, זיינען זיי דען ניט ביידע אין מוח? איז אפשר ביי דר. זשיטלאָווסקי'ן דער אידעאַל אין מוח און די פאָרשטעלונג אין הינטער-חלק?... אויב אזוי איז שוין קיין וואונדער, וואס ער פערשטעהט אלעס קאַפּויר...

מיינט ער אפשר מיט דעם „אידעאַל", דעם וואונש פון איינעם, ווי אזוי די געזעלשאפט זאל זיך פיהרען? דאן איז ער דאך אודאי אַ דומער פלאַפּלער! לעזט נאר דורך שאָפּענהויער'ס „ביידע גרונד פּראָבלעמען דער מאָראַל" און „אַפאָריזמען צור וועלט-וויזהייט", און איהר וועט שוין זעהן, אז ער האט דוקא יא געהאט אַ שעהנעם אידעאַל. אמת, איהר קענט אפשר ניט איינשטימען מיט זיין אידעאַל, אבער דאס איז דאָ ניט וויכטיג; — וויכטיג איז, דאס דר. זשיטלאָווסקי הויבט לחלוטין ניט אָן צו וויסען, וואס ער רעדט!

נון, מיין פריינד, ביין שליסען דיזען בריעף וועל איך נאך אָנווייזען אויף דר. זשיטלאָווסקי'ס אַן אנדערע מערקווירדיגקייט און שוין אַיבערלאָזען די אנדערע „געדאנקען" פאר אַן אנדערער צייט, — ווען די „קריטיקער" וועלען אפשר נאך וועלען איבערצייגען זייערע לעזער, אז איך בין נאך אַלץ אַ צודולטער.

„אמת", זאגט ער אין ערשטטען באנד, זייטע 5, „עס זיינען דאָ מעטאַפּיזישע סיסטעמען, וועלבע מאַבען דעם איינדרוק פון אַ מיהל וואס ארבייט אויף אלע שטיינער, אבער וואס מען האט פארגעסען

אריינצושיטען אין איהר די תבואה. א קלאפעריי און א הארמידער טראגט זיך אין דער לופטען און פון מעהל איז קיין זכר ניטא".

ווי אזוי האט ער געקענט אנשרייבען דיזע ווערטער, ווען זיי קענען אנגעווענדעט ווערען אויף זיין אייגענער „פילאסאפיע"? וואו האט מען נאך געזעהן אזא גרויסען ים מיט ווערטער אהן זין, אהן צוזאמענ־האנג, מיט אזוי פיעל פארקערטהייטען ווי אין זיינע שריפטען? און וועלכען שלעכטען בוך האט ער דערזעהן, וואס האט אויף איהם גע־ווירקט צו מאכען דיזע באמערקונג? נאר אויך דא זעהט מען ארויס די אינטעליגענץ פון דיזען „גרויסען" מאן: ער פלאפעלט איינפאך נאך ווי אן אף! — איך וועל אייך דערצעהלען דעם סוד, אז דאס זיינען שאפענהויער'ס ווערטער, דעמזעלבען גרויסען דיינקער, אויף וועלכען ער קוקט פון אויווען ארונטער. אט האט איהר זיינע ווער־טער, וועלכע ער האט געזאגט אויף די פלאפלערייען פון זיין צייט: — „דאס קלאפפערן דער מיהלע הער איך וואהל, אבער דאס מעהל זעה איך ניכט." — נאר פאר אזא קלייניגקייט, ווי נ י ט צו זאגען פון וואַ־נען מען נעמט עפעס, איז שוין דא גענוג שכל...

א וואונדער איז נאר: ווי אזוי האט עס איינער געקענט אנשריי־בען אזוי פיעל אונזין? נאר ווען מיר זעהען, אז פאר דעם האט זיך גע־פונען א פערלעגער עס ארויסצוגעבען, א פרעסע צו בעאיינפלוסען דעם לעזער עס צו לעזען, דאן איז שוין קיין וואונדער! — עס איז דער יאגען זיך צו לעבען אויף דעם חשבון פון דעם נאיווען ארבייטער; עס איז דער באנקראט פון דער אידישער ליטעראטור, פון דער גאנצער פראגרעסיווער בעוועגונג אין אמעריקא!

זעקסטער בריעף

יא, איהר האט געטראפען! איך האבווירקליך געמיינט שוין צו ענדיגען מיט דר. זשיטלאָווסקי, ווייל — גלויבט מיר, ליעבער פריינד — עס פערשאפט מיר קיין בעזונדערן פערגניגען צו ריידען וועגען איהם און זיינע שריפטען. און אויב איך האב עס יא געטהאן, בין איך געצוואונגען דערצו; איך האב געוואלט ווייזען, ווי איך האב שוין פריהער בעטאָנט, אז ער איז דער באַראָמעטער פון דעם באַנקראָט פון דער אידישער ליטעראַטור. איהר דארפט זיך אבער ניט פאַרענפערן, פאר וואס איהר ווילט נאך עפּעס וויסען וועגען דר. זשיטלאָווסקי מיט דער אידישער אינטעליגענץ, ווייל, ווי שווער עס זאל זיין צו ריידען פון דעם, איז עס אבער א ביטערע נויטווענדיגקייט — עס מוז איינמאהל פאר אלעמאהל ארויסגעוויעזען ווערען, ווי שטארק די מוחות פון די אינטעליגענטען זיינען צומישט. דערפאר בין איך וויליג צו ענפערן אויף אלע פראגען; לאמיר זיי נאר זעהן:

ערשטענס דערמאהנט איהר די פאסירונג, וואס דר. זשיטלאָווסקי האט געוויעזען, אז מאנכע „גרויסע" פון דער בעוועגונג זיינען אונוויסענד, ווייל זיי קענען קיין גראַמאַטיק; און איהר פרעגט, אויב איך וויים וועגען דעם — וואס פאר א שטורם עס האט אנגעמאכט. דערביי בעדויערט איהר מיך, ווייל מיין ביכעל, ניט זייענדיג געשריבען

גראמאטיקאליש, האט מען עס ניט גענומען אין אנבעטראכט.

צווייטענס פרעגט איהר: וואס האב איך דען אויפגעטהאן מיט מיין ביבעל?

דריטענס מיינט איהר, אז עס איז נאך ניט אזוי שלעכט: יאַ־נאָווסקי האט פּרובירט ארויסצוגעבען אַ גוטען זשורנאל און אייך טהוט נאר באנג, וואס ער איז אונטערגעגאנגען. דערביי ערמאָנערט איהר, דאס אי אין „פאָרווערטס", אי אין דער „פרייע ארבייטער שטימע" זעהט מען סקיצען און געדיכטע פון נייע שרייבער, וועלכעס ווייזט, אז איך בין אין טעות מיט מיין שלעכטער מיינונג.

פיערטענס פרעגט איהר אין אַ דראמאטישען טאָן: איז דען אין די פרעמדע שפראַכען ניט פאראן שלעכטע ביכער? צו דען דארף די יונגע אידישע ליטעראַטור זיין אַן אויסנאַהמע?

פינפטענס, ענדליך, ראהט איהר מיך, אויב איך וועל נאך עפּעס ארויסגעבען, זאל איך ווי ווייט מעגליך מעסיגען מיין שפּראַך, ניט אזוי פיעל ריידען פון זיך אליין, וויל, נאך אלעמען, איז בעשיידענהייט די גרעסטע מעלה פון אַ גוטען שרייבער. דערביי דערמאהנט איהר, אז מען מוז שאנעווען די געפיהלען פון לעבענדע פּערזאָנען, — וועניגער ידלעריי און מעהר העפליכקייט...

יעצט וועל איך פּרובירען צו פאַרענטפערן די פראגען כסדר:

ערשטענס. — יאַ, פריינד, מיר איז בעקאַנט דר. זשיטלאָווסקי'ס טהעטיגקייט אין אַמעריקאַ. אין 1910 האט ער אָנגעשריעבען אַן ארטיקעל געגען די ראַדיקאַלע שרייבער און „אויפגעוויעזען", אז זיי פערשטעהען גאנץ וועניג גראַמאַטיק; זיין ציעל אבער, איז ספּעציעל געווען דער „פאָרווערטס" און די „פרייע ארבייטער שטימע". נון, עס איז ניט דאס איינציגע מאהל, וואס דיזער הער גרייפט אָן די געגאנטע

צייטונגען דירעקט אדער אינדירעקט. איידער אבער איך וועל צוקומען צו דער גראמאטיק, וועל איך גלייך ענפערן, אז אויך דא זעהט מען ארויס דעם גראד פון אינטעליגענץ פון דיזען מאן. דער אמת איז דאך, — צו זיין גערעכט צו די אנגעגריפענע — אז קאהאן, יאנאווסקי און אפילו זייערע אונבעדייטענדסטע שרייבער זיינען מיט אן אונגעהייער גרויסען פראצענט אינטעליגענטער ווי ער. און ווען איך זעה, ווי דר. זשיטלאווסקי גרייפט אן די דערמאהנטע פערזאנען, אבוואהל איך האס זיי ווי דעם טויט פאר אונטערדריקען יעדען נייעם טאלענט, פיהל איך אבער א געוויסע סימפאטהיע צו זיי, — וויל דא זיינען זיי ווירקליך די קרבנות פון א דומקאפף! וואלט דיזער הערר געהאט אביסעל מעהר שכל, וואלט ער יעצט געדארפט זיצען שטיל אין א ווינקעל און זיך כראמשקען די בייגדלעך, וואס פאלען ארונטער פון דעם טיש פון דער „פראגרעסיווער בעוועגונג". לאמיר זיך ניט נארען! דער פאקט, דאס דוקא דיזע קארופציאן פון „פארווערטס", דאס יאגען זיך צו געפעלען דעם עולם, צו געבען איהם סענזאציעס; דער פאקט, דאס אין דער צייט פון די רוסישע אונרוהען האט מען געקארמעט דעם עולם מיט דעלעגאטען נייעס; דער פאקט, דאס מען לויבט איינעם ביז'ן הימעל אהן איבערצייגונג, אז ער פערדיענט עס, נאר אויס אינטערעס פון דעם מאמענט, וויל דורך געוויסע צופעלע איז זיין נאמען געקומען אין די מיילער פון א טהייל מענשען; דער פאקט, דאס דורך דיזער קארופציאן, — דורך אזא אונפערדיענטען לויב פון איינעם און די פערברעכערישע אונטערדריקונג פון א צווייטען — קענען די דומסטע דערהויבען ווערען צום הימעל און דער בעסערער ארייגעשליידערט ווערען אין טיעפסטען אבגרונד: — אט דיזער טרויעריגער פאקט און ניט זיין פעהיגקייט האט דאך איהם אליין

פּאָפּולער געמאכט אין אמעריקא! און איצטער, אנשטאט רוהיג צו געניעסען די פרוכט פון זיין פּאָפּולאריטעט, בריקעט ער זיך גאר ווי א פערד. דאס גיט ער זיי אָפּ א דאנק אזעלכען... דיזער פאקט, אַז און פאר זיך, איז גאנץ קאָמיש — איך וואלט מיר אויך געקענט אונטער־שמייכלען און גלעטען מיין בייכעל פאר נקמה — ווען דאס וואלט ניט געהאט א טרויעריגע זייט דערביי. דאס טרויעריגסטע איז, וואס די אינטעליגענטען, אין זייער האס צום „פאָרווערטס" און צו דער „פרייע ארבייטער שטימע", האפּען אויף יעדען ווארט פון דיזען הער, אלס עטוואס געניאלעס. און אויך דאָ זעהט מען ארויס דעם גייסטיגען באַנקראָט פון די אינטעליגענטען. מערקט אייך גוט! דיזעלבע קאָ־פּע־הויז אינטעליגענטען, וועלכע שרייען אימער, דאס דער „פאָרוו." קאָרומפּירט די מאסע, זיינען פריהער גאר אליין די קרבנות פון דיזער קאָרופּציאָן און דורך ז י י ערשט די מאסע, ווייל זיי אליין, אין זייער דומהייט, ווערען ארייגעשלעפּט אין דיזען שמוציגען שטראָם. און טאקי דערפאר, אָבוואָהל עס לוינט זיך ניט צו ריידען א ווארט מעהר וועגען דר. זשיטלאָווסקי מיט זיינע תלמידים, ווען איהר דערמאהנט, פאַרוואס איך האב מיין ביכעל ניט געשריעבען גראמאטיקאליש, ווען איהר מיינט, אַז אויף גראמאטיק שטעהט די וועלט, מוז איך מיר דאָ געבען מיין מיינונג וועגען דיזען ענין.

די גראמאטיק פערהאלט זיך דאך צו דער שפּראך פון א פאָלק, ווי א שעהן געדעקטער טיש, מיט די טייערסטע געשיער צו דער שפּייז. גראמאטיק איז טאקי גוט, פונקט ווי א שעהן געדעקטער טיש איז עסטהעטיש; איז אבער גראמאטיק אָהן געדאנקען פונקט דאסזעל־בע, ווי א שעהן געדעקטער טיש, אבער אָהן די שפּייז; אדער פער־קעהרט, — גראמאטיק מיט פאלשע געדאנקען איז דאסזעלבע, ווי א

שעהן געדעקטער טיש מיט סם, אנשטאט געזונטע, נ א ר ה א פ ט ע שפייז.ביים שרייבען איז דאך די הויפטזאך, אויב איינער האט גע-דאנקען, אויב ער האט וואָס צו זאגען; האט ער דאס ניט, דאן טויג די גראַמאַטיק אויף כפרות. געדאנקען, אפילו אָהן גראַמאַטיק, זיינען אינטערעסאנט און א שעהנער סטיל קומט שוין פון זיך אליין ארויס; אבער גראַמאַטיק אָהן געדאנקען מאכט א שלעכטען סטיל, איז לאנגווייליג און דעם לעזער'ס מוח ווערט דערביי פערדאָרבען.

איך וועל דערפאר אייך בעטען, אז איהר זאלט די גראַמאַטיקער פון סיי וועלכען צד פאלגענדעס זאגען:

„וואס טויג אייער גראַמאַטיק, ווען איהר גיט אונזין אדער פאל-שע געדאנקען? צום טייפעל מיט אייער גראַמאַטיק, ווען איהר זיינט ענטוועדער דומקעפּף אדער שאַרלאַטאַנעס! מען איז אייך מוחל די טובות פון גראַמאַטיק און אונטערדריקט ניט אונזערע יונגע טאלענ-טען, וועלכע קענען מיט דער צייט לייסטען גוטעס פאר דער אידישער ליטעראַטור פיעל מעהר, ווי איהר, עבר-בטל'דיגע גראַמאַטיקער...״

איצט, ווען איך האב מיר שוין ארויסגעזאגט מיין מיינונג וועגען דיזער פראגע, קען איך מיר ערלויבען א בליק צו טהון אויף דעם גרוי-סען גראַמאַטיקער'ס גראַמאַטיק און זעהן, פון מיין שטאנדפּונקט, ווי זי זעהט אויס.

אזוי שנעל ווי מען גיט א בליק אויף סיי וועלכער זייט פון זיין „פי-לאָסאָפיע״, אזוי ווארפט זיך גלייך אין די אויגען די שרעקליך גייסטי-גע אָרימקייט פון דיזען מאן, אפילו פון דעם שטאנדפּונקט פון גראַ-מאַטיק. אָט איז א צופעליג אויפגעמאכטע זייט, 181 2טען באנד:

„דער מאַטעריאַליזם פערגעסט אבער, אז די וועלט, וועלכע מיר ערקענען, איז א פּראָדוקט פון אונזער ערקענטניס.״ — דאס איז א

זאָץ, אמת, געשריעבען נאך אלע רעגעלן דער גראַמאַטיק; קען מיר אבער איינער ערקלעהרען, וואס פאר א חיה דער סובסטאַנטיוו „מאַטעריאַליזם" איז, אום אויף איהם זאל קענען אָנגעוועגדעט ווערען דער טהעטיגקייטס-ווערב „פערגעסט"? אויב דער מאַטעריאַליזם קען פערגעסען, קענען דאך אויך אנדערע אַבסטראַקציאָנען טהעטיג ווערען? זיי קענען ביי איהם אָנפאַנגען זעהן, פיהלען און ווער ווייס וואס פאר א שאנדע אונז אָנטאָהן! און אזוי איז עס טאַקי! דאס איז קיין שפּאַס! עס איז די ריינע ווירקליכקייט, ווי איהר וועט באלד זעהן נאך א פּאָר ביישפּיעלען פון לעצטען קאַפּיטעל (2טען באַנד) — א פּאָר בלויז פון פיעלע הונדערטער, וועלכע ציהען זיך איבער'ן גאַנצען בוך ווי א שווארצער פאָדים. — אויף זייטע 272 איז דער „פּראַגמאַטיזם" ביי זיך שטאָלץ — „ער קוקט מיט איבערטריעבענעם גדלות..." אויף זייטע 273 „זעהט ער ניט די ריין טהעאָרעטישע טהעטיגקייט פון דעם מענשען". אויף זייטע 274 ווערט דערזועלבער פּראַגמאַטיזם פערוואַנדעלט אין א נקבה, און אָט איז זי אָבגעמאָהלען: „מיט איהר האַלב-מיסטישען, רעליגיעזען אויסבליק..." — און נאך עפּעס: „זי איז שוין שוואַנגער" און — גאָט, מיין גאָט! — „זי ווייסט אפילו ניט, אז זי האט שוין פערלאָרען איהר אונשולד..."

וואס פאר א פּנים האט מיר די גראַמאַטיק זיינע, ווען ער, אַנשטאַט צו געבען קלאָהרע געדאנקען, גיט אונז גאר אזעלכע גאַנץ אַבסטראַקטע (לייענט אונזיניגע) בילדער? זיינע פערטהיידיגער קענען זאגען, אז אין שרייבען מוז מען זיך אמאהל בעדיענען מיט אַלעגאָרישע אויסדריקע, אום ארויסצובריינגען א געוויסען געדאַנק. זעהר ריכטיג! ווערען אבער דיזע אויסדריקע אין דער אידישער ליטעראַטור שוין צו פיעל איבערטריעבען, ווייל עס איז א גוטער מיטעל צו פערדעקען די

אונוויסענהייט; אבער דאך איז עס נאך צום דערליידען ביי אנדערע אידישע שרייבער; ביי דר. זשיטלאָווסקי אבער נעמען דיזע בעגריפע אָן דעם כאראקטער פון א שדים־טאנץ, וועלכער זעהט זיך ארויס אין דער „פילאָסאָפיע״ ווי אין אלע פאטשקערייען זיינע, און דאס, כאָטש גראמאטיקאליש געשריעבען, מאכט אָן א חרבן אין׳ם לעזער׳ס מוח.

*** *** ***

יעצט, נאכדעם ווי איך האב שוין געזאגט מיין מיינונג וועגען דער גראמאטיק, קען איך פאר אייך ענדעקען א סוד, וואס דריקט מיך שוין לאנג אויף׳ן הארץ. אזוי איז שוין דער מענש; ער זויל ניט נאָכ־געבען דעם פאקט, אז דער צווייטער קען אמאהל שטעלען א ריכטיגע פראגע: ער געפינט אויף אלעס אַן ענפער. און דאס האב איך גע־טהאן, אום אייך אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם פאקט, דאס ווען עס וואלט ניט געווען דער באנקראָט צושטאנד פון דער פראָגרע־סיווער בעוועגונג, דאן, ווי שלעכט מיין ביכעל וואלט געווען געשריע־בען, וואלט די קלאגע געווען עפענטליך דיסקוטירט געווארען, ווייל עס האנדעלט זיך דאך פון א שלעכטען צושטאנד, וועלכער מוז אנדערש ווערען. און וואלט דען ניט געווען פיעל קלוגער פון די אינטעליגענ־טען, ווען זיי, אנשטאט זיך צוריקצוהאלטען, צו שעהמען זיך פר דר. זשיטלאָווסקי אדער יאנאָווסקי עפעס צו זאגען, ווען זיי האבען ביי מיר באמערקט א פונק טאלענט, צו לערנען מיך? — און דאָ קום איך צום פונקט: דיינקט איהר, פריינד, אז מיין ביכעל איז געווען אזוי געשריבען, ווי עס איז ארייגעפאלען צו אייך אין האנד? דאן האט איהר א טעות! און דאָ קומט ווידער א פראגע: ווי קוקט עפעס אויס דער פאקט, וואס אַן אָרימער, עלענדער פאבריק־ארבייטער, אָהן ערפאהרונג, טרעט ארויס אין אַן אונגלייכען קאמפף מיט יענע

אלע, וועלכע פיהלען זיך מעכטיג? — עס קוקט טאקי אוים זעהר קאָ־מיש!... עס ווערט אבער צו א טראגי־קאָמעדיע, ווען צו דעם קומט נאך צו אן אונפאָראויסגעזעהענע פאסירונג. און דאס איז געווען דער פאל ביים ארויסגעבען מיין ביכעל. איהר מעגט דיזע קורצע געשיכטע נעמען אין אנבעטראכט.

געפינענדיג זיך פלוצים עלענד, נאכדעם ווי כ'האב געמאכט א נעהנטערע בעקאנטשאפט מיט דער „עהרליכקייט" פון די גרויסע, זייענדיג פעראהטען און אָהן פריינד, און אין הארץ טראגענדיג א פערצווייפעלטען האס צו די קליינליכע אונטערדריקער, און וועלענדיג דיזעס בעקאנט מאכען פאר דעם אינטעליגענטערען לעזער, בין איך אריינגעקומען צו א דרוקער פירמע מיט דעם מאנוסקריפט, — און דער אָפמאך דאס אָבצודרוקען איז געשלאָסען געווארען. מען האט מיר פערשפּראָכען דעם בעסטען „דזשאָב", וואס קען נאר זיין, און איך האב געגעבען 50 דאללאר האנד־געלד, מיט דער בעדינגונג עס אליין 2 מאהל צו קאָרעגירען. מיט א קלאפּענד הארץ בין איך צום בעשטימטען טאג געקומען זעהן די פּראָבע בויגען; ווי ערשטוינט בין איך אבער געווארען, ווען, אנשטאט דיזע צו זעהן מיט אייניגע פעה־לער בלויז, האב איך גאר געפונען א נייע אָרטאָגראפיע, א נייע פּונק־טואירונג, ווערטער און זעצע איבערגעמאכט. פּראָטעסטירענדיג פאר אזא ארבייט, האט מען מיר אין א גאנץ העפליכען טאָן ער־קלעהרט, אז דאס איז דעם זעצער'ס שולד; מען האט מיר געהייסען קאָרעגירען — עס וועט אלעס „געפיקסט" ווערען. וועלענדיג זעהן דעם זעצער, איז דיזער ניט געווען צו זעהן, אָבוואָהל עס איז געווען אין די ארבייט'ס טעג; אבער אין א יום־טוב — דוקא א ניט אר־בייט'ס טאג — האב איך איהם דערטאפּט.

„זאגט נאר, איך בעט אייך", האָב איך איהם געפרעגט, „וועל־כער טייפעל בעט אייך דען צו זיין אַ גרעסערער חכם ווי דער שרייבער און איבערמאכען זיין ארבייט?"

דער זעצער, נאך פיעל זיך ארומקריעגען, אז ער קען בעסער פון מיר שרייבען, האט זיך ענדליך פארענפערט, אז דאס איז געווען אָהן אַבזיכט און (הפנים ניט וועלענדיג זאגען דעם גאנצען אמת), האט ער מיר גאָר פערזיכערט, אז דאס איז געווען מיר לטובה: איהם איז אזוי שטארק געפעלען, ווי איך „רייב אַ מאָרדע" יאנאָווסקי'ן, אז ער האט עס אומיסטען אזוי „גוט" געמאכט, אום דאס ביכעל זאל זיך שנעלער פערקויפען... וואס־זשע, אַלזאָ, האָב איך געקענט האָבען צו איינעם, וואס וויל אַ טובה טהאָן?... און זייענדיג ארייננעפאַ־לען מיט 50 ד., בין איך שוין געווען צופריעדען צו זעהן דאס ביכעל כאָטש לעזבאַר. און ניט קענענדיג פערליערען מעהר צייט, ווייל איך בין געווען אין שרעק צו פערליערען מיין ארבייט'ס פּלאַטץ, האָב איך איבערגעלאָזט 3 בריעף: איינעם צו די אייגענטהימער, איינעם צום לינאָטייפּ זעצער און אַ דריטען צום האנד זעצער, און זיי געבעטען (די איינציגע זאך, וואס איך האָב געקענט טהאָן אונטער די אומשטענ־דען), זיי זאלען זעהן, אז דאס ביכעל זאל זיין ווי איך האָב עס קאָררי־גירט. און וואס איז געווען די ענדע? מען האט פאר זיך דערזעהן אַן אָרים געקליידעטען ארבייטער — אַ „קרענק", און אלס אזעלכער בין איך בעהאנדעלט געווארען; די אייגענטהימער האָבען געהאנדעלט, ווי זיי האט זיך געלוינט אַם בעסטען: זיי האָבען מיין ביכעל „אויס־גענבעסערט" נאך זייערע געשעפטס אינטערעסען... איהר וועט זיך וואונדערן: איהר וועט מיר אפשר דערצעהלען אַ געשיכטע פון קענען די פירמע געריכטליך פערקלאָגען פאר אזא פערגעוואלדיגונג; אָבער

דאס קלאגען זיך געריכטליך איז ניט פאר אַן אָרימען ארבייטער. אויסער דעם, דורך מיין אונערפאהרענהייט, זיינען שוין פערקויפט געווארען אַ גרויסע צאהל קאָפּיעס, איידער איך האב איינע פריהער געזעהן פּערטיג. אויך דאס איז אַ וואונדער, — אבער אָט איז דער רעטעניש: איך האב אָפּגעמאכט מיט דער „מעטראָפּ. ניוס קאָ.", זי זאל מיינע ביכלעך צוטהיילען, און די דרוקער פירמע האט זיי געשיקט אהין. און אין יענעם אבענד, נאך אַ טאָג שווערע ארבייט, ווען איך האב צום ערשטען מאהל דערבליקט מיין געדרוקטען ביכעל, איז מיר פינסטער געווארען פאר די אויגען...

מיט איינינע יאהר צוריק האבען די צייטונגען געבראכט די נייעס, דאס אַ פּאַריזער יונגערמאַן, נאכדעם ווי ער האט דערזעהן זיין ערשטע פּראָדוקציאָן מיט פיעלע דרוק-פעהלער אויף דער ליכטיגער וועלט, האט באגאנגען זעלבסטמאָרד. אין יענע טעג, נאך דעם ערשיינען פון מיין ביכעל, בין איך ערשט געקומען יענעם אונבעקאנטען מענשען צום גלויבען. אך! גאָט זאל נאר אויסהיטען אַ נייעם שרייבער אריינצופאלען אין די שמוציגע מיילער פון די פערדאמטע לצנים — די זשורנאַליסטען! איך האב אבער געדולדיג אריבערגעטראגען דיזען וועהטיג אין הארץ, ווי פיעלע אנדערע אין מיין עלענדען לעבען. עפּענטליך דאס צו ערקלעהרען האב איך ניט געהאט וואו, ווייל קיין מענש וואלט מיר געגלויבט. דיזעס האב איך ערפאהרען דורך אַ געוועזענעם אינטימען פריינד — אַ שרייבער, ווייל אויך ער האט מיך געהאלטען פאר אַ „קרענק" און ניט געגלויבט, דאס אזוי פיעל פעהלער זאל מען מאכען אין אַ קליין ביכעל.

אַ ביישפּיעל, אז דאס שלעכטע זעצען אדער דאס איבערמאכען האט אויף די לצנים געווירקט, וועל איך דאָ ברייננגען. און דאס טהו

איך, — ניט דערפאר, אום מיך פאר אייך אויסצופיינען, נאר — וויל א פערדאמטער „טאגעבלאטט" שמיר־קריטיקער האט געפונען פאר נויטיג, אבוואהל איך האב צו איהם גאר ניט געהאט, דוקא איינעם פון דיזע זעצע צו ווייזען דער וועלט אין זיינער א פּאַיאַצקער קריטיק־שמירעריי. און דאס האט ער מן־הסתם געטאהן, אום צו ווייזען, ווי איינער רעדט: „זעה נאר, ער קען אפילו א זאץ ניט אנשרייבען און פאלט אן אויף אלטע שרייבער!..." אויף זייטע 12 פון מיין ביבעל איז געדרוקט „א סיסטעמאטישער סיסטעם..." א. ז. וו. איך האב אויף קיין פאל געשריעבען אזוי, זאנדערן „א פ ע ר ב ר ע כ ע ר י ש ע ר סיסטעם פון אונטערדריקונג..." א. ז. וו., וועלכעס קלינגט אביסעלע אנדערש. אבער די הערדען דרוקער האט אזא זאץ אויסגעזעהן צו שטארק, און זיי האבען „געפיקסט"... וואלטען זיי באטש א פאסענ־דערן אדיעקטיוו געגעבען, וואלט עס ניט אויסגעמאכט, — האבען זיי אבער געמאכט סיסטעמאטישער סיסטעם, וועלכעס קלינגט, למשל, ווי „מילכיגע מילך", „פליישיגע פלייש" אדער ווי קאהאן'ס „אידישע אידיש". געוויס זיינען אזעלכע פעהלער ניט אזוי געפעהרליך — און עהנליכעס זעהט מען דאך טאג־טעגליך אין דער פרעסע! — אבער פאר דער בת לצנים — די פעדאנטען איז דיזעס געוועזן גענוג מיך צו האלטען פאר א „קרענק", — און פאר יאנאווסקי'ן איז עס געוועזן די בעסטע געלעגענהייט מיך עפענטליך צו מאכען פאר א משוגע'נעם.

וואס האט די איינגענטהימער געטריעבען „אויסצובעסערען" מיין ביבעל? געניי ווייס איך ניט; איך קען מיר נאר פארשטעלען, דאס דיזע הערען, זייענדיג מיט יאהרען צוריק פערמישט אין א פראצעס צווישען „טאגעבלאטט" און „פארווערטס", האבען זיי זיך דערפאר געשראקען דאס ביבעל ארויסצולאזען, ווי איך האב עס געשריעבען.

און אזוי האבען אונערפאהרענהייט, דרוקער, זעצער, צוזאמען מיט דער בעהויפּטונג, אז דר. זשיטלאָווסקי איז א גייסטינער נול, געווירקט, דאס איך זאל בעטראכט ווערען פאר א משוגע'נעם. וועט אבער דיזע מיינונג אייביג אזוי אָנהאלטען? איך גלויב עס ניט!

*** *** ***

מיר ווּלען יעצט איבערגעהן צו דער צווייטער פראגע.

וואס איך האב אויפגעטהאן מיט מיין ביכעל, פרעגט איהר? איך וועל אָנפאנגען מיין ענפער מיט דער אידישער טבע — מיט א פראגע: וואס, האט איהר געוואלט, זאל איך דען אויפטהון? דיינקט איהר, אז איך האב געטרוימט צו טויטען די פּאָפּולאַריטעט פון די מאכערס פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג אין איין אויגענבליק? דאן האט איהר א טעות! — איך בין ניט אזוי דאָן־קיכאָטיש, ווי איהר שטעלט זיך פאָר, און ניט איהר קענט דאס פון מיין ביכעל אויפווייזען. איך ווייס גאנץ גוט, דאס א פּאָפּולאַריטעט, אויפגעבויעט אויף א פונדאמענט פון נאאיווען גלויבען, קען מען ניט אזוי שנעל פערניכטען; די גרויסע האבען געזארגט דיזען פונדאַמענט צו פערשטארקערן און זארגען יעדע מינוט דיזע פּאָפּולאריטעט, אונטער אלע אומשטענדען, פעסט צו האלטען. אויך האב איך ניט געטרוימט פלוצים פּאָפּולער צו ווערען דורך מיין ביכעל. עס נעמט גענוג לאנג ביז א שרייבער — א געוועהנליכער שרייבער ווערט בעקאנט צו יענע, צו וועלכע ער דארף בעקאנט ווערען; און עס נעמט נאך פיעל לענגער פאר אזא שרייבער בעקאנט צו ווערען, וועלכער קומט אין צוזאמענשטויס מיט יענע מא-כערס, וועלכע זיינען בעליעבט ביי די אינטעליגענטערע לעזער. — אזא ערנסטער שרייבער פון צווייטען סאָרט, אויב ער האט נאר דאס גליק אויסצולעבען זיינע יאהרען און אויב ער האט אירגענד וועלכע

ווירקונג אויף דעם אינטעליגענטערען טהייל פון די לעזער, דאָן, — טראָטץ אַלערליי אונטערדריקונגען — ווערט ער צום סוף מעהר פּאָ-פּולער ווי דער שרייבער פון ערשטען סאָרט. אַלזאָ, דאס אַלעס האָב איך דאָך געוואוסט; וואס-זשע האָב איך געקענט אויפטהאָן?

די איינציגע זאַך, וואס איך האָב געוואָלט, איז געווען: דאס מיין פּערזענליכע פּראָטעסט-שטימע זאָל געהערט ווערען; און אין דיזער הינזיכט, אָבוואָהל דאס גוטע ביכעלע איז אַרויס ניט ווי איך האָב געוואָלט, האָב איך זעהר פיעל אויפגעטהאָן: מיין שטימע איז דערהערט געוואָרען! און אויב מיר פּערזענליך איז דערווייל אַרויסגעקומען וועניג נוצען, איז אָבער דאס פעלד שוין צואַקערט, נאָך פיעל מעהר ווי איך האָב אַליין ערוואַרטעט, און עס וועט ניט נעמען לאַנג, אָבוואָהל אויסערליך איז עס ניט צום דערקענען, און דער צוטרויען פון דעם אינטעליגענטען לעזער צו די העררען פון דער פּראָגרעסיווער בע-וועגונג וועט זיין אַ זאַך דער פערגאַנגענהייט. דיזע העררען וועלען באַלד בעטראַכט ווערען פון אַן אמת אינטעליגענטען לעזער, למשל, ווי אַ „טאַגעבלאַטט" שרייבער ווערט בעטראַכט פון יאַנאָווסקי'ס אַ הייסען חסיד; זיי וועלען באַלד אויסגעפינען, אַז זיי וועלען זיך מוזען שטיצען אויף „טאַגעבלאַטט" לעזער, אָדער אויף אַזעלכע, וועלכע זיינען איינגעבילדעטע אינטעליגענטען. איהר וועט זיך וואונדערן איי-בער דיזער בעהויפּטונג, — עס איז אָבער פּאָרט אַזוי; די בעווייזע וועל איך אייך אויפווייזען איינע נאָך די אַנדערע.

ערשטענס האָב איך אַ גרויסע צאָהל בריעף, אין וועלכע מען גראַטולירט מיך פאַר מיין עפענטליכען אַרויסטרעטען געגען די גרוי-סע און אונטערדריקער פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג.

צווייטענס איז מיר געמאַכט געוואָרען פּאָרשלעגע איינצובערופען

פּראָטעסט פערזאמלונגען, צו גרינדען ספּעציעלע קאָמיטעס געגען „פּאָרוועטס" און „פרייע ארבייטער שטימע" און עהנליכע אזעלכע נארישע זאכען. עס פערשטעהט זיך, אז מען האט מיר געגעבען אָנ־צוהערען, דאס אלע הוצאות וועלען גערעקט ווערען און איך קען דער־ביי פיעל פּראָפּיטירען. איך האב אבער מיט עקעל צוריקגעוויעזען אזעלכע פּאָרשלעגע פון גאנץ אונבעקאנטע פּערזאָנען, וועלכע האבען מיר אויסגעוויעזען צו זיין דום און וועלכע האבען אפשר געהאט זייטי־גע געלד אינטערעסען. אויסער דעם, וועל איך מיך קיין מאָהל אין לעבען לאזען אויסנוצען פון אונפעראנטווארטליכע פּערזאָנען.

דריטענס האבען אָרגאַניזאַציאָנען און איינצעלנע גוטע מענשען פּרובירט מיר צו העלפען נאך זייערע קרעפטען. עס האבען זיך גע־גרינדעט ספּעציעלע גרופּפּען, אום צו שאפען שטיצע פאר וויטערע טהעטיגקייט. און וואלט איך געוואן איינגעשטימט צו יעדע נאריש־קייט, וואס מענשען קענען באגעהן, דאן וואלט שוין לאנג געוועזען מיין נאמען צום צווייטען מאהל אין דער עפענטליכקייט. איך האב אבער געוואלט זיין איינשטימיג מיט מיין געוויסען, און דאס האט פיעלע פון דיזע פריינדע דערוויטערט; איך האף אבער, אז זיי וועלען איינזעהן זייער טעות. מאנכע פון דיזע גרופּפּען האבען געוואונשען איך זאל פאר זיי האלטען פּאָרטרעגע; דיזער וואונש איז ערפילט געווארען אין פילאדעלפיא, ניו־יאָרק און ברוקלין. ווערענד איך שרייב דיזע צייי־לען, מאכט מען מיר נאך פּאָרשלעגע וועגען פּאָרטרעגע; איך בין אבער בעשעפטיגט מיט דיזע בריעף צו אייך, מוז איך מיך ענטזאגען פון דעם: פיעלע אונטערנעהמונגען אויף איינמאהל זיינען ניט ראטהזאם. — מיינע פּאָרטרעגע איבערהויפּט זיינען שטודיען פון א גרויסען ווערטה (נאך מיין מיינונג), און עס נעמט א געוויסע צייט,

וועלכע איז ביי מיר זעהר טייער, ביז איך שטעל זיי צוזאמען.

ענדליך, די מהומה, וואס מיין ביכעל האט ביים ערשיינען אָנ־געמאכט אין די מוחות פון די ארויסגעבער פון „פאָרווערטס" און פון דער „פ. א. ש." איז כמעט אונמעגליך צו בעשרייבען. אבער נאך מערקווירדיגער איז דער פאקט, וואס דיזעס ביכעל האט אויף זיי פיעל מעהר געווירקט ווי אנדערע אַנגריפע געגען זיי, כאָטש זיי האבען מיך געהאלטען פאר א משוגע'נעם. איך וואלט אייך גערעאטהען איהר זאלט יאנאָווסקי'ן אוועקנעמען אָן א זייט און זאל ער אייך אליין זאגען א סוד אין אויער, וואס ער האט דורכגעפיהלט און דורכגעלעבט אין יענער צייט. איהר וועט מיט א שמייכעל פרעגען: וואס קען א ריעז זיך איבערשרעקען פאר דעם זשימזש פון א פערבייפליהענדער פליעג? אבער אין דעם שטעקט דאך מאקי דער וואונדער! דער פעראייניג־טער „ריעז" איז א פערציטערטער געווארען פון דעם זשימזש; מיט דעם גאנצען אָנשטעל פון פעראכטונג, וואס די דערמאהנטע הערען האבען ארויסגעוויעזען צו מיר און צו מיין ביכעל, האבען זיי אבער דערפיהלט (אינסטינקטיוו וואהרשיינליך), אז דער זשימזש פון דיזער פליעג קען צושטערען זייער רוה, זייער געלעגענהייט צו ציהען אלץ מעהר פערזענליכע נוצען פון די בעשווינדעלטע אינטעליגענטערע אר־בייטער. און זיי האבען בענוצט אלע זייערע מעגליכע וואפען (גליקליכער ווייזע האבען זיי קיין שטארקערע געהאט), אום מיך צו באקעמפפען. זיי האבען אָנגעווענדעט די וואפע „איגנארירונג" — שא, שטיל! זאל מען זיי אפילו אין פנים שפייען, אבער שטיל! זאלען אלץ וועניגער לעזער געוואהר ווערען, אז אזא „משוגע'נער" איז דאָ אויף דער וועלט. — זיי האבען אָנגעווענדעט די וואפע „ברוטאלע־אונטערדריקונג" — זיי האבען אפילו פאר געלד ניט געוואלט מיין

ביכעל אנאנסירען! זאל דער „משוגע׳נער״ ברעכען זיין קאפף מיט די עטליכע בלוטיג פערהארעוועטע דאללארס, וואס ער האט אריינגעלעגט! אָה, דיזע הערען! דיזע מאכערס, וועלכע זיינען רייך געווארען פון דעם שווייס און פון דעם צוטרויען פון נאאיווע ארבייטער, האבען אין זינען געהאט מיך — אן אָרימען פאבריק־ארבייטער — גענצליך צו דערשטיקען ביז צום לעצטען אָטהעם! איגנאָרירונג און אונטערדריקונג, דאס זיינען די צוויי ב ע ס ט ע מיטעל צו דערשטיקען אן אָרימען געגנער. זאלען דיזע הערען געווען זיין אנשטענדיג גענוג ז ד צו פערטהיידיגען און וואלטען זיי מיין ביכעל געווען אנאָנסירען, דאן וואלט דאך געווען א „געפאהר״ איך זאל פערקויפען א 100 אדער 200 ביכלעך מעהר ווי איך האב פערקויפט! אבער דאס האבען ז י געוואלט פערהיטען... וואלט דען פון זיי ניט געווען פיעל אנשטענדיגער, ניט ארויסצואווייזען דיזען פוסטען שטאָלץ, זיך יא געווען פערטהיידיגען, און דוקא געווען ארויסגעוויעזען גרויסמוטהיגקייט ווי עס פאסט זיך פאר מעכטיגע צו האנדלען געגען א שוואכען, אָבוואָהל זיי האבען זיך געפיהלט אָנגעגריפען? זיי האבען אבער ארויסגעוויעזען זייער קליינליכקייט, און דאס איז געוועזען גענוג פאר מיר צו קענען נאך מעהר זייער גייסטיגען צושטאנד, צו וויסען, אז מיין ביכעל האט געווירקט און וועט ערשט שפּעטער נאך מעהר ווירקען.

אבער נאך א מערקווירדיגערען קליינליכען קאמפף, צווישען אנדערע קליינליכקייטען, וועגען וועלכע איך וועל אנאנדער מאהל ריידען, האבען די הערען פון „פאָרווערטס״ אָנגעפיהרט געגען די ווירקונג, וואס — ווי זיי האבען זיך מן־הסתם געשראקען! — מיין ביכעל האט געקענט האבען אויף די יונגע שרייבער. דיזע הערען זיינען גרויסע דיפּלאָמאטען אין קאמפף מיט אן אָרימען ארבייטער... איהר וועט

גאר ניט טרעפען, וואס דאס קען זיין! — איך וועל עס אייך אבער לאזען וויסען: דער דירעקטער רעזולטאט פון מיין ביכעל איז געווען דער קאָנקורס פאר די סקיצען פון 1910. אז דאס איז געווען דער „בעסטער" מיטעל צו צייגען דער וועלט, אז... „אז מיר אונטערדריקטען ניט קיין טאַלענטע", איז קיין צווייפעל. — איבערהויפט קענט איהר דיזעס בעגרייפען, ווען מען דערמאהנט זיך, אז גענאָסע קאהאן האט „צופעליג" געלאזט דיזען ערשטען קאָנקורס אנאָנסירען א פאָר וואָכען נאך דער ערשיינונג פון מיין ביכעל, אין דער צייט, ווען עס האט אויפגערודערט אלע ליטעראַרישע קרייזען. מעגען זיי אבער נאך 1000 קאָנקורסען מאכען, וועט דאס, אונטער קאהאן'ס אויפפאסונג, זעהר וועניג העלפען דער אידישער ליטעראַטור. דאס העכסטע, צו וואס דיזעס קען פיהרען, איז דאך ניט מעהר, ווי עטליכע דאללאר און די פאָפולאַריטעט ביי א זעהר צרה'דיגע קלאסע לעזער — „בינטעל-בריעף" לעזער פאר די „גליקליכע" געווינערס. פארגין איך זיי, די יונגע שרייבער, דיזען „גליק" מיט דעם גאנצען הארצען, אויב זיי אליין זיינען נאר דערמיט צופריעדען: עס איז אבער זעהר טרויעריג, ווען דיזע יונגע לייטע האבען געלעגט זייער גאנצע האפנונג אויף קאהאן'ס פאטערליכע גוטקייט. — דען פון אזא עהרען-מאן, וועלכער ווענדעט אן אלע זיינע קרעפטען צו דערשטיקען די שטימע פון אן אָרימען אַר-בייטער; און פערקעהרט, וועלכער קען זאגען אויף דעם שלעכטעסטען ווערק — „די פילאָסאָפיע" — גלייך מיט אלע דר. זשיטלאָווסקי'ס דומע פערעהרער און פלאפלער, אז דאס איז א „פרעהליכע ערשיי-נונג" — פון אזא מאן, זאג איך, מעג ער אפילו זיין א רעדאקטאָר פון א צייטונג, וועלכע ווערט פאבריצירט אין א 10 שטאָקיגער געביידע, אדער א פערפאסער פון גראָבע ביכער, קען ז ע ה ר ו ו ע נ י ג גוטעס

ארויסקומען אי פאר דער אידישער ליטעראַטור, אי פאר די יונגע אי־דישע שרייבער.

מעהר צוריידען וועגען קאַהאַן׳ס טהעטיגקייט אין אַמעריקאַ איז נאר גוט, ווען אויף׳ן הארץ איז אביסעלע פרעהליכער; דאס איז אבער יעצט ניט דער פאל: וועט ער מיך אבער צווינגען צו דעם, דאן, אויב איך וועל נאר לעבען, וועל איך מיר נעמען די מיה א טיעפערען בליק צו טהאן אין זיינע פערשיעדענע שריפטען, איהם אָבגעבען דעם געהעריגען כבוד...

און איצט קען איך וויעדערהאָלען: מיין ביכעל האט זעהר פיעל אויפגעטהאן; עס האט ארויסגעוויעזען די קליינליכקייט פון אונזערע „גרויסע" און מיך בעזעעלט מיט פרישען מוטה פאר וויטערע טהע־טיגקייט, צו קענען אפשר ארויסנעהמען די אידישע ליטעראטור פון דיזען באַנקראָט צושטאנד.

*** *** ***

איך וועל איצט צוטרעטען צום דריטען פונקט.

אין אייער דריטער איינווענדונג בעדויערט איהר, וואס יאַנאָווס־קי׳ס זשורנאל, „די פרייע געזעלשאפט", איז אונטערגעגאנגען. איהר גיט מיר אָנצוהערען, דאס עס איז נאך ניט אזוי שלעכט — מען גיט זיך נאך די מיה ארויסצוגעבען גוטע ליטעראטור. נון, מיין פריינד, שטארק ערגערן זיך פאר דעם אונטערגאנג פון דיזען זשורנאל איז ניט נויטיג, ווייל אויך דיזער האט מיך איבערצייגט אין דעם באַנקראָט פון דער אידישער ליטעראטור אין אַמעריקאַ. שטעלט אייך פאָר: — א זשורנאל, פאר וועלכען מען האט אָבגעצאהלט די גרויסע סומע פון 1717 דאללאר (וואס וואלט איך דען ניט געקענט טהאן מיט אזא׳ן אוצר?) בלויז צו שרייבער פאר די ערשטע 12 נומערן, און דאך זאל ער

זיין אזוי שלעכט, איז שוין גענוג גרונד דאָ ניט צו ערגערן זיך פון זיין אונטערגאנג. אט דיזער פאקט אליין, דאס נעהמען געלד און געבען שלעכטע, ניט דורכגעטראכטע, פערנאכלעסיגטע שריפטען, ווייזט, אז די אלע שרייבער האבען געשריעבען בלויז דאס געלד ארויסצוקריגען, אבער ניט צוליעב דעם נוצען פון דעם לעזער. א גאנץ קליינער פּראָצענט איז דארט געווען גוטע לעזע־שטאף, אבער דאס איבעריגע איז געווען פון דעמזעלבען סאָרט ווי דר. זשיטלאָווסקי׳ס ווערק „די פילאָסאָפיע״. דיזעס צו בעווייזען וועל איך דוקא דערמאהנען דאס בעסטע, נעמליך: „דער טוידט און די פילאָזאָפיע״ פון א געוויסען דר. א. גינזבורג, אין פעברואר העפט, 1910.

ווען איך האב אנגעפאנגען לעזען דיזעס ארטיקעל וועגען טויט, איז מיר א שווידער דורך דורכ׳ן לייב, ווייל מען קען זיך ערלויבען אזוי אָבערפלעכליך, אזוי פעיליטאָן מעסיג צו בעהאנדלען די ערנסט׳סטע פראגע פון אלע צייטען, זייט מענשען האבען אנגעפאנגען צו דיינקען. עס האט אויף מיר געמאכט דעמזעלבען איינדרוק, ווי אן אקטיאָר, וועלכער שפּיעלט די טרויעריגסטע ראָלע אויף דער ביהנע, און מאכט דערביי אזעלכע משונה׳דיגע הויות, דאס, אנשטאט דער צושויער זאל פיהלען דאס טראגישע פון דער טראגעדיע, מוז ער זיך גאר אָפּקעהרען מיט עקעל פון איהר. ארויסווייזענדיג זיין גרויסע חכמה, האט דיזער הערר אויך ארויסגעוויזען זיין העלדישקייט געגען טויט. נאַטירליך קען מען ניט האבען עפּעס אויסצוזעצען געגען א מענש, ווען ער קען זיין אזא „העלד״ ביי זיך אין קאנצעלאריע און אזוי גלייכגילטיג קוקען דעם טויט אין די אויגען, זאלאנג ער גיט איבער די איבערזעצטע אויסציגע פון די פערשיעדענע פילאָזאָפען — אין א הארטער שפּראך אפילו — מעהר אדער ווייניגער ריכטיג. פּלוצים אבער, צום שלום

פון דיזען ארטיקעל, א בליק! און ווי א שארפער מעסער וואלט זיך אריינגעהאקט טיעף אין מארך, אזוי האט א גרילץ געטהאן א פאר־קעהרטער געדאנק, און מען זעהט גלייך, אז ניט חעלדישקייט איז די־זער סארט שרייבעריי, נאר איינפאכע דומהייט, אונוויסענהייט. און עס קומט פאר ווי א בהמה, וועלכע האט געגעבען א פולע דאיניצע מיט מילך און קערט זי איבער מיט'ן פוס... איבערגעבענדיג צום שלום שאפענהויער'ס געדאנקען מעהר אדער וועניגער ריכטיג, האט ער מיט איין באמערקונג איהם, שאפענהויער'ן, געמאכט פאר אוים דיינקער. „אבער הפנים שאפענהויער אליין פיהלט די שוואב־קייט פון שמעון'ס ארגומענטען..." דאס איז זי, די באמערקונג; זי ווייזט די גרויסע דומהייט פון דעם שרייבער. מען דארף וויסען, אז שמעון מיינט קיין אנדערער אלס שאפענהויער אליין. — פיהלט שאפענהויער די שוואכקייט פון זיינע אייגענע ארגומענטען, פרעג איך, אדער בעווייזט ער ראובן'ס דומהייט און פויגהייט? וואלט דיזער דאקטאר געוועזען געוואוסט, וואס ער האט גערעדט, וואלט ער געוועזען געזעהן, אז שאפענהויער האט דא ארויסגעשטעלט א גוועהנ־ליך פראקטיש־קלוגען מענשען, וועלכער אנטלויפט פון שלאכטפעלד, ווען ער איז געצוואונגען צוצוגעבען, דאס שאפעהויער (שמעון) איז גע־רעכט; ער האט ארויסגעשטעלט די לעבערליכקייט פון די זאגענאנ־טע פראקטישע חכמים, וועלכע זיינען געגנער פון פעסימיזם. דען, ווען ראובן שרייט אוים מיט אזא דראמאטישען טאן: „איך וויל עקזיסטירען!" זעהט מען דאך גלייך ארויס די גרויסע נארישקייט פון זיין „קלוגען" אויסגעשריי! דען ווער וויל עס ניט עקזיסטירען? אבער מאלע, וואס מיר ווילען? אט דא שטעקט דאך טאקי די אייביגע טראגע־דיע — דער פעסימיזם! מיר שטארבען, מיר ווערען דאך פערניכטעט

ג ע ג ע ן אונזער ווילען!

אבער וועלבער טייפעל בעט דיזע פערדאמטע דאקטוירים זיך צו נעהמען פאר זאכען, וועלכע זיי הויבען ניט אָן צו פערשטעהן? ווער בעט זיי, ווען דער פעסימיזם געפעלט זיי ניט, זיי זאלען איבערקעהרען די געדאנקען פון די גרעסטע דיינקער קאפּויר, אנשטאַט צו ברייננען עפּעס אייגענעס? ווער בעט זיי איבערצוגעבען געדאנקען פון גרויסע דיינקער, און די דיינקער אליין צו מאכען פאר שוועכלינגע? דעמאָ־ראליזירען זיי דען ניט מיט אזא דומער שרייבעריי דעם, וועמען זיי ווי־לען לערנען, ווייל דער לעזער פערליערט יעדען רעספּעקט צו די אמת'ע דיינקער? און פארוואס צאהלען די רעדאקטערע פאר איבערגעקער־טע געדאנקען און פאר דומהייטען אזוי פיעל געלד, און די נייע טא־לענטע אונטערדריקען זיי? פארוואס איז דאס?

שעהערזאד, די העלדין פון „טויזענד און איין נאכט", אין איינעם פון איהרע פיעלע וואונדערבארע, פאַנטאַסטישע מעשה'לעך (די נעי־שיכטע פון דער שלאנגען־קעניגין), דערצעהלט: דאס אן אונוויסענ־דער יונגער מאן, אזוי שנעל ווי ער האט אויסגעטרונקען אַ בעבער שלאנגען־זאפט, איז ער דער גרעסטער געלערנטער מאן פון זיין צייט געווארען. ער איז גוט בעקאנט געווארען מיט פילאָזאָפיע, מעדיצין, אסטראָנאָמיע, שטאַאטס־וויסענשאפט: קורץ, מיט אלע חכמות פון דער וועלט. עס פערשטעהט זיך, אז דערפאר איז ער שוין זוכה גע־ווען דער סולטאן זאל איהם ערנענען צום גרויס־וויזיר פון זיין לאנד.

ניט דאָ איז דער פלאטץ צו ריידען איבער די געשיכטען זאמלונג „טויזענד און איין נאכט" אלס אַ ווערק, וואו אונטער די העכסט פאַנטאַסטישע, ווילדע, ניט „געשטויגענע" און ניט „געפלויגענע" מעשה'לעך זעהט זיך דוקא ארויס דאס מענשליכע לעבען אין אלגע־

מיין און ספעציעל דאס אזיאטישע לעבען מיט דער הפקר הערשאפט פון די אזיאטישע דעספאָטען, אין וועמען׳ס הענד אַ מענשען׳ס לעבען און שטרעבען איז געווען אַ „גאָרנישט", — ווייל זיי האבען געקענט טהאן, וואס זיי האבען געוואלט; דאָ אבער, צו דער דעספאָטיש־קאפריזנער מאַכט פון אונזערע אידישע קליינליכע רעדאקטערע, קען מען דיזע וואונדערבארע מעשה׳לע זעהר גוט פערגלייכען. פונקט ווי ביי די רעגיערענדע דעספאָטען, ווער עס קען זיך בויגען אין צעהנטען, קריכען ווי אַ גיפטיגע שלאנג, — ווער עס קען פערטראָגען דעם טעם פון שלאנגען־זאפט, פון דעספאָטישער הפקר־הערשאפט, דער קען דערגרייכען דעם אויווען־אָן; אזוי דאָ, ווער עס האט נאר פערזוכט אביסעלע פון דעם יעצטיגען שלאנגען־זאפט — דעם הפקר־זשורנאַליזם, דער קריגט גלייך חן אין די אויגען פון אונזערע „גרויסע", און איהר קענט שוין זיכער זיין, אז אזעלכער וועט שוין זיין דער גרעסטער חכם פון דער וועלט: ער וועט שרייבען איבער פילאָזאָפיע, קונסט, ליטעראטור א. ז. וו. (ענציקלאָפּעדיעס און פרעמדע פּאָפּולאריזאציאָנען זיינען ב"ה דאָ גענוג!), אָבוואָהל ער איז אַ גרויסער דומקאָפּף.

זיך ערגערן אונטער די יעצטיגע אומשטענדען פאר דעם אונטערגאנג פון דעם דערמאהנטען זשורנאל דארפט איהר ניט.

וועגען די סקיצען און געדיכטע פון נייע שרייבער, וועלכע מען זעהט פון צייט צו צייט געדרוקט אין „פאָרווערטס" אדער אין דער „פרייע ארבייטער שטימע", פאלען פיעלע עהרליכע מענשע, אריין אין אַ גרויסען טעות — און הויפּטזעכליך די נאאיווע שרייבער אליין; זעהענדיג אַ סקיצע אדער געדיכט געדרוקט, גלויבען זיי, אז עס איז אויס וועלט... איך בין דער משוגע׳נער און די „גרויסע" זיינען עס די עהרליכע, די טאלענטען זוכער! ווען דיזע עהרליכע מענשען זאלען

אָבער ווייסען, אַז מיט דעם דרוקען פון אַ סקיצע אדער געדיכט פון אַ נייעם, אונבעקאַנטען שרייבער, ווערט קיין אנדערע זאך בעצוועקט, ווי צו פערשטאָפּען אַ לאָך אין דער צייטונג, און אזוי שנעל ווי דער שרייבער ווייזט ארויס אַ סימן פון טהעטיגקייט ווערט ער גלייך גע־שטעלט אויף דער ליסטע פון „קרענקס“, — אָה, דאן וואלטען שוין דיזע גוטע מענשען ניט מעהר געגלויבט אין דער ערנסטקייט פון די ארויסגעבער, דאס זייער איינציגער צוועק איז צו שאפען גוטע ליטע־ראַטור און נייע טאַלענטע!

פאר מיר, מיין פריינד, איז די זאך גענענדיגט. איך האב שוין אַ בעשטימטע מיינונג וועגען דעם צושטאנד פון דער אידישער ליטעראַ־טור פון דער יעצטיגער צייט, — מעגען יענע אלע העררען מאכען דעם אָנשטעל, דאס זיי גיבען זיך די מיה ארויסצוגעבען גוטע זשורנאַלען און אונטערצושטיצען נייע טאַלענטע. — עס זיינען דאָ טהיילווייזע זון פינסטערניסע און עס זיינען דאָ טאָטאלע; די פינסטערניס פון דער אידישער ליטעראַטור פון דער יעצטיגער צייט איז אַ ט אָ ט אַ ל ע! און אויב איך וועל האבען דאס „גליק“ צו לעבען, וועל איך פיעל כוח מוזען אָנווענדען דיזען באַנקראָט־צושטאנד צו בעזייטיגען. עס איז אַ ריעזיגע אונטערנעהמונג! — אַן אונטערנעהמונג פון אַ „קרענק“ — אָבער מיט דער הילף פון מוטהיגע, ענטשלאָסענע מענער, וועלכע וועלען זיך מיט מיר פעראייניגען („קרענקס“ ווערען), האף איך נאך דיזעם אויסצופיהרען.

* * *

וועלען מיר יעצט פארענפערן אייער פיערטע פראגע.

גלויבט ניט, מיין פריינד, אז איך וויים ניט, דאס אויך אין אנדע־רע שפּראַכען זיינען דאָ אזעלכע אונזיניגע ביכער ווי דעם „גרויסען“

דר. זשיטלאָווסקי'ס „פילאָסאָפיע" אדער אזעלכע, פון וואנען א „פאָרווערטס" סטרייק-ברעכער (און דאָ האבען מיר ווידער צו טהון מיט אַ שטודירטען — אַ פערדאָמטען דאָקטאר!) האט ארויסגענומען אן ארטיקעל ווי וועלף ערציהען קינדער — איך וויים דאס אלעס!... אבער ניט וועגען דעם האנדעלט זיך עס דאָ, נאר וועגען דעם גרויסען אונטערשיעד. וועהרענד אין אנדערע שפראכען זיינען אזוינע ביכער דאָ בלויז פאר דער גרויסער צאהל רייכערע — ניט איבעריג אינטעליגענטע ביכער קויפער, וועלכע ווערען פשוט משוגע פון צופיעל פרייע צייט, און פאר די בעסערע ווערק איז דאָ א בעשטימטער קלאס לעזער,— דער אינטעליגענטסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכער האסט יענעם סאָרט ליטעראטור, — ווערט ביי אונז דער אונזין בעטראכט אלס דאס בעסטע, און עס איז נישטאָ ווער עס זאל אָפּשאצען דעם ווערטה פון דאס ווירקליך גוטע. און דאָ, בעטאָן איך נאָכאמאָהל, ליגט דער הונד בעגראבען; ווען עס האבען זיך געפונען אזוי פיעל קריטיקער, וועלכע האבען אויף דער „פילאָסאָפיע" געזאגט „גוט", און מיר איז ניט ארייגעפאלען אין האנד כאָטש איין קריטיק, וועלכע זאל זי האבען באגעגענט נאך איהר אמת'ן ווערטה, דאן איז קיין צווייפעל מעהר, אז אלע אונזערע שטודירטע אינטעליגענטען אין אמעריקא — און דוקא די פּראָגרעסיווע, זיינען ענטוועדער שארלאטאנעס אָדער אידיאָטען!

מערקט אייך: פילאָזאָפיע איז קיין סקיצע, ערצעהלונג, ראָמאן אדער געדיכט, אום מען זאל קענען זאגען: „מיר געפעלט עס", אדער „אזוי האב איך עס פערשטאנען"; זי איז א וויסענשאפט ווי יעדע אנדערע — מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואס איהרע שליסע זיינען בעגרינדעט אויף דעם בלויזען שכל, וועהרענד די שליסע פון יענע

זיינען בעגרינדעט אויף ערפאהרונג, אויף בעאָבאַכטונג און קאָנקרעטע עקספּערימענטען. ווען דיזע הערען, די קריטיקער און אלע זיינע דומע פערעהרער (דר. זשיטלאָווסקי'ן מיין איך), וועלכע האבען געזעהן א „פרעהליכע ערשיינונג" אין זיינע שריפטען, וואלטען ניט געווען אזוי בלינד און וואלטען געוואוסט ווי שרעקליך פּאראַליזירענד אזא סאָרט שרייבעריי ווירקט אויף'ן מוח, וואלטען זיי אפשר אליין אויפגעשווידערט. איך האב געזעהן אינטעליגענטע יונגע לייטע, וועלכע דורשטען ווירקליך נאך בילדונג (אבער עס פעהלט זיי נעביך אביסעל אורטהיילס-קראפט), ווי זיי זיינען אָבגעזעסען גאנצע נעכט און זיך געמארטערט „די פילאָסאָפיע" צו פערשטעהן, האבען צום סוף מיט הארץ וועטהיג ערקלעהרט, אז די שולד פון ניט פערשטעהן ליגט אין זיי אליין און ניט אין בוך. — „מיין מוח", האט זיך איינער פון דיזע (א מיטגליעד פון די „פרענדס אָוו ארט ענד עדיוקיישען" בר. 139 א. ר.) פאר מיר מיט טהרערען אין די אויגען געקלאגט, „איז ניט געשאַפען פאר דיזען געניאלען ווערק פון אזא טיעפען דיינקער!"...

פאר די זשורנאליסטישע שאַרלאַטאַנעס איז דיזער באַנקראָט צושטאנד ווי געוואונשען. די מוחות פון די יונגע אינטעליגענטען, זייענדיג פּאראַליזירט, קען מען זיי געבען דאס ערגסטע און דערביי בעהויפּטען, אז מען גיט דוקא דאס בעסטע, און דערוויל הערשען אונבעשרענקט איבער דער סיטואציאָן. דערפאר איגנאָרירען זיי און אונטערדריקען מיט היפּאָקריטיש-קלעריקאַלער ברוטאַליטעט די פּראָדוקציאָנען פון כמעט אלע נייע טאלענטע, וועלכע באווייזען זיך און ווייזען ארויס א סימן פון ליטעראַרישער לעבעדיגקייט; און דערפאר אונטערשטיצען זיי דירעקט אדער אינדירעקט יעדען אונזין. — איך גלויב אבער, אז דיזער שרעקליכער צושטאנד קען זיך ענדערן,

ווען מען זאל איהם נאר אָהן מורא בעקאנט מאכען פאר דער וועלט.

*** *** ***

ענדליך וועל איך צוקומען צו אייערע לעצטע איינווענדונגען.

פאר אייער גוט געמיינטען ראַטה, צו ריידען וואס וועניגער פון זיך — צו זיין בעשיידען, קען איך אייך בלויז דאנקען, אבער מיר איז אונמעגליך איהם צו בעפאָלגען. אין מיין ערשטען ביכעל האב איך שוין דערמאהנט, דאס בעשיידענהייט איז נאר גוט צווישען עהרליכע מענשען, אבער ניט צווישען א באנדע לומפען און באנדיטען; דערווייל האב איך נאך ניט געהאט די געלעגענהייט צו ענדערן מיין מיינונג. איהר דארפט זיך אבער ניט שרעקען פאר דעם. אויך וויים איך, פון וואנען אייער שרעק קומט: — יאנאָווסקי, קאהאן און די אנדערע „גרויסע" מיט זייערע נאכשלעפער האבען קיין געלעגענהייט פערפעלט אָנצוצייגען זייערע לעזער אויף דעם גרויסען חסרון פון ניט זיין בעשייי־דען. אויב אבער איהר גלויבט אזוי שטארק אין אויטאָריטעטען, דאן וועל איך בריינגען אביסעל גרעסערע ווי די פריהער דערמאהנטע הערען. צווישען די פיעלע גרויסע דיינקער און שריפטשטעלער, וועלכע האבען אָבגעלאכט פון בעשיידענהייט, קען מען באגעגענען אזעלכע גוט בעקאנטע גרויסע, „בעשיידענע" נעמען ווי: רוססאָ און געטהע. אבער נאך א מערקווירדיגקייט וועגען דיזען גרויסען „חסרון" פון ריידען פון זיך, וועל איך דאָ פאר אייך בריינגען, נעמליך: א פּאָר שטיקלעך פון שאָפּענהויער'ן, וועמען איך בעטראכט פאר איינעם פון די גרעסטע און קלאהרסטע דיינקער, וואס די וועלט האט ווען עס איז געהאט. אָט וואס ער האט געזאגט אין זיין בוך „די וועלט אלס ווילען און פאָרשטעלונג" (2טען באנד, זייטע 499 — רעקלאם'ס):

„עס איז אבער אזוי אונמעגליך, דאס ווער עס האט פערדיענס־

טען און ווייסט וואס זיי קאסטען, זאל אליין זיין בלינד צו זיי, פונקט ווי א מאן פון 6 פוס הויך זאל ניט מערקען, אז ער איז העכער פון אלע אנדערע. איז דא 300 פוס פון דעם פונדאמענט פון א טהורם ביז צום שפיץ; אזוי איז גאנץ זיכער פונקט אזוי פיעל דא פון דעם שפיץ צוריק צום פונדאמענט. הארץ, לוקרעץ, אוויד און כמעט אלע אלטע האבען פון זיך שטאלץ גערעדט, דאסזעלבע דאנטע, שעקספיער, באקא פון פערולאם און פיעלע מעהר. דאס איינער זאל קענען זיין א גרויסער גייסט, אהנע עפעס דערפון צו מערקען, איז אן אבסורדיטעט, וועלכע נאר די טראסטלאזע אונפעהיגקייט קען זיך איינרייען, אום זי זאל דאס געפיהל פון אייגענער ניכטיגקייט אויך קענען האלטען פאר בעשיידענהייט."

און דאן ווייטער (זייטע 500):

„אבער נאך אונפעהלבארער וואלט געוועזן די בעהויפטונג, דאס דיזע, וועלכע פאדערן אזוי ענערגיש פון אנדערע בעשיידענהייט, דרינגען אויף בעשיידענהייט, אונאויפהערליך שרייען: „נאר בעשיידען! אום גאטעס ווילען נאר בעשיידען!" — זיינען גאנץ בעשטימט לומפען, ד. ה. גענצליך פערדיענסטלאזע קליינינקע מענשעלעך, פאבריק סחורה דער נאטור, געוועהנליכע מיטגליעדער פון דער מאססע פון דער מענשהייט. דען ווער עס האט אליין פערדיענסטען לאזט אויך פערדיענסטען געלטען, — עס פערשטעהט זיך אמת'ע און ווירקליכע. אבער דיזער, וועמען עס פעהלט אליין אלע פארציגע און פערדיענסטען, ווינשט, דאס עס זאלען קיינע עקזיסטירען: זיין אנבליק ביי אנדערע פערדיענסטען מארטערט איהם שרעקליך: די בלאסע, גרינע, געלע קנאה פרעסט אויף זיין נשמה: ער וואלט געוואלט אלע פערזענליך בעפארצוגטע פערניכטען און אויסראטען: מוז ער אבער אזוינע

פערזענליך בעפּאַרצוגטע לאזען לעבען, דארף עס גאר זיין אונטער דער בעדינגונג, אז זיי זאלען זייערע פּאַרציגע בעהאַלטען, געגצליך פערלייקענען, זאָגאַר זיך ענטזאגען פון זיי. דאס איז אַלזאָ דער ווארצעל פון אזוי פיעל ליוב געזאנגען אויף דער בעשיידענהייט. און ווען אזעלכע בעשיידענהייט שרייערס האבען די געלעגענהייט דאס פערדיענסט צו דערשטיקען ביים אנפאנג, אדער וועניגסטענס צו פער־שטעלען דעם וועג, אז עס זאל זיך ווייזען, אז עס זאל בעקאנט ווערען, — ווער וועט דען זיין אין צווייפעל, צי זיי טהוען דאס? דען דאס איז דאך די פּראַקטיק צו זייער טהעאָריע."

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, איז עס גאר ניט אזא געפעהרליכער חס־רון, ווען איינער איז געצוואונגען פון די אומשטענדען צו ריידען פון זיך אליין!

צו שאנעווען די געפיהלען פון די „גרויסע" איז אייער לעצטער וואונש. ווירקליך! אַבוואָהל איך בין פעראַנטוואָרטליך פאר יעדען וואָרט, וואס איך האב געשריעבען, און איך בין אימשטאַנד צו געבען א קלאהרען ענטפער אויף אלעס, פערשטעה איך יעצט ניט דעם מאָ־טיוו פון אייער וואונש, איך זאל שאנעווען געפיהלען! האבען דען יענע הערען געשאנעוועט מיינע געפיהלען, ווען זיי האבען מיך אזוי ברוטאל אונטערדריקט? ווען איך ווער געמאכט פאר א משוגע'נעם, ווען איך ווער אזוי ביטער צוטרעטען, צודריקט, צומאַהלען צוזאמען מיט אנדערע יונגע שרייבער צווישען די צוויי מיהל־שטיינער — שאר־לאַטאַנעריי און אידיאָטיזם, זאל איך שווייגען? ניין, מיין פריינד! — איך קען עס ניט! און וועל אזוי לאנג „שרייען", אויב איך וועל לעבען, ביז יענע הערען וועלען פיהלען און אנערקענען, אז איך בין גערעכט.

אמת, דר. זשיטלאָווסקי האט קיין דירעקטען אנטהייל גענומען

אין דער אונטערדריקונג פון די נייע טאלענטע, — בין איך איהם דערפאר אויך קיין פערזענליכער שונא. ווען עס האנדעלט זיך אבער וועגען דער אידישער ליטעראטור, דאן קוקט מען ניט אויף געפיהלען, מען דארף זאגען דעם אמת פראנק און פריי. נאר שרעקט אייך ניט, דר. זשיטלאָווסקי וועט פון מיינע ווערטער פיעל ניט ליידען; אזא מאן, וואס קען ארויסלאזען אזא פראָדוקציאָן אויף דער וועלט און אליין אויף דעם קיין מבין זיין, — אזעלכער וועט גאר ניט פערשטעהן, וועגען וואס דאָ האנדעלט זיך; און אויב ער וועט יא פערשטעהן די ווערטער: נול, דומקאָפף, פלאָפלער און אנדערעס, דאן וועט ער עס נאך אלץ בעטראכטען פאר אן אָנפאל פון א משוגע׳נעם. ער וועט שוין בלייבען ביי דיזער מיינונג ביז משיח וועט קומען. און ניט נאר ניט ערגערן וועט עס איהם, זאנדערן געהויבען וועט ער זיך דורך דעם פיהלען, ווייל אזעלכער בעטראכט זיך אימער פאר איינעם פון די גדולי הדור. אויב ער וועט אפילו מאכען א קרום פנים פון מיינע ווערטער, וועט עס איהם אבער אין הארצען הנאה טהאן, ווייל, ווי געזאגט, ער וועט זיך ערשט בעטראכטען פאר דעם ריכטיגען מאן, וואס האט אויפגעטהאן גרויסעס פאר דעם אידישען פאָלק.

זיעבענטער בריעף

געלויבט איז זיין ליעבער, הייליגער נאמען, וואס איהר האט שוין מעהר קיין פראגען צו שטעלען איבער מיין ביבעל! אייך האט גאר פעראינטערעסירט אַ שטעלע אין מיין לעצטען בריעף. איהר פערלאנגט פון מיר איך זאל אייך אויסרעכענען די טהעמאַס פון מיינע פאָרטרעגע. נון, פריינד, ביי מיין בעסטען ווילען קען איך עס ניט טהון, ווייל די טהעמאַס זיינען גרויסע; און זאל איך אייך בעקאנט מאכען בלויז די נעמען, דאן וועט איהר אפשר האבען אַ נייע געלעגענהייט מיך צו האלטען פאר אַ משוגע'נעם: און דאס איז פאר מיר זעהר אונאַנגענעהם. ווען איך האב אין מיין ביבעל געשריעבען, אז איך בין אימשטאנד צו געבען אַ קלאָהרערע ערקלעהרונג איבער פילאָזאָפיע ווי דר. זשיטלאָווסקי, דאן, אַבוואָהל איך האב ערווארטעט בעטראכט צו ווערען פאר משוגע פאר אזעלכע ווערטער — ווי איך האב עס אויך דארט ערקלעהרט, — האב איך אבער ניט גערדיינקט, דאס א ל ע שטודירטע אינטעליגענטען וועלען מיך פאר אזעלכען האלטען. איך וועל דארום פון יעצט אָן און ווייטער פרובירען מיינע געדאנקען אלס גאנצע אבהאנדלונגען בעקאנט צו מאכען, און מעג מען מיך נאך דיזע אורטהיילען.

דער וואונש, די נעמען פון די טהעמאַס פון מיינע פאָרטרעגע אייך צו געבען, וועט ניט בעפריעדיגט ווערען; דערפאר אבער וועל

איך אייך געבען אַ גאַנצען פּאָרטראַג, דעם ערשטען, וועלכען איך האָב געהאַלטען אין פילאַדעלפיאַ דעם 9טען יולי 1910, און דאָס וועט פאַר אייך ניצליכער זיין אלס די בלויזע נעמען פון מעהרערע. דיזער — יעצט אין אַן אויספיהרליכערער פאָרמע — געפעלט מיר זעהר. אויך וויל איך מיט דעם אָבגעבען כבוד די טהעטיגע יונגע לייטע פון דער „עפפענטליכע מיינונגס גרופּפּע"; זיי זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען נים געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע האָבען מיך פאַר אַ משוגע'נעם געהאַלטען, און זיך ערנסט צוגעהערט צו מיינע ווערטער. אויף זייער פערלאַנג צו האַלטען פאַר זיי אַ פאָרטראַג, האָב איך דיזע טהעמאַ אויסגעוועהלט; און אויב זי וועט אייך אויך אַזוי געפעלען ווי מיר, דאַן וועט איהר דארפען אָבגעבען אַ שטיקעל דאַנק זיי, ווייל מיר איז קיינמאָהל איינגעפאַלען צו האַלטען אירגענד וועלכע עפענטליכע פאָרטרעגע. דיזע טהעמאַ, ווי שוין באַמערקט, איז פון גאַר די גרויסע און דאָ איז זי — איך בעט נאַר אביסעלע אויפמערקזאַמקייט.

וואָס איז קונסט?

אין דעם לעבען און אין דער אינטעלעקטועלער טהעטיגקייט פון דעם מענשען קען מען באַמערקען צוויי ערשיינונגען (צווישען פיעלע אַנדערע קאָמפּליצירטע), וועלכע שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע און וועלכע זיינען ווערטה, אַז מען זאָל זיך ביי זיי ספּעציעל אָפּשטעלען און בעטראַכטען. דיזע צוויי ערשיינונגען זיינען: די פילאָזאָפיע און די קונסט. אויף דעם חשבון פון דער אמת'ער פילאָזאָפיע זיינען, אין פערלויף פון די יאָהרהונדערטע, זייט פילאָזאָפישע געדאַנקען האָבען זיך באַוויעזען אויף דער וועלט, אָנגעשריעבען געוואָרען גאַנצע בערג

מיט דומהייטען, און דאס „אינטעליגענטע" פובליקום פון אלע ציי-
טען, מיט דער אויסנאהמע פון א גאנץ קליינער צאהל ווירקליך אינ-
טעליגענטע מענשען, האט דיזע דומהייטען אָנגענומען פאר געוואל-
דיגע חכמות. דאס איז געווען דערפאר, ווייל די מאַיאָריטעט מעני-
שען פון אלע צייטען זיינען געבוירען געווארען זעהר שוואַך גייסטיג
און האבען ניט געקענט אורטהיילען איבער די געדאנקען; און אזוי
געהט עס נאך — ליידער — ביז היינטיגען טאג. דאסזעלבע, נאר
אויף אַ פיעל גרעסערען געביעט — ווייל אויף דעם איז אלע מאהל דאָ
אַ גרעסערער פובליקום ווי פאר פילאָזאָפיע — איז געווען מיט דער
קונסט. ביי דער יעצטיגער צייט אבער, ווען דער זשורנאַליזם האט
זיך אזוי געוואלדיג ענטוויקעלט און דערגרייכט צו אזא גרויסער שטו-
פע, זיינען די בערג מיט דומהייטען געוואקסען; ווער אין גאָט גלויבט
— ווער עס וויל נאר האבען אַ לייכטען פערדיענסטעל — דער פאנגט
אָן צו שרייבען וועגען קונסט: און אויך דאָ זעהען מיר, אז דאס זאָ-
גענאַנטע אינטעליגענטע פובליקום גיט דיזע אלע הערען אַ מעגליב-
קייט צו האבען ערפאָלג.

אום ניט צו ריידען איבער צוויי טהעמאַס אין איין אַבענד, וועל
איך איינע פון דיזע צוויי ערשיינונגען, די פילאָזאָפיע, לאזען אָן אַ זייט
יעצט (ווייל וועגען דעם האב איך אויף אַן אנדער אופן גערעדט) און
וועל מיך באַשעפטיגען בלויז מיט דער קונסט. אויך וועל איך ניט
ברייגען די נעמען פון אזעלכע גרויסע מענער ווי: קאַנט, טאָלסטאָי,
טאַן און שאָפּענהויער, וועלכע האבען בעשטימטע מיינונגען וועגען
קונסט, ווייל דאס וואלט געהייסען, אז איך זוך פאר אייך פאָרצופיה-
רען בלויז נעמען פון גרויסע מענער און ניט מעהר. — צו געבען די
מיינונגען פון דיזע וועלט בעריהמטע מענער, איז ניט גענוג די קורצע

צייט פון איין אבענד. אויב איהר וועט מיר געבען די מעגליכקייט צו קענען אין דער צוקונפט זיין ליטעראריש מעהר טהעטיג, דאן וועט איהר הערען גאנץ אינטערעסאנטע זאכען, וועלכע די „גרויסע" זוכען צו בעהאלטען פאר אייך, אידישע ארבייטער, ווייל אזוי לוינט זיך פאר זייערע אינטערעסען. יעצט וועל איך געבען מיינע אייגענע געדאנקען; איך וועל די קונסט, זאָ צו זאגען, פאר אייך פאָרשטעלען א נאקעטע, אין איהר געוואלדיגער מאכט — אין דער מאכט, וואס זי האט איבער דעם מענשען! און דאָ מיין איך נאר דעם אינטעליגענטען, ווייל דער איינפאכער מענש איז ניט געבוירען פאר דער שעהנהייט פון דער ווירקליכער קונסט.

עס איז קיין צווייפעל, דאס א גרויסער טהייל פון די געדאנקען, וועלכע זיינען ביז יעצט ארויסגעזאגט געווארען איבער דער קונסט, דארף פערוואָרפען ווערען. דער הויפט געדאנק, די בעהויפטונג, דאס דער כאַראַקטער פון דעם פאָרגעשטעלטען בילד (פון א מאַהלער, סקולפּטאָר אדער שריפטשטעלער) איז די הויפטזאך ביי דער קונסט, דארף זיין דער ערשטער ארויסגעוואָרפען צו ווערען דורך דעם פענסטער. די פאלשקייט פון דער „כאַראַקטער" בעהויפטונג ציינט זיך קלאהרער ארויס אין דער ליטעראטור (וועגען וועלכער איך רייד היינט) מעהר ווי אין די אנדערע צווייגען פון דער קונסט. דורך דיזען פאלשען בעגריף ענטשטעהען די גרויסע בערג מיט דומהייטען, וועלכע מען שרייבט צו איהר צו; מען קען, למשל, נעמען אירגענד וועלכען טיפּ, צושרייבען צו איהם אלע טוגענדען פון דער גאנצער וועלט: מוטה, גוטהערציגקייט, עהרליכקייט, שעהנהייט, חן און נאך פיעלע אנדערע אייגענשאפטען, און דיזע פערבינדען מיט אירגענד א סענזאַציאָנעלער פּאסירונג, און דאן דיזע פּראָדוקציאָן געבען פאר

דער וועלט אלס גרויסעם כאראקטער קונסט ווערק. דאסזעלבע קען געטהאן ווערען מיט א טיפּ, צו וועלכען, אנשטאט די אלע אויס־גערכענטע מעלות, זאל מען איהם צושרייבען אלע חסרונות פון דער וועלט. דורך דיזער בעהויפּטונג, אדער אַנשויאונג (ריידענדיג ווי סענשאפטליך...) ווערט א געוואלדיגע צומישעניס אין די מוחות פון יענע, וואס ווילען עפּעס לערנען. מיר ווייסען גאנץ גוט, דאס יעדער „מעסט" די וועלט דורך זיין אייגענעם מאטעריעלען אומשטאנד; דאס איז אַן אמת, וועלכען מען וועט ניט וואגען אָבצולייקענען. אויב אזוי, דאן איז קלאהר, דאס: פּונקט ווי דער אויסזעהן פון די דרויסענ־דיגע ערשיינונגען ענדערט זיך, ווען מען קוקט אויף זיי דורך א פּאר־ביגען שטיקעל גלאָז, אזוי ענדערט זיך די אַנשויאונג נאך די אומ־שטענדען. דער קאַפּיטאַליסט וועט זעהן אין דעם כאראקטער בלויז דאס, וואס מאכט צו פערהערליכען זיין מאכט — די אונרחמנות׳־דיגע עקספּלאָאטירונג און אונטערדריקונג פון דעם שוואכען דורך דעם שטארקען. דער ארבייטער, פערקעהרט, וועט זעהן אין דעם כאראקטער קיין אנדערע זאך, אלס דאס שטרעבען צו וועלען זיך ארויסרייסען, זיך בעפרייען פון דער מאכט פון דעם שטארקען. דער מיליטאריסט וועט זעהן אין דעם כאראקטער דעם אלץ מוטהיגערן סאָלדאט, וועלכער מארשירט אלץ פאָרווערטס אין דער שלאַכט, ניט קוקענדיג אויף זיין אייגענער לעבענס־געפאהר און ניט קוקענדיג, וואס טויזענדער אנדערע סאָלדאטען ווערען כמעט פאר זיינע אויגען געטויטעט. דער טיראן וועט זעהן אין דעם כאראקטער בלויז דאס, וואס איז עהנליך צו איהם — צו הערשען מיט אַן אייזערנער האנד, צו אונטערדריקען מיט געוואלט יעדע זעלבסטשטענדיגע מיינונג פון די בירגער, אַבוואָהל דערביי מוז מען די עדעלסטע גייסטער פון דעם

לאנד אויסמארדען. — און אזוי וועט יעדער אינדיווידיום פון יעדען קלאס פון דער געזעלשאפט זעהן אין דעם כאראקטער בלויז דאס, וואס איהם ווילט זיך, וואס איהם איז ליעב און טייער, — און יעדען אנדערן „כאראקטער" וועט ער מיט פעראכטונג פערלייקענען, פער־ווארפען. און דערפאר טאקי, ווייל יעדער בעזונדער זעהט אין דעם כאראקטער עפעס גאנץ פרעמדעס, וואס דער צווייטער זעהט, און ארויסשטעלענדיג דיזעס אלס די הויפטזאך ביי דער קונסט — אט דערפאר ווייסט קיינער, וואס קונסט איז! און איהר וועט מוזען צוגע־בען, אז דאס איז א גרויסער איבעל.

אבער ניט נאר דער בעשפראכענער איבעל ווייזט זיך ארויס ביי דיזער מאדערנער אנשויאונג פון דער קונסט, נאר נאך אן ערגערער, וועלכער איז די אייגענטליכע אורזאך, פארוואס יענער ווערט אזוי טיעף איינגעווארצעלט אין די מוחות. איך מיין דא די מעגליכקייט פון די פערשיעדענע זשורנאליסטישע שארלאטאנעס צו בעשווינדלען די לעזער פון די אלע דערמאהנטע קלאסען. אונטער אזא צוטומעל־טער אנשויאונג, ווען קיינער ווייסט וואס קונסט איז, איז גאנץ לייכט צו ווייזען א כאראקטער אדער קונסט אין יעדער פראדוקציאן — אין יעדען שונד ראמאן, אין יעדער שלעכטער דראמא אדער סקיצע; און פערקערט, ווען עס לוינט זיך נאר פאר די אינטערעסען, איז עס גאנץ לייכט אנצואווייזען אויף יעדען גוטען ווערק, אויב דער שרייבער איז אן ארימאן און האט ניט די מעגליכקייט בעקאנט צו ווערען פאר דער וועלט, אז עס איז שלעכט — עס פעהלט „כאראקטער", „עס איז ניט קיין קונסט"!

וואס־זשע איז פארט די קונסט? — אט וואס:

די אמת'ע קונסט איז די פראדוקציאן פון דעם קינסטלער, וועל־

כע איז ענטשטאנען מיט דער הילף פון זיין קלאָהרען פערשטאנד, פון זיין שארפען בליק אויף די פאסירונגען פון דיזער וועלט, פון זיין איינבילדונגס-קראַפט און דורך וועלכער מיר קענען א בליק טהאן אין דער אייביגער אונענדליכקייט.

אויב עס איז נאר מעגליך דיזען געדאנק אביסעלע פּאָפּולערער צו מאכען, אדער צו אילוסטרירען, וועל איך עס פרובירען דורך א פאנטאסטישען ביישפּיעל. — לאָמיר זיך פאָרשטעלען, דאס מיר געפינען זיך אין א פּאַלאַץ פון פיינעם קריסטאַל, וועלכער שווימט ארום אין אן אונענדליכען נעבעל-ים; דאן וועלען די פיין געשליפענע עקיגע גלעזעלעך, דורך וועלכע מען קען ארויסקוקען, אונז צייגען יענעם נעבעל פון דער אנדערער זייט פון דעם פּאַלאַץ. — דעם פּאַלאַץ מיין איך, זעלבסטפערשטענדליך, אונזער וועלט; די געשליפענע גלעזעלעך: — די פיעלע און פערשיעדענע פאָרמען פון דער קונסט, דורך וועלכע מיר קענען א בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט, ד. ה. אויף דער געהיימניספאָלער נאטור.

נאך דיזער דיפיניציאָן, אויב מיר זאלען נאר זיין עהרליך גענוג און זיך ניט שרעקען צו קוקען דעם אמת אין די אויגען, האט די קונסט — אדער קלאָהרער גערעדט, דער קינסטלער — קיין אנדערן צוועק, ווי צו ווייזען דעם מענשען — א פונקט פערקעהרטע זאך ווי מען האט געמיינט — אז ניט ער, דער מענש, איז דער הערשער איבער דער נאטור, זאנדערן אז ער, מיט זיין גאנצער גרויסקייט פון זיין „כאראקטער", איז ניט מעהר ווי א קליינער און אונבעדייטענדער פונקט אין דעם אונענדליכען וועלטאַל, א קלייניגקער רינגעלע אין דער אונענדליכער קייט פון דער צוויבערהאפטער עקזיסטענץ, וועלכע מיר האבען אין אונזער אָרימער, וואָכעדיגער שפּראך א נאמען געגעבען „לעבען".

אלזאָ, נאך דיזער — און ניט נאך דער „כאראקטער" בעטראכטונג! — קען מען ערשט מיט רעכט זאגען, דאס די קינסטלער זיינען אימ־שטאנד ארויסצונעמען דעם מענשען פון דעם ענדליכען צושטאנד, אין וועלכען ער מיינט ער געפינט זיך, אום איהם אריבערצוטראגען אין זיין אורשפרינגליכען, פרייען, אונענדליכען און ליידענשאפטסלאָזען צושטאנד. די אמת'ע קינסטלער ווייזען אָן דורך זייערע פּראָדוק־ציאָנען דעם מענשען, אז ער איז בלויז א שפּיעלצייג אין די „הענד" פון יענעם נעבעל, יענער געהיימניספאָלער נאטור.

און בעפאָר איך וועל בעשטעטיגען דיזע בעהויפּטונג, ד. ה. דאס די קונסט — די אמת'ע און ניט יענע, אויף וועלכע אונזערע „גרויסע" ווייזען אָן — דאס זי איז דאָ אונז צו לאזען א בליק טהאן אין דער אייבינער אונענדליכקייט, צו לאזען אונז פיהלען אונזער אונבעדייטענ־דע קליינקייט, טראָטץ דעם, וואס מיר רופען זיך די „באהערשער" פון דער נאטור, — וועל איך אייך נאך ערקלעהרען, וואס איך מיין אייגענטליך מיט דעם אונטערשיעד צווישען ענדליכקייט און אונענד־ליכקייט.

ביי מיר הייסט ענדליך אלעס, וואס מען קען בעגרייפען; אונ־ענדליך, דאגעגען, דאס, וואס מען קען מעהר ניט בעגרייפען. מיר ווייסען, למשל, אז די ערד איז רונד, אז זי האט א געוויסע גרויס, אז זי האט א צוציהונגס־קראַפט; מיר בעגרייפען זי. איז זי די איינציגע וועלט? ניין! די אסטראָנאָמען לערנען אונז, אז עס זיינען דאָ נאך עהנליכע וועלטען. זיינען זיי באַוואוינט? מיר ווייסען ניט; ביז יעצט האבען נאך די וויסענשאפטס מענער אויף דעם קיין בעשטימטען ענטפער געגעבען. לאָמיר זיך אבער פאָרשטעלען, אז די אלע פּלאָנע־טען פון „אונזער" זון־סיסטעם זיינען יא באוואוינט און אז עס זיינען

דאָ נאך פיעלע אזעלכע זון־סיסטעמען ווי אונזערע: אבער ווי פיעל קענען זיי זיין? 10? אונמעגליך! ווייל, ווען מיר בעטראכטען מיט דער הילף פון אונזער פאנטאזיע דיזע פאַרגעשטעלטע 10 סיסטעמען, ערשיינען זיי פאר אונז א „גארנישט", ווייל עס בלייבט נאך איבער פלאטץ פאר מעהר; און אין אונזער מוח פאנגט זיך אָן א בעוועגונג, מיר צעהלען: צעהן, הונדערט, א מיליאָן, און אפשר גאר ביליאָנען אזעלכע סיסטעמען? אבער וואס בלייבט ארום דיזע? וואס טהוט זיך דארט עפּעס? איז דארט טאקי לעערער פּלאטץ פאראן? און אונזער מוח ווערט גענשטאָקט! מיר מוזען צוגעבען, דאס מיר לעבען אין אַן אונענדליכער וועלט, און דאס ניט נאר מיר איינציגע מענ־שעלעך זיינען אונבעדייטענדע פונקטען אין איהר, נאר דאס אונזער גאנצע וועלט, מיט איהרע אונצעהליגע „כאראַקטער" איינוואוינער, און אפילו מיט די פאַרגעשטעלטע ביליאָנען וועלטען, זיינען ניט מעהר ווי א קליינער פונקט אין דעם גרויסען וועלטאל מיט זיינע געהיימניס־פאָלע קרעפטע: מיר בעגרייפען ניט די גרויסקייט — דער וועלטאל איז אונענדליך וואונדערבאר און גרויס!

נאך א ביישפּיעל פון דעם אונטערשיעד צווישען ענדליכקייט און אונענדליכקייט: די צייט. ווי לאנג שטעהט שוין די וועלט? אמת, די וויסענשאפטס מענער גיבען אונז אָן א בעגרייפליכען ערד, ווי פיעל אונזער ערד איז אלט, ווי זי האט זיך ענטוויקעלט, זיך פון דער זון אָבגעטהיילט; אבער ווי לאנג קען זיין, זייט וועלטען האבען אנגעפאנגען צו ענטשטעהן און פערגעהן? וואס איז עס אזוינס דיזע אייביגקייט? מיר קענען עס ניט בעגרייפען!

אויך דעם מענשענס האנדלונגען, ווי עס וועט קלאָהרער ווערען דורך מיין היינטיגען פאַרטראג, זיינען אונטערוואָרפען אונטער דאס,

וואס איך רוף אַן אייביגע אונענדליכקייט. — דאס מיינט די אייביגע אונפערשטענדליכקייט פון דעם מענשענס האנדלונגען. מיר זעהען, למשל, (אין דער געשיכטע און אין דער געגענוואַרט) אזוי פיעל טי־ ראַנען אויף דער וועלט; וואלטען זיי דען ניט פיעל מעהר אמת'דיג געשעצט און געליעבט געווען, אי פון די איינוואוינער פון זייער אייגען לאנד, אי פון די מענשען פון אַ גאנצער וועלט — ווען זיי וואלטען גע־ האנדעלט אביסעלע מענשליכער, פערנינפטיגער? עס איז אבער ניט אזוי! און מיר קענען ניט פערשטעהן די אורזאַך. און אזוי איז מיט יעדער פּאַסירונג פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען: מיר זיינען בלינד צו די גוטע טהאַטען פון דעם מענשען, פונקט ווי צו די שלעכטע, ווייל מיר בעגרייפען ניט די קרעפטע, וואס טרייבען איהם צו זיי.

אַט דאס איז עס, וועלכעס איך מיין, אז דער אמת'ער קינסטלער לאזט אונז אַ בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט, ד. ה. ער איז אימשטאנד אונז ארויסצונעהמען פון דעם ענדליכען צושטאנד, פון דעם קליינליכען קעמפּפען און שטרעבען פון דיזער וועלט, און אונז אריבערפיהרען אין אַן אונענדליכען צושטאנד, אונז צו מאכען פער־ געסען די טעגליכע זאָרגען און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונזערע קליינליכע מאָמענטאַלע ליידענשאפטען.

יעצט, מיינע פריינדע, צו בעשטעטיגען מיין געדאנק, וועל איך נעהמען אלס ביישפּיעל אייניגע קונסט-ווערקע, וועלכע זיינען בעקאנט אין דער וועלט אלס פּראָדוקציאָנען פון זשעניען, פון זעלטענע גייס־ טער — פון גייסטער, וועלכע די נאַטור איז געווען און איז אזוי קאַרג אונז צו געבען.

דאס ערשטע וועל איך וואגען אריינצודרינגען אין איינעם פון די גרעסטע — אויב טאקי ניט דאס איינציג גרעסטע — קונסט-ווערק,

וואס די וועלט האט ווען עס איז געהאט. איך וועל וואגען, זאג איך, ווייל ניט יעדער ערלויבט זיך צו ריידען פון דעם; ווייל אין די מייסטע פעלע ווערט בלויז דער נאָמען פון דעם ווערק און פון דעם פערפאַסער מיט אַ הייליגען שוידער דערמאָהנט. איך האב דעם מוטה צו וואַגען און מיט אַ קלאָהרען בעוואוסטזיין צו נעמען אויף מיר די פולע פעראַנטוואָרטליכקייט פון דעם, וואס איך וועל זאגען. דערווייל וועט איהר — איהר, אידישע ארבייטער! — בעקאנט ווערען מיט איינעם פון די וואונדערבאַרסטע קונסט ערשיינונגען; דיזע איז:

דאַנטע'ס געטליכע קאָמעדיע.

איך וויל ניט פערליערען פיעל צייט אין לויבען דיזעם מערקוויר־דיגע ווערק, ווייל, ווי שטארק איך זאל עס לויבען, וועט עס ניט זיין מעהר ווי אַ גאנץ שוואכער אָבקלאַנג פון דעם, וואס איז ביז יעצט שוין געזאגט געווארען איבער דעם פון גרויסע דיינקער. דען מערקט אייך, מיינע פריינדע! פאר אַ ווערק, וועלכעס האט 600 יאָהר דורכ־אַנאַנד בעגייסטערט, בעגייסטערט נאך היינט און וועט אין דער צו־קונפט בעגייסטערען דיינקער, דיכטער און מאהלער, איז יעדער לויב איבעריג. עס וועט פאר אייך בעסער זיין מיט דעם בעקאנט צו ווע־רען און זעהן — אויב איהר האט נאר געהערט פון דיזען ווערק — וועלכעס איז דאס פאלשע פון דעם געזאגטען.

ניט אלע זיינען איינשטימיג אין זייערע מיינונגען. איינינע דיינ־קען, אז דאס איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַסטישעס ווערק, געשריעבען פון אַ מענשען מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע; איינינע בעטראַכטען עס פאר אַ הומאַנעס ווערק, ווייל דאַנטע האט אזוי שוידערליך געשיל־

דערט דאס שלעכטע אין דער „העללע" און אזוי שעהן געמאהלען דאס גוטע אין „פורגאטאריום" און אין „פאראדיז": די מייסטע אבער זיינען מיט דער מיינונג, אז דאס איז א ווערק פון א גוטען קריסט, ווייל ער האט אין אזעלכע רייכע פארבען געשילדערט דאס קריסטענטהום. אבער זעהר ווענינ דיינקען, אז דיזעס ווערק איז קיין אנדערע זאך, ווי די שילדערונג פון דיזער וועלט; אז עס איז ק י י ן בלויזע פאנטאזיע, אז עס איז ניט דוקא געמיינט דאס קריסטענטהום: נאר א ריעזינע סאטירע אויף דיזער גאנצער אונפערשטענדליכער, טרוימהאפטער וועלט — די גרעסטע, די טראגישסטע סאטירע, וואס די וועלט האט ווען עס איז געזעהן. ווען א טעות פערשפרייט זיך צווישען מענשען, אפילו צווישען געלעהרטע, איז שווער פון איהם ארויסצוקריכען; ער פערשפרייט זיך אלץ ווייטער און ווייטער אין פערלויף פון די יאהרהונדערטע: און די „געלעהרטע" פון אלע צייטען זאגען איהם איבער איינער נאך דעם אנדערן אהן דער מינדעסטער קאפף-ארבייט. עס איז געלונגען די קאטוילישע גלחים, צו וועמען דיזעס מערקווירדיגע ווערק איז אריינגעפאלען אלס ירושה, צו פערשפרייטען דעם הויפט טעות, דאס עס איז א ריין קריסטליך ווערק. דער פאקט, דאס דאס קריסטענטהום איז צופעליגערווייזע דאס מאטעריאל, פון וועלכען דאנטע האט אויסגעקלאטען (זאָ צו זאגען) א קונסט-ווערק, מאכט, דאס פיעלע זאלען אזוי דיינקען; אבער אין דעם שטעקט טאקי דער געוואלדיגער טעות! — אויב מען זאל אורטהיילען נאך דיזער לאגיק, נאך וועלכער די קריסטליכע געלעהרטע שאצען אפ דיזעס ווערק, דאן דארף מען גאנץ איינפאך בעהויפטען, דאס דער קינסטלער, ווען ער האקט אויס א טייערעס קונסט-ווערק פון דעם מ א ט ע ר י א ל „מארמאר", מיינט ער קיין

אנדערע זאך צו ווייזען, אלס דעם ווערטה פון דעם מאַרמאָר. דעם טעות פון אזא בעהויפּטונג וועט איהר באלד ארויסזעהן, ווייל דאַנטע האט מיט דיזען וואונדערבארען ווערק ניט געמיינט גרוים צו שטעלען דאס קריסטענטהום.

שוין דער נאָמען „קאָמעדיע" אליין, ווי דאס ווערק האט איהם געקרוגען פון דעם פערפאַסער זעלבסט, ווייל דער אדיעקטיוו „געט־ליכע" איז אַ צוגעקומענער נאך זיין טויט, דייטעט שוין אָן, וואס ער האט געמיינט צו זאגען. און ווירקליך, פאר אונזערע גייסטיגע אויגען עפענט זיך אויף אַ מערקווירדיגער וועלטען־שפּיעל, ווי נאר אַ דיינ־קענדער מענש מיט אַ רייכער איינבילדונגס־קראפט קען זי זעהן. די דריי טהיילונגען: „העללע", „פּורגאַטאָריום" *) און „פּאראַדיז", פון וועלכע דאס ווערק איז צוזאמענגעשטעלט, זיינען טאַקי די הויפּטזאך ביי דער קאַטהאָלישער רעליגיאָן, — זיי רעפּרעזענטירען אבער ניט ביי דאַנטע'ן די קריסטליכע פערהערליכונג, נאר די סימבאָליזירונג פון דיזער וועלט, פון די גייסטעס צושטענדע פון דער לעבענדיגער — אבער אויף קיין פאל די טויטע מענשהייט. די העללע מיינט די וועלט דער ליידענשאַפטען; דער פּורגאַטאָריום מיינט די וועלט דער אידע־אלען: און דער פּאראַדיז מיינט די וועלט דער פערנונפט. אין דער וועלט דער ליידענשאַפטען ענטשטעהען מענשען מיט פערברעכערישע

*) דער נאמען „פּורגאַטאָריום" איז בעקאנט אין דער קאַטהאָ־לישער רעליגיאָן אלס דער רייניגונג'ס פּלאַטץ. — די שטארק זינדי־גע נשמות זיינען פערדאמט פאר דער העללע, וועלכע קענען אייביג ניט ארויס; אבער די ווייניגער זינדיגע געהען אין פּורגאַטאָריום, אום זיך צו רייניגען, און דאן קענען קומען אין פּאראַדיז, פאר גאָט.

נייגונגען, למשל: טיראנען, אלערליי שווינדלער, מערדער, גנבים, רויבער, קופלער, פעלשער, בעל-בעם'ניקעס און נאך פיעלע אנדערע אנטי-געזעלשאפטליכע נייגונגען. — אין דער וועלט דער אידעאלען ענטשטעהען מענשען מיט אלערליי ווינשע, למשל: שריפטשטעלער, דיכטער, קינסטלער, פראָטעסטירענדע ברואים א. ז. וו. — אין דער וועלט דער פערנונפט ענטשטעהען מענשען מיט א העכערען פער-שטאנד, למשל: פילאָזאָפען, עהרליכע רעגיערער און פיעלע אנדערע פערזענליכקייטען, וועלכע ווערען געבוירען מיט א קלאָהרען שכל. און דאנטע האט דיזע דריי וועלטען מיט זייערע פערשיעדענהייטען געשילדערט אין א העכסט פאנטאסטישער, פאָעטישער, און אין דערזעלבער צייט סאַטירישער פאָרם.

שוין פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן, ווי מען מאכט נאר אויף דאס בוך, ענטשטעהען שוועריגקייטען, ווייל מען דארף ענטציפערן, וואס אייגענטליך דאנטע האט געקענט מיינען מיט דיזען אדער יענעם געדאנק. „די שריפטען פון א שרייבער", האט שאָפּענהויער ערגיץ באמערקט, „זיינען אזוי ווי די סטעזשקעס פון וואנדערער אויף זאמד: מען זעהט טאקי די סימנים פון די טריט, אבער וואס דער וואנדערער האט דערביי געזעהן, דאס קענען מיר ניט וויסען". און דאס איז מיט דאנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע": עס שיינט, אז עס איז שווער צו וויסען, וואס ער האט געמיינט מיט זיינע געדאנקען. ווען אבער א וואנדערער לאזט איבער צעטעלעך אויף זיין וועג, אָנווייזענדיג, דאס דיזעס אדער יענעס האט ער געזעהן, דאן ווערט פאר אונז אויף איינ-מאָהל קלאָהר, וואס ער האט איבערהויפט געזעהן און געדיינקט. — אָט, נאך אזעלכע „צעטעלעך", וועלכע דאנטע אליין האט אָנגעוואָר-פען דאָ און דאָרט אויף זיין לאנגען „וועג", נעם איך מיין ריכטונג צו

בעטראכטען דיזעס ווערק, און ניט נאך די מיינונגען פון די פערשיע־דענע אויסלעגער, „קריטיקער" אדער „געלעהרטע".

דאס ווערק פאנגט זיך אָן מיט אַן איינלייטונג צו אַ לאנגער רייזע (אַ פאַנטאַסטישע), וועלכע דאַנטע האט געמאכט. אראָפּגעהענ־דיג פון גלייכען וועג, האט ער זיך פּלוצים געפונען פערוואָרפען אין אַ שרעקליך פינסטערען און שוידערהאפט רויהען וואלד, פון וועלכען ער האט מעהר ניט געקענט ארויס. — אין דעם אנפאנג פון דיזער איינ־לייטונג זעהט מען גלייך ארויס דעם זעעלען צושטאנד פון אַ דיינקענ־דען מענשען; אנשטאט צו געפינען זיך צווישען אַ וועלט פון פריינדע און מענשען, ווי יעדער מיינט געוועהנליך, האט ער גאר אויסגעפונען, אז דאס זיינען ווילדע ברואים, אזוי ווי די חיות אין אַ רויהען וואלד. דאס ערשטע, וואס איהם האט באגעגענט, איז געווען אַ שעהן פאר־ביג געפלעקטעס פאַנטהער־טיער, דאס צווייטע אַ לייב; דאס מיינט, אז די הויפּט זאך, וואס ער האט באמערקט אין לעבען, איז געווען קנאה, וועלכע ערשיינט אין אזעלכע רייצענדע פאָרמען, דאס 2טע שטאָלץ (פּוסטע גאוה): — ער איז אבער פון דיזע „חיות" ניט גע־שטערט געווארען אין זיין גאנג פאָרווערטס. אַן אנדערע חיה אבער, אַ וואָלפיכע — די האַבזוכט, דאס ווילדע יאָגענעש נאך רייכטהום, איז איהם געשטאנען אין וועג; און, אַנשטאט צו געהען העכער, זיך ארויסצודרעהען אפשר פון די גיעריגע בליקען פון דיזער אונערזעטלי־כער בייזער חיה, איז ער גאר פון איהר געיאָגט געווארען אלץ נידע־ריגער און נידעריגער, אלץ טיעפער אין וואלד. אָט דאן איז פאר איהם ערשיענען ווירדזשיל, אַ רוימישער דיכטער, וועלכער האט איהם צום ערשטען געפיהרט אין דער העללע, דאן צום פּורגאטאָריום, און איהם נאכהער איבערגעגעבען צו בעאַטריס, אַ קאַטהאָלישע הייליגע,

וועלכע האט איהם ווייטער געפיהרט אין פּאַראַדיז, פאר גאָט. — ווירדזשיל אליין האט איהם געזאגט, דאס ער איז ניט ווירדיג גענוג צו קומען פאר גאָט: און פון דעם, ווי פון אנדערע שטעלען אין דער „געטליכער קאָמעדיע" שליסט מען, דאס דאַנטע איז געווען אַ גוטער קריסט. נון, ווי וויט ער איז געווען אַ „גוטער" קריסט, וועט איהר באלד הערען; דאָ אבער וויל איך באמערקען, אז אין דיזער איינלייטונג, ווירדזשיל'ס ערשיינען אין דעם „מאָמענט" פון גרעסטער פערצווייפלונג, האט אונז דאַנטע געלאזט וויסען, אז ער איז ארויף אויף גאָר אַן אנדערן „וועג", ווי יענעם, אויף וועלכען ער איז „געגאַנגען" ביז דאמאלס, דורך די שריפטען פון אַ גרויסען דיינקער, ווי עס פּאַסירט ריכטיג אין דעם לעבען פון פיעלע מענשען. און ווירדזשיל'ס רעדע, פארוואס ער קען ניט קומען אין פּאַראַדיז, איז איינפאך די ערשטע סאַטירישע שטעלע איבער דעם קריסטענטהום. די פיהרונג פון דער הייליגער בעאַטריס מיינט איינפאך: נאָכדעם ווי ער איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון ווירדזשיל'ס דיינקען, איז ער שוין אליין „געגאַנגען" ווייטער; בעאַטריס איז די פּאַנטאַזיע, פּערזאָניפּיצירט אלס הייליגע, ווי עס ווייזט זיך ארויס אין „פּאַראַדיז", דאס פון איהר בליק האט ער זיך אויפגעהויבען פון איין שטערן צום אנדערן.

אום דיזע ווירדזשיל בעאיינפלוסונג צו בעשטעטיגען, וועל איך ברייגען אַ „צעטעלע" פון דאַנטע'ן אליין. אין ערשטען געזאנג פון דער „העללע" דערצעהלט ער (נאכדעם ווי ווירדזשיל האט זיך איהם געגעבען צו דערקענען) אונגעפעהר אזוי:

„„אזוי ביזט דו,"" האב איך מיך אָנגערופען, „„ביזט דו יענער ווירדזשיל, — דער קוואַל, ארויסגעפלאָסען פון דעם שטראָם דער רייד?"" איך האב דאס גערעדט מיט אַ פערשעהמט געפיהל, וועל-

כעס איז מיין שטערן בעפאלען. „„עהרע און ליכט פון די אנדערע קונסט־גענאָסען איז יעצט דער לוין פאר דער גרויסער ליעבע און לאנגען פלייס, וואס דיין גערדיכט האט מיין פאַרשען אויפגעשלאָסען. מיין מייסטער, פאַרבילד! דיר געהערט דער לויב, וואס איך האב דורך שעהנעם סטיל געקרוגען, דען פון דיר האב איך געלערנט, וואס איך קאַן און וויים.""

און יעצט, מיינע פריינדע, ווען מיר האבען געזעהן, דאס ווירי דזשיל'ס פיהרונג מיינט, אז דאַנטע איז פון איהם בעאיינפלוסט געוואָרען, ד. ה. ער האט פון איהם גענומען דעם בליק אויף דער וועלט, איז גוט א קוק צו טהון אויף דער פאָרם פון דער סאטירע, וועלכע דאַנטע האט געבראכט. דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאס גראדע דאן ווען ער האט גערעדט פון גאָט, קריסטוס און גלויבען — אלזאָ פונקט פערקעהרט ווי מען מיינט, אז ער איז געווען א גוטער קריסט און גלויביגער — זעהט מען ערשט ארויס אם שטארקסטען די גרויסע סאטירע און אויך דעם בליק אויף דער אייביגער אונענדליכקייט. דער אויפשריפט אויף דעם טהויער פון דעם גיהנם, וועלכען דאַנטע האט געפונען ביים אריינגאנג, און איהם איבערגעגעבען אין עטליכע פערזען, וועט דיזעס אם בעסטען בעשטעטיגען:

„דורך מיר געהט מען אריין אין דער שטאָדט פון אייביגע קוואַלען, — דורך מיר געהט מען אריין צום שמערצפאָלען תהום, — דורך מיר געהט מען אריין צו די טהאָלען דער פערדאמטקייט."—

און דאָ, פריינדע, זעהט די סאטירע ביי דיזען אויפשריפט:

„גערעכטיגקייט איז געווען די בעוועגענדע אורזאך פון דעם, וואס האט מיך בעשאפען; גרינדענדיג מיך, האט ער אָפען ארויסגעוויזען אלמעכטיגקייט, אלקלוגהייט און ערשטע ליעבע. — קיין געשאפענע

זאך האט מען ניט געטראָפען בעפאָר מיר אלס אייביגעס; און איי-
ביג דויער אויך איך."

ווענעס הארץ ווערט דען ניט צוריסען ביי דעם געדאנק, דאס
פיעלע מיליאָנען מענשען האלטען גאָט אלס דעם גערעכטען שעפ-
פער און פיהרער פון דיזער „שעהנער" וועלט מיט איהרע ליידען?

און דאס דאנטע האט געוואלט אָנצייגען אויף דער וועלט דער
ליידענשאפט — דירעקט אדער אינדירעקט — און ניט, אז די בילדער
זיינען בלויזע פאנטאזיעס, צו וועלכע מען פערגלייכט געוועהנליך די
צופעליגע שרעקליכע קאטאסטראָפען, וואס פאסירען אויף דער וועלט
— אלזאָ, אז דאס האט ער געמיינט אונזער שעהנע וועלט — וועט
איהר ווייטער זעהן פון נאך איינינע פונקטען.

אזוי שנעל ווי דאנטע איז אריין אין גיהנם, אזוי האט ער דער-
הערט געשרייען, קרעכצען און א געמיש פון פערשיעדענע שפראכען
— א געמיש פון וועה-געשרייען, וועלכע צערייסען דאס הארץ; און
ער האט געפרעגט ביי ווירדזשיל'ן, וואס דאס איז, און דיזער האט
איהם געענפערט:

„דער קלאנג, וועלכער ציטערט דורך דער לופט, קומט פון דעם
יאמערפאלק, געשאפען פאר דעם שפאָט, וועלכער האט אָהן
באליידיגונג און אָהן שפאָט געלעבט."

און דאן ווייטער פון דעם פראָסטען, ארבייטענדען פאָלק. — ווי
ריהרענד דאנטע האט דאס געשילדערט דורך ווירדזשיל'ס מויל:

„דיזעס יאמערפאלק, וואס האט קיין מאָהל געלעבט, איז נאַ-
קעט געוועזן און פון פליעגען און וועספען ארומגערינגעלט, און איז גע-
ווען געשטאָכען פיעל און שטענדיג. טהרערען און בלוט זיינען אין
שטרייפען פון דעם פנים צו דער ערד ארונטערגערינען, וואו עקעל-

האפטע ווערים האבען פון דעם נאהרונג געזויגען."

דארף מען נאך א בעסערן בעוויז פאר דעם בליק אויף דער וועלט, אויף דער אייביגקייט — אז אייביג ווערט דאס פראסטע אר־בייטער פאלק געשטאכען און אויסגעזויגען פון פערשיעדענע ווערים און אלערליי בלוטזויגערס?

דיזע פאר אויסציגע, צוזאמען מיט דעם פאלגענדען, אבוואהל זיי זיינען א טהייל פון דעם ווערק, זיינען זיי אבער ניט מעהר ווי די איינלייטונג צום גאנצען; ווייל דאנטע איז צו קלוג געווען דאס פער־הארעוועטע פאלק צוזושטעלען צו אירגענד וועלכער ספעציעלער ליי־דענשאפט: דערפאר האט ער זיי אוועקגעשטעלט ביים טהויער, וועלכע, אויסער קליינליכע, אונבעדייטענדע קנאה־שנאה ליידענ־שאפטען, ליידען שרעקליך אומזיסט דורך דער ליידענשאפט פון אנ־דערע.

און יעצט, נאכדעם ווי ווירדזשיל האט איהם א באפעהל געגע־בען ער זאל פארווערטס געהן, האט דאנטע געזעהן חאראן, אן אל־טען, בייזען מלאך, וועלכער האט איבערגעפיהרט די „זינדיגע" צום אייגענטליך „ריכטיגען" שטראף פלאטץ. עס שיינט אבער, דאס דאנטע האט אונז דא געלאזט א דאפעלטען בליק טהון אויף דעם גאנג פון די פאסירונגען פון דער וועלט, פון וועלכען שטאנדפונקט מיר ווילען עס נאר בעטראכטען. — דער אלטער חאראן, מיט זיינע פלאמענדע אויגען, איז אימער און אייביג באשעפטיגט מיט'ן אויפ־נעהמען אין זיין שיפעל די „זינדיגע" פון דעם ברעג פון דעם טייך אחעראן; און אט ווי אזוי דאנטע האט געשילדערט די סצענע, ווען די נשמות פילען אן דאס שיפעל און פאהרען איבער דעם טייך:

„גלייך ווי אם הערבסט ביים שטורם פון דעם נארד־ווינד א בלאט

צום אנדערן פאלט, ביז דער בוים האט זיי אלע אוועקגעלייגט צום שוים פון ד׳ר׳ערד, אזוי שטירצען אדם׳ס שלעכטע קינדער אין דער נעץ (אין שיפעל צום שטראף פלאטץ) ווי פערנארטע פייגעלעך; דורך שווארצע שטראמען איז דער וועג פון׳ם שיפעל, און איידער נאך די נשמות אריבערגעשוואומען זיינען אויף יענער זייט ברעג, אזוי שטופט זיך שוין (דארט, אויף׳ן ערשטען ברעג) א נייע מחנה צו.״

פאר וועמען קען נאך זיין א צווייפעל, אויב דאנטע האט אונז דא אנגעצייגט אויף דעם געבורט און טויט פון די מענשען? און קען דען עמיצער באהויפטען, דאס די מענשען קומען ניט איינציגווייז אויף דער וועלט, ביז זיי ווערען גרויסע מחנות — און איינציגווייז, ווי די בלעטער אם הערבסט, פאלען זיי צוריק צום שוים פון דער ערד?

און דא, ביי דער טראגישער סצענע פון געבורט און טויט, איז דאנטע בעפאלען געווארען פון א שווערען שלאף, און אויפגעחאפט האט ער זיך ערשט אויף אן אנדער פלאטץ, וואו די ספעציעלע אב־טהיילונגען — די אייגענטליכע שטראף־ערטער פאנגען זיך אן.

עס טהוט מיר נאר לייד, וואס איך קען פאר אייך ניט שילדערן יענע אלע שוידערליך פאנטאסטישע בילדער — די פערשיעדענע פיי־עריגע אבטהיילונגען, אין וועלכע די „זינדיגע״ בראטען זיך, פרעגלען און קאכען זיך. איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען, ווייל, איבער דעם צו ריידען, וואלט מען געדארפט פארלעזען דאס גאנצע בוך א־דער האלטען וועניגסטענס צוואנציג פארטרעגע. איך וועל מיך מו־זען צופריעדענשטעלען צו ווייזען בלויז אייניגע בילדער, וועלכע ריידען דירעקט צום פערשטאנד. יענע פייעריגע אבטהיילונגען רעפרעזענ־טירען יעדענפאלס אינדירעקט פערשיעדענע ליידענשאפטען, נעמליך: שכרות, מלחמה, פאליטישע העצעריי, כעס און נאך פיעלע אנדערע

ליידענשאפטען, מיט וועלכע אונזער וועלט איז געבענשט. אויך האט מען שוין יענע פייערינע אבטהיילונגען פיעל אויסגענוצט, און זיי קענען פערליערען זייער בעדייטונג, ווען איך וועל אויך זאגען דאסזעלבע, וואס אנדערע האבען שוין לאנג געזאגט. איך וועל, ווי געזאגט, ציינען אייניגע דירעקטע אָנווייזונגען — א דירעקטען בליק אויף דער וועלט, וועלכעס איז דאך דער הויפט צוועק פון דאנטע׳ס ווערק.

איין אבטהיילונג פון דעם פיערטען קרייז פון דעם גיהנם איז איינער פון די פיעלע מערקווירדיגע דירעקטע בילדער. — דארט האט דאנטע געוויעזען, ווי די „זינדיגע" זיינען „געשטראָפט" מיט שלעפען שווערע זעק מיט גאָלד; זיי יאָגען זיך און שטופען און שטויסען זיך צוליעב די שווערע לאסטען אָהן אן אָפּרוה: זיי קעמפּפען צווישען זיך אונערמיעדליך פאר די שווערע, אָנגעלאָדענע זעק מיט גאָלד. און ער האט געפרעגט ביי ווירדזשיל׳ן ווער דיזע זינדיגע זיינען: — דיזער האט איהם אבער ניט געקענט זאגען ווער דיזע גאָלד יעגערס זיינען, ווייל נאך זייער טויט בלייבט ניט איבער אירגענד וועלכע שפּור, דאס מען זאל קענען עפּעס וויסען וועגען זיי. דערפאר האט דאנטע אויף אַן אנדער אופן דורך ווירדזשיל׳ס מויל אונז געלאזט וויסען, וואס דאס איז. א קליינער אויסצוג וועט געבען א בעגריף פון דעם:

„זעה דאָ, מיין זוהן, וואס פאר א פוסטע זאך דאס איז — פאָרטונאַ׳ס רייכטהום, וואס רייצט די לייטע צום קאַמפף, צו געוואלט און צו ביטערקייט. גיב דיזע מיעדע אלעם גאָלד צום רויב, וואס איז אַמאָהל געוועזען און איז (דאָ) אויף אייער וועלט, און קיין שטונדע רוה אפילו וועט עס פאר זיי היינט געבען."

ווער קען צווייפלען, אויב אין דיזער „שטראָף" — דאס פערדאַמט זיין צו שלעפּען אייביג און אייביג שווערע לאסטען מיט גאָלד אָהן אַן

אָפּרוה מיט דער גרעסטער אנשטריינגונג, האט אונז דאַנטע געלאזט א בליק טהון אויף דער ליידענשאַפט פון אָנשאַרעי דורך אלערליי מיטעל אונניציגע רייכטהימער?

און דיזעס ווערט נאך מעהר בעשטעטיגט, ווען דאַנטע האט געפרעגט ווער דיזע פאָרטונאַ (פון וועלכער ווירדזשיל האט גערעדט) איז, און יענער האט איהם ערקלערט ווער דיזע גליקס-געטין איז, ווי זי געהט פון לאנד צו לאנד, פון צייט צו צייט, און וואס פאר א חורבן זי מאכט אָן איבעראַל, וואו זי באוויזט זיך.

יעצט, מיינע פריינדע, קען איך מיך ניט צוריקהאַלטען ניט צו דערמאָהנען וועגען דער אבטהיילונג פון די זעלבסטמערדער.

וואס איז דאס פאר א מין זאך — די נייגונג צו זעלבסטמאָרד, וועלכע קען ניט ביישטעהן דעם שטאַרקען דראַנג צום לעבען — יא, וועלכע איז שטאַרקער פון איהם? דאַנטע האט אונז געלאזט א בליק טהון אין דעם. א טרוקענער, רויהער וואלד — בוימער מיט צובראָ־כענע, צודרעהטע און צוקרימטע צווייגען — קיין גרעזעל אין דיזען וואלד, קיין סימן פון אירגענד א גרין בלעטעלע. אויף די צווייגען — פינסטער, טרויעריג און א יאָמערליכען קוויטשען — אָט דאס האט ער דאָרט געזעהן און געהערט, אבער קיין לעבענדיגע באשעפעניש. פונדעסטוועגען, ווען ער האט א פרעג געטהון ביי ווירדזשיל'ן וואס דאס איז, און יענער האט איהם געהייסען אָבברעכען א צווייגעל, — און ער האט געפאָלגט, — האט פּלוצים געטהאָן א שאָס ארויס א שטראָם בלוט ווי פון א קוואל, און דער שטאַם, פון וואנען דאס צוויי־געל איז אָבגעבראָכען געווארען, האט אָנגעפאנגען צו ריידען און צו בייזערען זיך, פאַרוואס ער, דאָנטע, באגעהט זיך אזוי גרויזאַם מיט איהם!

ווי ריהרענד די זעלבסטמאָרד ליידענשאפט איז געשילדערט! אין דיזער וועלט פון ליידענשאפט ווערען געבווירען מענשען מיט די שטארקסטע ליידענשאפטען פאר צוקרימטע און צודרעהטע ווינשע, ד. ה. אזעלכע ווינשע, וועלכע קענען פאר זיי קיינמאָהל ערפילט ווערען; זיי, דיזע מענשען, זיינען א טרוקענער, רויהער און פינסטערער וואלד ביים אַנבליק (מעלאַנכאָליש), קיין גרין בלעטעל, קיין האָפנונג, קיין סימן פון פערנונפט צו קענען געפינען א וועג זייערען א וואונש צו פערווירקליכען: — און דאָך, די ליידענשאפט, דער שטראָם בלוט, ווי א קוואַל שיסט ער ארויס!... אָט דיזער שטילער און שווידערליכער דראַנג פאר אונערפילבארע ווינשע איז שטארקער פון דער נאַטירליכער לעבענס־קראַפט. און דיזע ליידענשאפט איז פונקט אזוי שטארק ווי, למשל, די יאַגענעש נאך גאָלד, וואס מאכט חרב פעלקער און לענדער, — אדער ווי דער שטארקער וואונש איינצוגעהמען לענדער דורך מלחמה, וועלכע מאָרדעט אויף איינמאָהל אוים צענדליגע און הונדערטער טויזענדער מענשען, און פערוויסטעט די פרוכט פון מיליאָנען פריעדליכע, ארבייטסזאַמע מענשען. — און אזוי ווערט קלאָהר דער זעלבסטמאָרד — א טהייל פון דעם גיהנם אדער די וועלט דער ליידענשאפט.

אין איינעם פון די טיעפסטע קרייזען — דען וואס גרעסער דער פערברעכען, אלץ טיעפער אין גיהנם האט ער איהם פערדאַמט — אין אכטען (אין גאנצען זיינען דאָ 9 קרייזען), האט דאנטע געזעהן אלערליי צויבערער (מכשפים), פאַלשע נביאים און נאך אנדערע פאָלקס־נארער. אבער ווי אזוי האט ער זיי געזעהן „געשטראָפט״? מיט די קעפף אויסגעדרעהט אויף הינטען! און, עס פערשטעהט זיך, אנשטאט צו געהן פאָרווערטס, געהען זיי גאר ריקווערטס: און אזוי

ווי די קעפּף זיינען אויסגעדרעהט צום רוקען, מאכט עס אַן איינדרוק, אזוי ווי זיי וואלטע געגאנגען „פאַרוועָרטס". אויך דאָ זעהען מיר כמעט אַ דירעקטען בליק אויף דער וועלט, אַבוואָהל שיינבאַר קען עס הייסען אַן אינדירעקטער. איך וואלט אזעלכע אינדירעקטע בליקען געוואלט אויסמיידען: ווען אבער דאַנטע אליין האט אויפגעפּאָדערט דעם לעזער אַ טראכט צו טהון אביסעלע אנדערש, ווי עס איז אָנגע־שריעבען, ווי קען מען עס אזוי פערביילאזען? און אָט איז זי דאָ, דיזע וואונדערבאַרע אויפּפּאָדערונג, וועלכע אַפּעלירט דירעקט צום שכל, ד. ה. צו דער איינבילדונגס־קראַפט:

„לאזט גאָט דיין לעזען, לעזער, פריכטע ברייגנען, דאן פרעג דיך אליין, ווי מיר איז געשעהן, אויב איך האב ניט געמוזט וויינען און אין גאנצען פערציטערט ווערען, ווען איך האָב אזוי נאָהענט געזעהן דעם מענשען'ס צלם אלהים פערקרומט, פערדרעהט און דעם שפּאלט פון די הינטער־באַקען גענעצט פון די אויגען טהרערען?"

און וואס קען איך ענטפערען אויף דיזער מערקווירדיגער סאַטירי־שער אויפפּאָדערונג? אָט וואס:

„דאַנטע, דאַנטע! מיין לעזען האט געבראַכט פריכטע! אַבוואָהל דו ביזט שוין לאנג טויט, דאך רעדסטו צו מיר דורך די אלע יאָהרהונ־דערטע. איך פערשטעה, וואס דו מיינסט: — די מענשליכע אויגען טהרערען, וועלכע האבען גענעצט דעם שפּאלט פון די הינטער־באַ־קען, — די טהרערען, וועלכע דארפען ריהרען מענשליכע הערצער,— דאס זיינען פאלשע טהרערען! — זיי נעצען דעם הינטען. און פונקט ווי ווירדזשיל האט דיר געזאגט זאלסט ניט וויינען, ווייל אייביג זיינען דאָ אזעלכע שאַרלאַטאַנעם; אזוי זאג איך דיר אויך זאלסט ניט וויי־נען אויף די שווינדלער פון דיין צייט, דען מיר האבען זיי אויך יעצט.

— זיי זיינען אייביג דאָ — די אַלערליי פאַלשע נביאים און בעטריגער!
— זיי זיינען דאָ אין די קלויסטערס, אין די טעמפּלען, אין די רעדאַקציעס און אין אנדערע ערטער; זיי קלאָגען און פּרעדיגען איבער רעליגיאָן, איבער ציאָניזם, איבער נאַציאָנאַליזם און איבער אָרימקייט און פאָלקס-ליידען! — און אויך זייערע טהרערען רינען אויף דעם שפּאַלט פון די הינטער-באַקען...״

יעצט, מיינע פריינדע, איידער איך פערלאָז די וועלט דער ליידענשאפט, דעם שמערצענס תהום — דער פּלאַטץ, וואו גאָט וויזט ארויס זיין „אַלמעכטיגקייט״, „גרויסע ליעבע״, „גערעכטיגקייט״ און „אַלקלוגהייט״, — וועל איך נאך אַ בליק טהון אויף דער אבטהיילונג פון גנבים און רויבער.

אַ וויסטער פּלאַטץ, גיפטיגע גראזען, רויהע פעלזען מיט טיעפע שפּאַלטען; אין דיזען פּלאַטץ, אין דיזע שפּאַלטען צישען שרעקליכע שלאַנגען און וואַרטען נאר אַף די מינוט, ווען זיי קענען בעפאַלען אירגענד וועלכען קרבן. אַלזאָ, ווי אזוי קען נאך זיין בעסער פערגלייכט די וועלט פון גנבים און רויבער צו שלאַנגען, וועלכע בעפאַלען זייערע קרבנות שטיל, אונגעריכט? דיזע גאַנצע באַנדע פייגלינגע — אָט די אַלערליי גנבים, רויבער, שוואַרצע האַנדניקעס און אנדערע קעשענע שווינדלער — זיי קריכען דאך בעהאַלטען ווי די גיפטיגע שלאַנגען! אבער נאך אַ מערקווירדיגערען אדער, בעסער געזאגט — שוידערליכערען בילד האט אונז דאַנטע געלאזט זעהן אין דיזער אבטהיילונג: אַ מענש, וועלכער לעבט און וואַנדערט ארום צווישען דיזע גיפטיגע שלאַנגען, — אָט ערשיינט פון ערגיץ אַ פעלזען שפּאַלט עפּעס אַ קריי־בענדיגער מאָנסטער, גיט אַ בליק אויף דעם מענש — און מענש און מאָנסטער בעטראַכטען זיך אַ ווײלע; אבער פּלוצים שפּרינגט דיזער

מאַנסטער ארויף אויף דעם מענש, דריקט איהם פעסט ארום פון אלע זייטען: — און פון זיי ביידע ווערט איין עקעלהאפט־שרעקלי־כער, פעראייניגטער פערזעהעניש, וועלכער איז ניט מענש און ניט חיה! ווי קען, אַלזאָ, זיין נאך שוידערליכער פערגלייכט די ווילדע ליידענשאפט פון די פערשיעדענע רויבער? זיינען זיי דען ניט אין זייער גרויזאמקייט — ווי זיי האנדלען מיט זייערע קרבנות, ווען זיי זיינען פע־היג צו ערמאָרדען זיי ביי יעדער קליינינגקייט — זיינען זיי דען ניט נאך ווילדער פון די שרעקליכסטע חיות?

איך וועל יעצט פערלאזען די וועלט דער ליידענשאפט, וואו קיין האָפנונגס שטראַהל, קיין פערנונפטס שטראַהל דרינגט אריין; וואו אלעס איז אָנגעזאפט מיט שווינדעל, קאַמפף, שמערץ און טויט, און איבערגעהן צו דער וועלט דער אידעאלען (פורגאַטאָריום), און א בליק טהון, וואס דאַנטע האט דאָרט געזעהן. עס איז אמת, דער גאנצער פורגאַטאָריום איז דורכגעזאפט פון ליעבע צום קריסטענטהום, אבער אויך נאר אין סאַטירישען זין. צו ווייזען דיזעס וואלט פערנומען צו־פיעל צייט. איך וועל דארום צום ערשטען אָנווייזען, אז דאָ דרינגט שוין אריין א שטראַהל פון פערנונפט, וואו מיר באגעגנען שוין מעהר קיין מענשען מיט בלינדער ליידענשאפט, נאר פערזאָנען מיט שעהנע אידעאַלען און פראָטעסטירענדע נשמות, — און נאכהער וועל איך א בליק טהון אויף דער סאַטירע. אָט באגעגנען מיר אָ סימפּאַטי־שע פערזענליכקייט, אַן איטאַליענישען דיכטער, סאָרדעלי, א גוט בעקאַנטען נאָמען פון יענער צייט אין איטאַליען — דען אלע נע־מען פון דער „געטליכער קאָמעדיע" זיינען ווירקליכע, קיין אויס־געטראכטע. — אָט, ווי דאַנטע האט געלאזט דיזען סאָרדעלי־קלאָגען אויף דער פערדאָרבענהייט פון זיין לאנד:

„איטאַליען, שקלאווין, תּהום פול שמערץ און שרעק, שיף אָהן רודער אויף שטורמדיגע ימים, נישט הערשערין (איז איטאַליען), ניין, אַ הורענהויז...״

ווי געפעלט אייך דיזעס? איז דאס ניט עפּעס, גלייך ווי עס וואלט היינט געזאגט געווארען און ניט מיט 600 יאהר צוריק? אָט דאס איז טאקי דער וואונדער, פריינדע! דאַנטע האט געשילדערט די וועלט — זיין לאנד, ווי ער האט זי געזעהן און פערשטאנען צו זיין צייט, און דאך האט ער אונז געלאזט אַ בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט! נעמט אוועק די ווערטער „סאַרדעלי״ און „איטאַליען״ — קענט איהר ארויפשטעלען אויף דיזע קלאַג-ליעדער: ישעיהו אדער ירמיהו, ירושלים אדער ארץ-ישראל... אויך דיזע אידעאַליסטען האבען געקלאגט אויף דער שרעקליכער פערדאָרבענהייט פון זייער לאנד. און קען מען דען זאגען, ווי פריהער שוין אָנגעדייטעט, אז אונזער צייט איז בעסער? איז ניט יעדע גרויסע שטאָדט פון דער יעצטיגער „ציוויליזירטער״ וועלט אַ הורענהויז? און אויך מיר האבען אונזערע אידעאַליסטען, וועלכע קלאגען אויף דער יעצטיגער פערדאָרבענהייט. עס שטעלט זיך אבער די פראגע: און וואס האבען דיזע גוטע מענשען — די אלע אידעאַליסטען פון אלע צייטען און אלע לענדער אויפגעטהון?

נאר נאך אַ פּאָר קליינינקייטען פון דעם אידעאַליזם פון דער „געטליכער קאָמעדיע״ וועל איך פאר אייך בריינגען, איידער איך וועל אַ בליק טהון אויף דעם „פּאַראַדיז״, ד. ה. אויף דער וועלט דער פערנונפט. אין זעבצעהנטען געזאנג פון׳ם „פּורגאַטאָריום״, צווישען אַ גרויסער צאָהל פּערזענליכקייטען פון מאהלער, דיכטער און שריפטשטעלער אין די ערשטע געזאנגען, ווערען מיר בעקאנט מיט איינעם

אַ שריפטשטעלער מ א ר ק אָ ל אָ מ ב א ר ד י אָ. און —

איך מוז מיך פאר אַ ווײלע אָפּשטעלען און באמערקען, דאס מיט די אלע אויסציגע און געדאנקען, וועלכע איך האב געבראכט און וועל נאך ברייגען, וויל איך מיך ניט ארויסשטעלען מיט מיין „בעלעזענ־הייט", ווי מאנכען דומקאָפּף אדער שאַרלאַטאן קען איינפאלען צו דיינקען, נאר איך שטעל זיי איינפאך אלס פּרעמיסען צו דעם שלוס, וועלכען איך וועל באלד ציהען, און אלס ערקלעהרונג צו דער דיפיני־ציאָן איבער קונסט, וואס איך האב געגעבען; און דערפאר גיב איך זיי אזוי קורץ און אזוי איינפאך ווי מעגליך, כמעט אָהן ספּעציעלע קאָמענטארען.

אלזאָ — מיט דיזען מארקאָ האט דאנטע געהאט אַ געשפּרעך איבער דער פרייהייט פון דעם ווילען. און מערקווירדיג! דאנטע האט ארויסגעוויזען אַ צווייפעל אין דער ווילענס פרייהייט, וועלכעס איז אליין געגוג אָנצואווייזען אויף אן אמת גרויסען דיינקער, ווייל זעהר וועניגע דיינקער אין פערלויף פון די יאהרהונדערטע האבען גע־האט שכל גענוג צו צווייפלען אין דעם. אָט ווי ער האט אויסגע־דריקט זיין צווייפעל:

„...דאך ווייס, דאס איך געפין אַ צווייפעל, און זאג איך איהם ניט פריי, דאן פּלאַץ איך. אמאהל איז ער איינפאך געוועזן, אבער נאכדעם, וואס דו האסט געזאגט, *) פיהל איך איהם דאָפּעלט אין מיר, ווען איך פערבינד עס מיט דעם, וואס כ'האב שוין געהערט.

---

*) דער לעזער דארף געדענקען, אז דער געשפּרעך קומט פאָר אויף „יענער וועלט", און מארקאָ האט איהם געזאגט, אז „דאָרט", ד. ה. אויף אונזער ערד, ציעלט קיין מענש צו טהון גוטס.

עס איז אמת, די וועלט, אזוי ווי דו האסט מיר געקלאגט, איז פוסט פאר יעדער טוגענד, יעדער עהרע, און גאנץ מיט שלעכטקייט איז זי שוואנגער און געפלאגט; דאך, דאס איך זאל די אורזאך ערקענען, וויז זי מיר יעצט אָן, דאן וועל איך זי אויך אנדערע לערנען. איינער זוכט זי דאָרט, אַן אנדערער אין דער הימעלס ספערע.״״

און אָט ווי אזוי מארקאָ האט אָנגעפאנגען זיין ענפער, נאכדעם ווי ער האט אַ בענקענדען זיפץ געגעבען:

„וויים, די וועלט איז בלינד, און דו, פריינד, קומסט פון איהר. איהר, וועלכע לעבט, רעדט אימער נאר: דער הימעל אליין מוז אין אלעס שולדיג זיין, גלייך ווי ער וואלט אלעס צו זיך מיט געוואלט גע־ריסען... —״

און דאָ האט איהם מארקאָ ענטוויקעלט די אלטע טהעאָריע פון דער פרייהייט פון דעם ווילען, וועלכע קען אין אייניגע ווערטער אי־בערגעגעבען ווערען אונגעפעהר אזוי: דער מענש, ווען ער וויל, קען ער טהון גוטס אנשטאט שלעכטס; עס איז אין איהם אליין דאָ דער כוח צו דערקענען גוטס אדער שלעכטס. דערביי שילדערט ער די פערדאָרבענהייט פון דער קירכע מיט איהרע גלחים, ווייל זי שטרעבט, אנשטאט גוטס צו טהון, צו וועלטליכע הערשאפט נאר.

און אזוי האט דאַנטע געוויעזען אין „פורגאַטאָריום״ אלערליי גע־דאנקען און אידעאלען, וועלכע זיינען בעקאנט געווען צו יענער צייט. אבער דעם גרעסטען פלאטץ פערנעהמט דאָרט, אמת, דער קריסט־ליכער אידעאל. פון דעם שליסט מען, דאס דאַנטע איז געווען אַ גו־טער קריסט; און מען וואלט ווירקליך געקענט אזוי שליסען — נאך די שעהנע געשפרעכען מיט די פערשיעדענע קריסטליכע אידעאליס־טען — ווען ער וואלט צו ענדע ניט ארויסגעוויעזען די געוואלדיג גרוי־

סע סאַטירע: און דאס האט ער געטהון אויף א מערקווירדיגען אופן! אויף דעם סאמע שפּיץ פון דעם רייניגונגס בארג — דאָרט, נאָהענט צו גאָט, האט ער אראַנזשירט א גרויסאַרטיגע קריסטליכע פּראָצע־סיאָן, אין וועלכער א וואָגען, געשפּאַנט פון אלע שעהנע סימבאָלען, למשל: .טוגענד, שעהנהייט, גוטקייט א. ז. וו., איז געווען די הויפּט־זאך. אבער ווער איז געזעסען אין וואָגען? כמעט ווערטערליך: — א שרעקליך צולאָזענע הור!

דארף מען נאך האבען א בעסערן בעוויז אויף דער מערקווירדי־גער סאַטירע, און אז דאַנטע האט אונז דאָ געלאזט א בליק טהון אין דער ווירקליכער וועלט אדער אין דער אייביגער אונענדליכקייט? אז די קירכע, אין וועלכער פיעלע מיליאָנען האבען געגלויבט און גלויבען נאך היינט, און וועלכע איז געווען און איז פאר דיזעלבע דער שעהנס־טער אידעאַל — אז די קירכע איז צופוילט און פערדאָרבען, דאס דארף מען מעהר ניט דערמאָהנען. אבער נעמט היינטיגען טאג די איינפאכע פּאָליטישע פּאַרטייען — לעגען דען ניט פיעלע טויזענדער מענשען — „אידעאַליסטען“ — זייער גאנצע האָפנונג אויף דיזעלבע, זייער גאנצען אידעאַל פון א בעסערער פיהרונג אויף דער וועלט? און ווער איז אן דער שפּיצע פון דיזע פּאַרטייען? און איז עס דען בעסער מיט די זאָגענאַנטע רעוואָלוציאָנערע אידעאַליסטען? אויך זיי לעגען זייער גאנצע האָפנונג פון א בעסערער וועלט אויף עהרליכע פיהרער, און אויך זיי ווערען געפיהרט ביי זייערע נעזער פון צולאָזענע הורען, פּראָסטיטוטען און שרעקליך פערדאָרבענע ברואים!

איך גלויב, דאס איך האב שוין גענוג גערעדט איבער דער „געט־ליכער קאָמעדיע“, אום מיך נאך מעהר צו פערברייטען. איך וועל דערפאר נאר איין־איינציגען בליק טהון אויף דעם „פּאַראַדיז“, אויף

דער וועלט דער פערנונפט. דאָרט ווערען בעשפּראָכען די העכסטע פילאָזאָפישע פּראָבּלעמען. אָט אזא שטעלע, א פילאָזאָפישער גע־שפּרעך איבער דעם תּמצית פון גלויבען, וועט אייך געבען א בעגריף פון דער פערשיעדענאַרטיגקייט פון די דריי איינטהיילונגען. דאַנטע האט זיך געפונען אויף דעם פיקסשטערען הימעל; דאָרט שיינען בלויז די קריסטליכע שטערען — די הייליגע: און דאָרט, הייסט עס, „בע־קענט" ער זיין קריסטליכען גלויבען. אבער אויך ביי דעם זעהט מען ארויס די גרויסע סאַטירע איבער דעם גלויבען אין אַלגעמיין; און גרויסע דומקעפּ מוזען יענע זיין, וועלכע ציהען פון דעם א שלוס, אז דאַנטע איז געווען א גוטער קריסט און גלויבּיגער. לאָמיר פריהער א קוק טהון אויף עטליכע צייליען פון דעם 24סטען געזאנג, וואו דאַנ־טע האט איהם געלאזט אָנפאנגען דורך בעאַטרים מויל אין א רעדע צו די הייליגע, אום איהר זאלט נאכהער זעהן די בעדייטונג פון מיי־נע ווערטער:

„אָה אויסערוועהלטע טיש־גענאָסענשאפט ביים גרויסען מאָהל־צייט פון דעם לאַם (שעפּסעל), וועלכער שפּייזט אייך אזוי, דאס איהר האט פול און גענוג! ווען דיזער, דורך גאָט'ס גוטען ווילען, זאל זיך פריהער זיין הונגער שטילען מיט דער שפּייז, וואס פאלט ארונטער פון אייער טיש, איידער דער טויט האפט איהם ארום צו דער לעצטער רייזע, דאן דיינקט, ווי זיין ברוסט פאר ביינקעניש ציהט; נעצט איהם מיט אייער טהויא — עס ערקוויקט אייך די קוועלע, פון וואַנען עס פליסט ארויס אלעס, וואס ער טראכט און דיינקט."

אלס דעם אנפאנג פון דיזען העכסט וויכטיגען געזאנג זיינען גע־נוג דיזע עטליכע צייליען, אום אָנצודייטען אויף דער גרויסער סאַטירע, וועלכע נאָרט אזוי שטאַרק די זאָגענאַנטע קריסטליכע געלעהרטע.—

און דאס איז דערפאר: דער „לאם" איז בעוואוסט, אלס דער סימ־באל פון קריסטוס, ווייל דיזער, נאך דער בעקאנטער לעגענדע, איז געווען א קרבן פאר דער גאנצער מענשהייט. און טאקי דערפאר, ווייל דאנטע האט גערעדט אזוי שעהן קריסטליך, ווייזט זיך ערשט ארויס די גרויסע וואהרהייט נאכהער, ביים איבערלעזען דעם גאנצען געזאנג, אזוי ווי דורך א דורכזיכטיגען שלייער. און פונקט ווי א שעהנע, רייצענדע און ליעבליכע מיידעל ערשיינט פאר אונז נאך שע־נער, נאך רייצענדער, ווען איהר שעהנער פנים'ל איז פארדעקט מיט א דורכזיכטיגען שלייער — אזוי זעהט מען דא ארויס דעם גרויסען אמת, די גרויסע סאטירע אונטער דיזער פערשלייערטער פארם. און די פערשלייערטע פארם איז פאלגענדעס:

אמת, קריסטוס ווערט טאקי בעטראכט פאר דעם קרבן פון דער מענשהייט, אבער קריסטוס און קריסטוסעס לעהרע איז איינס און דאסזעלבע! און ווען דאנטע האט געגעבען אנצוהערעניש, דאס דער לאם שפייזט די „אויסערוועהלטע" איבער גענוג, דאן האט ער געמיינט, ווי די אלע קריסטליכע הייליגע — די געלעהרטע ציהען זייער גייסטיגע שפייז פון איין־איינציגער קוועלע — פון דעם עוואנגע־ליום, פון דער ביבעל! און דא עפענט זיך דער בליק אויף דער איי־ביגער אונענדליכקייט: פאר מיין גייסטיגען אויג זעה איך דורך די יאהרהונדערטע די פערשיעדענע מחנות געלעהרטע — רבנים, גל־חים, פראפעסארען און פרעדיגער, אליין זייענדיג גייסטיג שטומפף, ציהען זיי זייער גייסטיגע שפייז פון דער ביבעל; און אזוי געהט עס ביז היינטיגען טאג — מען שעפט פאר יעדער אונבעדייטענדער קליי־ניגקייט „קולטור" ווי פון א קוואל.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. — וויכטיג איז, דאס אויף דער

שעהנער, מליצה'דיגער אַנשפּראַכע בעאַטריסעס, איז ארויסגעטראָ־טען דער הייליגער פּעטער און גענומען דאַנטע'ן אויף אַ פערהער, און עס איז ענטשטאַנען אַ געשפּרעך איבער דעם גלויבען; און דאָ זעהט מען ערשט ארויס, וואס דער גלויבען איז ביים לעצטען געוועזן. אויף פּעטער'ס פראגע, וואס דער גלויבען איז, האט דאַנטע פאָלגענדעס געענטפערט:

„„...גלויבען איז סובסטאַנץ פון דעם, וואס מיר האָפען מיט פערגניגען, איז דער בעוויז פון דעם, וואס מיר זעהען ניט...""

אַלזאָ, וואס איז ביי איהם דער גלויבען געוועזן? די סובסטאַנץ פון האָפנונג, דער בעוויז פון דעם, וואס מען זעהט ניט! — אַלזאָ גאָרנישט, ניכטיג! ווי אזוי די אלע „געלעהרטע" האבען געצויגען און ציהען אַ שלום, אז דאַנטע איז געוועזן אַ גוטער קריסט און גלויביגער, קען איך ניט פערשטעהן. דער אמת איז, ווי געצייגט, אז אין זיין ווערק האט אונז דאַנטע געלאזט זעהן די ווירקליכקייט פון זיין צייט אין אזא וואונדערבאַרער פאָרם, און דורך דעם קענען מיר אַ בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט.

***　***　***

מיט בעדויערן מוז איך יעצט די „געטליכע קאָמעדיע" פערלאָזען, אַבוואָהל עס איז דאָ אַ וועלט מיט געדאנקען דאָרט, און איבערגעהן צו אַ צווייטען קונסט־ווערק, צו

דאָן קיכאָט.

איהר האט וואהרשיינליך אלע — אייניגע פון אייך האבען זי־כער — געהערט דעם נאָמען פון דעם „ריטער פון דער טרויעריגער

געשטאלט", דעם באריהמטען דאָן קיכאָט. דער פּערפאסער — זיין נאמען האט געהייסען סערוואַנטעס — האט דיזעס ווערק געשריע־בען אין געפענגניס.

בעפאָר אבער איך וועל ריידען פון דיזען קונסט־ווערק, וויל איך אייך נאָכאַמאָהל באמערקען, אז איהר זאלט זיך ניט וואונדערן, וואַ־רום, ווען איך רייד פון קונסט איבערהויפּט, דערמאהן איך בלויז די קונסט פון דער ליטעראַטור. דאס איז, ערשטענס, דערפאר, ווייל ניט אלע פון אייך האבען געגוג צייט און די מעגליכקייט צו בעזוכען די גרויסע קונסט־מוזעאומס, וואו מען קען גוט בעאָבּאַכטען די קונסט מאַהלערייען און סקולפּטור־בילדער; אויך האבען מיר ניט די מעג־ליכקייט צו הערען גוטע מוזיק, ווייל מיר זיינען אלע גרויסע קבצנים: און דערפאר איז עס אַ גרויסער אונזין צו ריידען פון דיזע קינסטע, ניט האבענדיג זיי פאר די אויגען און אויערן.

צווייטענס — און דאס איז די הויפּטזאַך — איז די אמת'ע קונסט פון דער ליטעראַטור, דורך די קלאָהרע ווערטער פון די גרויסע, אונ־שטערבּליכע קינסטלער, אימשטאנד פיעל מעהר צו ווירקען אויף דעם אינטעליגענטען מענשען, ווי די אנדערע קינסטע. און אויב איהר קענט נאר אויספיהרען צו לעזען אירגענד וועלכע ניט־אידישע שפּראַך אדער צו זעהן, אז גוטע קונסט־ווערקע זאלען איבערזעצט ווערען, דאן וועט איהר זיך אליין איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון מיינע ווער־טער, נעמליך: דאס די אמת'ע קונסט האט די צויבערפאָלע מאכט אונז ארויסצורייסען פון די טעגליכע לעבענס קעמפּפע און אונז אַ וויז טהון, אז מיר זיינען ניט מעהר ווי אַ טהייל פון דער געהיימניספאָלער נאַטור, און אלע אונזערע טהאַטען ווערען בעשטימט דורך געהיימ־ניספאָלע קרעפטע, וועלכע מיר קענען דערוויל ניט, און מיר וועלען זיי

אפשר אייביג ניט קענען. עס מאכט איבערהויפּט קיין אונטערשיעד, אין וועלכער פאָרם די קונסט ערשיינט.

אַלזאָ, צוריק צום ענין. פארוואס עפּעס ליגט דער נאמען „דאָן קיכאָט" ביי יעדען אינטעליגענטען מענשען אין מויל? פארוואס עפּעס זאגט מען אויף יעדען טרוימער, ווען ער האפּט זיך אויפצוטהון גרויסע זאכען און קען זיי ניט אויספיהרען, אז ער איז א „דאָן קיכאָט"? אָט דאָ זעהט מען ערשט ארויס די מאַכט פון א גרויסען קינסטלער, וועלכער זעהט די וועלט מיט קלאָהרע אויגען! — און זעהען זעהט ער זי, ניט נאר פאר זיין צייט, נאר פאר א גאנצע אייביגקייט! — דאָן קיכאָט איז א סאטירע אויף אלערליי טרוימערייען, ד. ה. אויף די גרויסע טעות'ן, וועלכע די טרוימער פון די פערשיעדענע צייטען האלטען אין איין מאכען.

האט סערוואַנטעס טאקי געמיינט צו שאפען אזא ווערק, וועלכעס זאל צייגען די טעות'ן פון די טרוימער? עס שיינט אז ניט! מען מעג גיכער אָננעהמען, אז ער האט געוואלט געבען א טויט־קלאַפּ די אלע ריטער־ביכער פון זיין צייט; פון דער פאָררעדע, פון די פערשיעדענע געשפּרעכען איןביידע בענדער, פון דעם שלוס פון'ם צווייטען באנד (אין וועלכען עס איז בעהויפּטעט, אז דער טויט־קלאַפּ איז שוין געגעבען), קען מען זעהן, אז ער האט ערנסט געמיינט צו קענען פערניכטען דאס שלעכטע פון זיין צייט. איז זיין וואונש ערפילט געוואָרען? עס איז צו צווייפלען אין דעם... דען מיר זעהען היינטיגען טאג דעם שונד ראָמאן, די שונד דראַמאַ און דאס „כּאַראַקטער" קונסט־ווערק, אָבוואָהל אין אַן אַנדערער פאָרם און ניט אלס ריטער, אין זייער פולסטער בליהונג. אויב אבער ער האט ניט געקענט גענצליך פערניכטען דאס שלעכטע, האט ער אונז דערפאר געגעבען א ווערק,

וועלכעס וועט לעבען אזוי לאנג ווי די וועלט וועט שטעהן.

צום ערשטען איז „דאָן קיכאָט" אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דעם לע־בען פון יענער צייט; דען די שילדערונגען אין די זייטיגע מעשה'לעך שיינען צו זיין זעהר נאהענט צום אמת. די געשיכטע פון'ם שקלאַף קען דאס אם בעסטען בעווייזען; דאָרט ווערט דערמאהנט די הינ־ריכטונג פון די גראַפען עגמאָנט און האָרן: דיזע צוויי נעמען זיינען ענג פערבונדען מיט דעם קאמפף פאר בעפרייאונג פון די נידערלאַנ־דען (די היינטיגע האָלאנד און בעלגיען) פון אונטער דעם שפּאנישען יאָך, וועלכער האט אין דער וועלט געשפּיעלט דיזעלבע ראָלע, ווי די ענגלישע און פראנצויזישע רעוואָלוציאָנען, און די אונאבהייננגיג־קייט'ס ערקלעהרונג פון די פעראייניגטע שטאאטען. „עגמאָנט" פון גוטהע איז דיזעלבע פּערזענליכקייט.

אבער ניט די זייטיגע מעשה'לעך שפּיעלען די הויפּט ראָלע אין דיזען ווערק, נאר טאקי דאָן קיכאָט אליין מיט זיין פערדיל ראָסינאַנ־טע, זיין שילד־טרעגער סאנטשאָ פּאנצאָ און זיין געליעבטע דולטשי־נעא פון טאָבאָסאָ; ווי ער פאהרט ארויס אויף דער ווייטער וועלט — בעוואפענט — צו העלפען אלמנות און יתומים, צו בעשיצען עלענדע און צו באַקעמפּפען אלעס, וואס איז שלעכט און פערדאָרבען. דיזעס ווערק — ווי יעדעס אנדערע גוטע ווערק — ווערט מיספערשטאנען. מען נעמט אָן, דאס סערוואַנטעס האט געמיינט צו שאפען אַ ווערק, וועלכעס זאל צייגען דער וועלט, אז אזעלכע „אידעאַליסטען" ווי דאָן קיכאָט, אָבוואָהל מען בעטראכט זיי פאר משוגע'נע אדער טרוימער, רייסען זיי אבער מיט זיך די גאנצע וועלט. עס איז אבער ניט אזוי. ערנסט מיטגעריסען פון די אידעאַליסטען ווערט כמעט קיינער. מאָמענטאַל ווערען נאר מיטגעריסען אזעלכע פּראַקטישע מענשען ווי

סאנטשא פאנצא, וועלכע זעהען א מאטעריעלען געווינס אין דער נאהענטקייט פון די זאגענאנטע אידעאליסטען. די אלע אנדערע פערזאנען, וועלכע קומען אין בעריהרונג מיט די דאן קיכאטס, טהוען עס אויס אונוויסענהייט אדער קוריאזיטעט, אלס רעטער פון דעם אידעאל אונגליק, אין וועלכען זיי, די דאן קיכאטס, זיינען אריינגע־פאלען, אדער אלס איינפאכע שארלאטאנעס, וועלכע זעהען א נוצען אדער צייט-פערטרייב אין דעם. דיזע מיינונג קען מען דוקא י א ארויסזעהן פון די פיעלע פאסירונגען פון דעם ווערק, אבער ניט יענע.

אבער די הויפט אידעע, ווי זי זעהט זיך ארויס פון דיזען מערק־ווירדיגען ווערק און קומט במעט ארויס געגען דעם וואונש פון דעם פערפאסער, און דורך וועלכער מיר קענען א בליק טהון אין דער איי־בינקייט, ווי איך האב שוין פריהער אין קורצען אנגעדייטעט, איז: — די אונפעהיגקייט פון די פערשיעדענע טרוימער צו זיין קאנסעקווענט אין זייער האנדלען און — דער ציעל פונקט — דאס זיי, דיזע טרוי־מער, ריידען א פרעמדע שפראך, טראגען זיך ארום מיט פרעמדע גע־דאנקען און לעבען א לעבען, וואס איז ניט זייערס — אן אוננאטירליך לעבען, וואס ווערט אויסגעטראכט און פערשפרייט פון איין זייט פון אזעלכע פערזאנען, וועלכע לעבען אליין אין טעות, און פון דער צוויי־טער זייט פון אינטערעסירטע און אונפעראנטווארטליכע פערזאנען. צוויי פאסירונגען ביים ערשטען ארויספאהר דאן קיכאט'ס, צווישען די פיעלע אנדערע, וועלען געבען א שטיקעל בעגריף וועגען דעם. די ערשטע ענטהאלט פאלגענדעס:

א פערמעגליכער פויער האט ניט געוואלט באצאהלען זיין דיענער (א אינגעל); און ווען דער לעצטער האט פערלאנגט זיין געלד, האט איהם נאר זיין בעל-הבית צוגעבונדען צו א בוים און איהם נאך דער־

צו גוט געשלאָגען: און אויף דיזער אונגערעכטיגקייט איז עס אָנגע־קומען דאַן קיכאָט. ווען דיזער האט דערהערט פערדעכטיגע געשריי־ען, האט ער זיך געלאזט רייטען אין יענער ריכטונג, ביז ער איז צוגע־קומען צו דעם פּלאַטץ, פון וואנען די געשרייען זיינען געקומען, און ער איז געוואָהר געווארען די גאנצע געשיכטע. מיט אַ בעפעהלענדען טאָן האט ער געהייסען דעם דיענער באצאָהלען; און דער פּויער, זע־הענדיג דעם מאגערן, ביז אין די ציין בעוואפענטען, מאָדנעם ריטער, האט פערשפּראָכען עס צו טהון! אַ צופריעדענער האט זיך דאַן דאָן קיכאָט אוועקגעלאזט ווייטער אויף דער רייזע זוכען נייע אבענטייערן, אין דעם פעסטען גלויבען, אז ער האט אויפגעטהון אַ געוואלדיג גרויסע זאַך. אבער אזוי שנעל ווי ער האט זיך נאר דערווייטערט, ניט נאר האט דער פּויער ניט בעפרייעט דעם דיענער און איהם ניט באַ־צאהלט דעם חוב, זאנדערן ער האט איהם נאך שטארקער געשלאָ־גען ווי בעפאר, און אויף דעם דיענער׳ס געשרייען האט ניט געהאט ווער עס זאל קומען צו הילף, ווייל דאָן קיכאָט איז שוין געווען ווייט אוועק פון יענעם פּלאַטץ!

זעהען מיר דען ניט אזעלכע האנדלונגען פון דער גאנצער מענש־הייט? פּונקט ווי דאָן קיכאָט האט פעסט געגלויבט, אז דער הארט־הערציגער פּויער וועט זיך אָפּשרעקען פאר אַ בלויזען בעפעהל, אזוי גלויבען נאך היינט פיעלע אידעאַליסטען, אז מיט אַ פּראָטעסט, מיט אַ רעזאָלוציאָן אדער זאָגאר מיט אַ געזעץ האבען זיי ווער ווייסט וואס פאר אַ גרויסע זאַך אויפגעטהון! מיר זעהען נאך ווייטער, ווען מיר בעטראכטען נאר גוט דאס יעצטיגע לעבען און דאס לעבען פון די פריהערדיגע דורות: ווי פיעל מאהל האבען שוין די פעלקער רעבע־לירט געגען זייערע אונטערדריקער און דאַן זיינען זיי זיך רוהיג צוריק

געגאנגגען צו זייער טעגליכער ארבייט, זייענדיג פעסט איינגעגלויבט, אז מעהר וועלען זיך שוין קיין אונטערדריקער געפינען? אבער וואס זעהען מיר? פונקט ווי יענער פויער האט זיך אויסגעלאכט פון דאָן קיכאָט, אזוי לאכען זיך אוים די פריש אויפגעקומענע אונטערדריקער פון אלע צייטען פון די יעניגע, וועלכע זיינען נאריש גענוג צו שענקען זיי זייער צוטרויען!

די צווייטע פאסירונג קען אין קורצען איבערגעגעבען ווערען אזוי:

רייטענדיג אויף זיין פערדיל מיט א טריומפפיהרענדער צופרידענהייט, וואס פאר א גרויסע זאך ער האט אויפגעטהון מיט'ן דיענער, האט דאָן קיכאָט באגעגענט א געזעלשאפט פון סוחרים, וועלכע זיינען געפאהרען אין א צווייטער שטאדט, בעגלייטעט פון זייערע דיענער. און אזוי ווי ער האט זיי אָנגענומען פאר ריטער, האט ער מיט א בעפעהלענדען טאָן זיי אויפגעפאָדערט מודה צו זיין, דאס דולטשינעא איז די שעהנסטע מיידעל, די טייערסטע, די ערהאַבענסטע פון אלע אויף דער ערד. און ווען איינער פון די סוחרים, זעהענדיג דעם מאָדנעם, בעוואפענטען מענשען מיט זיין משוגע'נער אויפפאָדערונג, האט ביי איהם געבעטען ער זאל זאגען ווער דיזע דולטשינעא איז, אדער ער זאל כאָטש צייגען א שטיקעל בילד — א סימן פון איהר שעהנהייט, אום זיי זאלען זיך ניט מודה זיין אויף א פאלשקייט, און דערביי האט ער זיך ערלויבט א קליינעם שפאס, — האט ער זיך אויף איהם דערפאר ארויפגעוואָרפען מיט זיין גאנצער קראפט. אבער — גליקליכער ווייזע פאר דעם סוחר און אונגליקליכער ווייזע פאר דאָן קיכאָט — איז ראָסינאַנטע געפאלען מיט זיין הער און די סוחרים האבען דערווייל צייט געהאט צו מאכען א ויברח.

דיזע שיינבאַר אונוויכטיגע פאסירונג גיט דעם גאנצען ווערק

דעם כאַראַקטער, וועלכער שפּיעלט אזא וויכטיגע קונסט־ראָלע אין דער וועלט. דען מערקט אייך, מיינע פריינדע, דאַן קיכאָט, מיט אלע זיינע אונגעהייער גרויסע משוגעת'ן, רופט ארויס ביי אונז — ביים לע־זער א מערקווירדיגע סימפּאַטהיע — א סימפּאַטהיע, וועלכע מאנכע טייטשען אויס אלס מיטרייסונג צו זיינע משוגעת'ן. איך וויל אבער פרעגען: ווי קומט עס, דאס א משוגע'נער זאל ביי אונז ארויסרופען אזא גרויסע סימפּאַטהיע? — א מענש, וועלכער פערלאַנגט פון אנ־דערע אנצוערקענען א מיידעל פאר די טייערסטע אין דער וועלט, וועלכע ער אליין האט קיינמאָהל אין זיין לעבען געזעהן; איי־נער, וועלכער וויל מיט געוואלט אנדערע צווינגען אנצוערקענען פאר גוט אַן איינגעבילדעט־שעהנע זאך — אזעלכער איז אָהן צווייפעל א משוגע'נער! און אז דאס גאנצע ווערק איז פול מיט עהנליכע משו־געת'ן, וועט קיינער לייקענען; ווי קומט עס, פרעג איך נאכאמאהל, וואס א משוגע'נער רופט ארויס אונזער סימפּאַטהיע? און דאָ זעהט מען ערשט ארויס דעם אמת'ן ציעל פון דעם פערפאסער, ווי ער האט געוואוסט ארויסצורופען די סימפּאַטהיע צו אַן אונגליקליכען, איינגע־בילדעטען טרוימער. און דאס האט ער געטהון אויף א וואונדערבאַ־רען אופן. הערט נאר די ענדע פון דער פּאסירונג:

ווען דאַן קיכאָט איז שוין געלעגען א געפאלענער דורך זיין פערדיל'ס שולד און זיך ניט געקענט מעהר ריהרען פון אָרט, דאַן האט זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען איינער פון די עזעלטרייבער, צוברא־כען זיין לאַנצע און מיט א שטיק פון איהר איהם אזוי צו'הרג'עט, דאס ער האט איהם באלד געלאזט א טויטען.

אָט דאס איז די אורזאך, פאַרוואס מיר סימפּאַטהיזירען מיט דאַן קיכאָט און מיט אלערליי אידעאַליסטען פון אלע צייטען, אבער

ניט מיט זייערע טרוימערייען. דען דער פּערפאסער האט דורך א טיעפען בליק אין דער וועלט אַבגעצויגען די נארישקייט פון דעם אי־דעאַליסט, דעם טרוימער און ארויפגעוואָרפען די שולד פון משוגעת אויף דעם אמת שולדיגען, אויף די פערפאסער פון די ריטער־ביכער, וועלכע האבען דאמאלס פערגיפטעט די מוחות פון פיעלע איידעלע מענשען מיט א געזונטען פערשטאנד: עס איז די סימפּאַטהיע צו אַן אונגליקליך געפאלענעם! דאסזעלבע זעהען מיר אין דעם גאנצען געזעלשאפטליכען לעבען צו אלע צייטען און אין אלע לענדער.

א גראנדיעזען ביישפּיעל קען אונז געבען די פּאַריזער קאָמונע. — דער פערזוך אליין מיט וואפען אין די הענד צו וועלען איינפיהרען א נייע אָרדנונג — אַן אָרדנונג, וועלכע מען קען דערוייל ניט, וועלכע איז בלויז אַן איינגעבילדעט־גוטע אָרדנונג, א פאַרגעשטעלטע זאך — דער פאקט פון צווינגען די וועלט אַנצונעהמען אזא גוטע אָרדנונג, איז דער רעזולטאַט פון שעהנע טרוימערייען. אבער אונגליקליכער ווייזע האט זיך דיזע טרוימעריי ניט איינגעגעבען; וואס־זשע האבען מיר געזעהן? די עזעלטרייבער האבען גענומען בלוטיגע ראַכע פאר'ן שרעק פון זייערע הערען; די דיענער פון די אונטערדריקער, ניט פערשטעהענדיג, אז די טרוימער זיינען פון אנדערע געפיהרט געווארען — פון פעראינטערעסירטע אדער אליין פערפיהרטע — האבען זיי אויס־געלאזט זייער גאנצען צאָרן אויף זיי, און 35 טויזענד אונשולדיגע לע־בענס זיינען פערניכטעט געווארען! און אָט דערפאר פיהלען מיר א סימפּאַטהיע צו די טרוימער און א שרעקליכען האס צו די עזעלטריי־בער, צו די דיענער פון די מעכטיגע.

האבען אבער די פעלקער עפּעס געלערנט פון די טעות'ן פון די פערגאנגענע צייטען? האבען זיי כאָטש עפּעס געלערנט, למשל, פוי

דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן? האבען מיר דען ניט גע־זעהן, ווי די פערשיעדענע פּאָליטיקער האבען געקעמפּפט צווישען זיך, מיינענדיג, אז זיי קעמפּפען פאר עטוואס גרויסעס, פּונקט ווי דאָן קי־כאָט האט געמיינט, אז ער קעמפּפט מיט ריעזען, וועלכע זיינען גאר געווען ווינד־מיהלען; — ווי זיי האבען זיך איינע די אנדערע אויסגילי־אָטינירט, ביז דער מיליטערישער זשעניע נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט האט מיט דער גאנצער „פרייהייט" געשלאגען כפּרות: — האבען די פעל־קער עפּעס געלערנט, פרעג איך, פון די פריהערדיגע צייטען? עס שיינט, אז ניט! דען מיר זיינען היינט, נאָך אלע רעוואָלוציאָנען און קעמפּפע, כמעט אין דעמזעלבען צושטאנד פון דאמאלס, און די אומ־שטענדען פיהרען אונז ווייטער צו ווערען טרוימער — די קרבנות פון פערפיהרטע און שאַרלאַטאַנעס.

נעמט אַ קליינעם ביישפּיעל פון אונזער „פּראָגרעסיווע בעוועגונג". ווי פיעל טויזענדער מענשען — „אידעאַליסטען" — פערפיהרט דורך זייער גוטער נאטור, גלויבען אין דער „עהרליכקייט" פון די „גרויסע" פיהרער? אַך, ווען איך דערמאָהן מיך אָן דעם וואָרט „עהרליכקייט", מוז איך אויסרופען: „אָה, עהרליכקייט! ווי פיעל געמיינהייטען ווערען עס בעגאנגען אין דיין נאָמען!" אין נאמען פון עהרליכקייט ווערען יונגע טאַלענטע אונטערדריקט, און אונטערדריקט ווערט אלעס, וואס איז אמת און שעהן; אין איהר נאמען ווערען איינקאסירט די פעטע געהאלטען און אנדערע „פערדיענסטלעך", און די טויזענדע טרוימער קוקען דאס רוהיג צו, און דיינקען, אז זיי טהוען אויף געוואלדיג גרויי־סע זאכען! אָט דאס לערנט אונז אַ גרויסעס ווערק: אַ בליק אין דער אייבינקייט: דארום ליגט דאָן קיכאָט ביי יעדען דיינקער אין מויל.

*** *** ***

איך וועל יעצט איבערגעהן צו אַן אַנדער קונסט־ווערק, וועגען וועלכען מען האָט ביז יעצט אין דער אידישער ליטעראַטור זעהר וועניג גערעדט. דיזעס ווערק איז אַן אַראַבישעס און איז אין מיטעלאַלטער בעקאַנט געוואָרען. אייגענטליך איז עס ניט איין ווערק, נאָר אַ זאַמלונג פון ערצעהלונגען מיט דעם נאָמען:

טויזענד און איין נאַכט.

הונדערטער, און זאָגאָר טויזענדער נאָכקרומונגען זיינען געמאַכט געוואָרען נאָך דעם אין דער גאַנצער וועלט; מען מעג גאַנץ זיכער בעהויפּטען, אַז עס איז די מוטער פון אַלע שונד ראָמאַנען, און דערי פאַר דיינקען מאַנכע, אַז עס איז קיין קונסט־ווערק. איך אַליין האָב אַמאָהל אויך אַזוי גערייינקט; איך האָב פיעלע מאָהל באַגעגענט דעם נאָמען „טויזענד און איין נאַכט", אָבער לעזען דאָס האָב איך אַלין ניט געוואָלט: האָב איך אָבער באַגעגענט אַ סימפּאַטהישען נאָמען אין די שריפטען פון געטהע, בירגער און אַנדערע גרויסע דיכטער, און נאָכפאָרשענדיג די קוועלע פון דעם, האָב איך אויסגעפונען, אַז דיזער נאָמען, שעהערזאַד, איז די העלדין — די דערצעהלערין פון די וואונדערבאַרע געשיכטען, לעגענדען און אַנעקדאָטען פון אַראַבישען לעבען, וועלכע שטעלען צוזאַמען דיזעס גרויסע ווערק.

אָנפאַנגענדיג עס צו לעזען, זעהט מען ערשט, ווי גרויס דיזעס קונסט־ווערק איז; מען קריגט אייגענטליך דעם בעגריף, פאַרוואָס, ווען מען וויל פערגלייכען עטוואָס שעהנעס, וואונדערבאַרעס אדער פאַנטאַסטישעס צו דער שעהנסטער זאַך אין דער וועלט, פערגלייכט מען עס צו „טויזענד און איין נאַכט". און דאָך, עס איז נישטאָ אַזאַ

וואונדערבארע זאך אויף דער וועלט, אז מען זאל עס קענען פערגלייכען צו דער שעהנקייט און פראכט פון דיזען ווערק: עס איבערשטייגט כמעט יעדע מענשליכע פאנטאזיע! מעטערלינק'ס „בלויער פויגעל" איז אן אונבעדייטענדע מאדיפיקאציאן פון איינעם פון דיזע געשיכטען. און אט טאקי דא, אין די אונמעגליכקייטען פון די פאנטאסטישע פאסירונגען שטעקט אייגענטליך דער צויבער, די שעהנקייט, די אידעע, וועלכע דריקט אויס די קונסט: עס בעווייזט, נעמליך, אז דער קלייניגקער מענשעלע שטרעבט צו עטוואס שוין צו גרויסארטיגעס און צו שעהנעס, צו ערהאבענעס, צו אלעס, איבערהויפט, וואס ער קען ניט דערגרייכען: ער טרוימט פון אונמעגליכעס.

שעהערזאד, די העלדין, די דערצעהלערין פון דיזע מעשה'לעך, איז געוועזן די יונגע שקלאווין פון אן אזיאטישען דעספאט. דיזער דעספאט האט בעשלאסען אראפצוהאקען דעם קאפף פון יעדער יונגע מיידעל, מיט וועלכער ער וועט לעבען בלויז איין נאכט; אזא בעשלוס האט ער געפאסט, ווייל זיינע א שקלאווין האט איהם אמאהל אפגענארט הינטער זיין רוקען: אבער שעהערזאד האט איהם אנגעפאנגען צו דערצעהלען א געשיכטע און צו ענדע פון דער נאכט איז זי געבליעבען שטעהן, און געבעטען, אויב ער וועט איהר שענקען דאס לעבען, וועט זי ענדיגען דעם צווייטען אוונד. אויף דיזען אופן האט זי איהם אויפגעהאלטען טויזענד מיט איין נאכט; און האבענדיג פון איהם אין דיזער צייט דריי קינדער, האט ער איהר שוין אין גאנצען געשענקט דאס לעבען.

דאס איז אבער נאר די פארם, אין וועלכער דיזעס קונסט-ווערק איז אויסגעגאסען. אין דער ווירקליכקייט ווערט פאר אונז ענטפלעקט אן אונבעקאנטע, לאנג-פערגאנגענע וועלט — די אראבישע וועלט

מיט איהר לעבען, פּאָעזיע און קולטור, איהרע טרוימערייען, לעגענ־דען און פאַנטאַזיען — עטוואס, וואס איז אַן און פיר זיך אינטערע־סאַנט, ווייל דיזע ערצעהלונגען זיינען העכסט רעאַליסטיש. דער אונטערשיעד איז נאַר, וואס די פּאַסירונגען קומען מאַנכעס מאָהל פּאָר אין אַזעלכע פאַנטאַסטישע ערטער, וואו עס ווערט ספּעציעל דעם לעזער אָנגעוויעזען, אַז עס איז אונמעגליך צו בעגרייפען, און וואס אין מאַנכע ערצעהלונגען ריידען און האַנדלען שלאַנגען, טייוואַלים און אַנדערע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען. נאַר, ווי געזאָגט, אָט דאָ ליגט עס דער אמת, די רעאַליטעט און די זאָנדערבאַרקייט פון דער קונסט, ווייל מען זעהט דאָ קלאָהר ארויס די מענשליכע פאַנטאַזיע אין איהר גאַנצער פּראַכט; ווי אַזוי זי קען אונז פאַרפיהרען צו דיינ־קען און צו טרוימען פון אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינען אוננאַטירליך צו קענען זיין אין דער ווירקליכקייט. עס איז גענוג צו ברייננען דעם תּמצית פון איין מעשה׳לע, אום צו זעהן, דאַס טראַכטן דעם וואס דאַס איז אוננאַטירליך, איז עס אַבער פאָרט אַ שטיק לעבען, און קיי־נער פון אונז איז פריי פון אַזעלכע „נאַרישע" געדאַנקען. יעדער וועט איבערהויפּט געפינען עפּעס אין זיין לעבען, מיט וואס עס צו פערגליי־כען צו איינעם אדער עטליכע פון דיזע שעהנע מעשה׳לעך. און, וואס איך וויל ארויסברייננען, איז: אַז אויך דאָ ווייזט זיך דייטליך ארויס, דאַס די קונסט איז אַן אָנווייז אויף דעם מענשען׳ס האַנדלונגען אַלס אַ טהייל פון דער אונענדליכער נאַטור! ווייל דער אמת איז, אַז אַלע אונזערע האַנדלונגען און געדאַנקען ווערען בעשטימט פון געהיימניס־פאָלע קרעפטע: מיר קענען זיך ניט ערקלעהרען, פאַרוואס צו אונז קומען אַזעלכע משונה׳דיג שעהנע אדער מיאוסע געדאַנקען. אָט וועט איהר הערען דעם תּמצית פון איין מעשה׳לע:

דריי סוחרים זיינען געקומען צופאהרען צו א סולטאַן און געבע־טען צו פערקויפען איהם זייער סחורה. יעדער פון זיי האט אויסגע־רעכענט די מעלות און דעם ווערטה פון זיין סחורה. איינער פון זיי האט מיט זיך מיטגעבראכט א וואונדערבאַר אַרטיקעל, א פערדיל, דוקא א הילצערנס מיט העלפאַנט־ביין בעשלאגען, און ער האט אָנ־געפאנגען אויסצורעכענען די מעלות פון דעם. פלוצים האט דיזען פערדיל דערזעהן דעם סולטאַן'ס זוהן, א יונגערמאַנטשיק, און ער האט עס אָנגעפאנגען צו בעטראַכטען פון אלע זייטען; און, ווי יעדער יונגער נייגיעריגער מענש, האט ער געזוכט צו טרעפען, אליין צו ענ־דעקען די מעלות פון דיזען פערדיל און ער האט זיך אויף דעם ארויפ־געחאפט רייטענדיג. זוכענדיג און טאַפּענדיג פון אלע זייטען, האט ער פלוצים אָנגעטאפט עפּעס א ספּרונזשינקע, און א דרעה טהוענ־דיג זי, און, אזוי ווי דיזער פערדיל איז געשטאַנען פאַר'ן פּאַלאַץ אין דרויסען, האט עס אָנגעפאנגען מאכען בעוועגונגען, מיט איהם זיך אויפגעהויבען אין דער לופט און אוועקגעפלויגען. ער האט זיך גוט דערשראָקען פון דיזער פּאַסירונג; נאר זוכענדיג אזוי לאַנג, האט ער אויסגעפונען דעם סוד ווי אזוי מען קען עס קירעווען, און ער האט זיך אַרונטערגעלאָזט. דאָ אבער איז ער שוין אָנגעקומען אין א פרעמד לאַנד, און געלאַנדעט אויף'ן דאַך פון דעם פּאַלאַץ, וואס האט בע־לאַנגט צום סולטאַן'ס טאָכטער — א יונגע, שעהנע פּרינצעסין.

וועלען מיר לאָזען אָן א זייט די ליעבעס געשיכטע פון דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכה, ווי איהר וועט זיך געווים אליין אָנשטויסען, און מיר וועלען זעהן, וואס פאַר א „קונצען" ער האט געמאכט מיט דעם פערדיל. דער סולטאַן, ניט קענענדיג איהם, האט ניט געוואלט איינשטימען צו זיין טאָכטער'ס וואונש מיט איהם צו הייראַטען. ער

אבער האט דערצעהלט, אז ער האט א מעכטיגען פאטער און, זיך פיהלענדיג מיט דיזען וואונדערבארען פערדיל אלס בעזיצער, האט ער דעם סולטאן פארגעשלאגען צו שטעלען זיין גאנצע ארמיי געגען איהם צום עפענטליכען קאמפף, אום דערמיט צו וויזען, אז ער איז דער גרעסטער העלד פון זיין צייט. פערוואונדערט איבער דעם פרינץ'ס רייד און נאך א לענגערער איבערלעגונג, האט דער סולטאן איינגעווילינט צו שטעלען זיין גאנצע ארמיי געגען איינעם; דערביי האט ער איהם אנגעבאטען איינעם פון זיינע בעסטע פערד. דער פרינץ האט אבער געענטפערט, אז ער האט אליין א פערדיל. וואו איז עס? אויף'ן דאך פון דער פרינצעסינ'ס שלאס! עטליכע דיענער האבען געבראכט צוטראגען דאס הילצערנע פערדיל און אלע האבען זיך פערוואונדערט. אבער דער פרינץ איז זיך רוהיג ארויף אויף זיין פערדיל. און ווען אלע האבען אונגעדולדיג געווארט צו זעהן דעם סוף פון דיזען אונגלייכען קאמפף, האט זיך דער פרינץ פון זיי אויס־געלאכט און אהיים געפלויגען...

דאס איז דער תמצית, און עס שיינט צו זיין פון קליינער בעדיי־טונג. קוקען מיר זיך אבער אריין אין אונזערע הערצער און מיר דער־מאהנען זיך, אז מאנכע צווישען אונז זיינען נאך אזוי יונג ווי יענער גע־שילדערטער פרינץ, און אפילו די שוין עלטערע, וועמעס געדאנק עס בלייבט אייביג יונג, דאן וועלען מיר געפינען אין אונזער לעבען איינעם אדער מעהרערע אזעלכע פאנטאסטישע ווינשע, וועלכע מען קען פער־גלייכען מיט דער ערצעהלונג פון דיזען פרינץ מיט זיין וואונדערבארען פערדיל. מען דארף נאר א טראכט טהון וועגען דעם מענשענ'ס וואונש צו פליהען אונגעשטערט אין דער לופט, דורכצושווימען דעם גאנצען גרונד פון ים; אדער — צו פערגלייכען דעם מענשענ'ס וואונש

מיט אנאנדער פאָרם פון דיזע ערצעהלונגען — צו וועלען ווערען דער רייכסטער, דער מעכטיגסטער מענש אין דער וועלט, אדער צו וועלען אויפטהון עפּעס א געוואלדיג גרויסע זאך — דאן פיהלט מען ערשט דעם אמת פון דיזען ווערק.

איך קען מיך דערמאָהנען ווען איך בין נאך א גאנץ יונגער איני־געל געוועזן. איך בין א רומענישער, פון א שטאָדט באָטושאַן. אָט דאן האט מען געשטעלט א מאָנומענט א רומענישען געניאַלען דיכ־טער מיט דעם נאמען עמינעסקו. — דיזער דיכטער איז ביי זיין לעבען בעטראכט געווארען פאר א משוגע'נעם, און דער מאָנומענט (וועלכער שטעהט וואהרשיינליך נאך פאר א שוהל מיט דעם נאמען „מארקיאן") איז געשטעלט געווארען פון סטודענטען. איך וויל איי בערהויפּט ניט ריירען יעצט, דאס אין אלע צייטען און אין אלע לענ־דער ווערען דוקא די בעסטע דיכטער, שריפטשטעלער און פילאָזאָפען פעראכטעט און בעטראכט פאר משוגע'נע ביי זייער לעבען, און ערשט נאך'ן טויט שטעלט מען זיי מאָנומענטען; איך וויל נאר זאגען, דאס פונקט דאמאלס, ווען דיזע סטודענטען זיינען געווען אין א זאַגענאַנ־טער ערהאַבענער שטימונג צו זייער דיכטער, אָט דאן האבען זיי גע־פונען די „פאסענדסטע" צייט צו מאכען א פּאָגראָם אויף די אָרימע, עלענדע אידען פון באָטושאַן! איז דאס ניט א טייפעלשע איראָניע פון דער נאטור, וואס פאר א גרויסע דומקעפּף עס זיינען די פעראכ־טער, די שפּעטער פון א דיכטער ביי זיין לעבען און די „אנערקענער", די פערעהרער נאך זיין טויט?...

די'זע פעסימיסטישע געדאנקען האב איך היינט; איך רייד אבער פון דאמאלס, ווען איך האב פיעל ווייניגער געוואוסט. איך געדענק, אין א יום־כפּור ביינאכט איז עס געווען; אויפגעוועקט פון שלאָף

דורך מוזיק און הורא געשרייען, בין איך מיט באָרוויסע פיס נאכגע־לאָפען צוזאמען מיט אנדערע אינגלעך נאך דעם מארש: און איך האב געזעהן, ווי דיזע בעסטיעס — די סטודענטען, וועלכע האבען מארשירט צו דער באהן־סטאציאָן אָבצורייזען, האבען מיט זייערע גראָבע שפּאַציער־שטעקענעס צובראָכען פענסטער און טהירען, און דערביי געליארמט מיט ווילדע, שימפּפענדע קולות! ווייסט איהר, וואס איך האב מיר דאמאלס געטראכט? אָט פונקט ווי יענער פּרינץ מיט'ן פערדיל, נאר אין אנאנדערער פאָרם (ווייל איך בין אפשר קיין בן־מלך געוועזן, נאר א בן־קבצן)! איך האב מיך ערנסט געבעטען ביי גאָט ער זאל מיר באשערען א פּאָר גוטע שטיוועלעך מיט גרויסע, אייזערנע פּאָדקאָוועס אויף די קנאפּעל, און ער זאל מיר געבען כח א שפּרינג צו טהון אין דער לופט, און יענע גרויסע מאססע בעסטיעס מיט זייערע הויכע צילינדער־היטע זאל איך מיט מיינע פּאָדקאָוועס צושלאָגען די קעפּ...

איז דאס ניט געוועזן א נארישע, א אינגעל'שע טרוימעריי? יא! איך דערקען עס אוך וויים עס גוט! איך בין זיך אבער מודה, אז נאך היינט קומען צו מיר פון צייט צו צייט אזעלכע נארישע טרוימערייען! וואלט איך נאר געהאט די מעגליכקייט, וואלט איך אויף וואס פאר עס איז אופן פערניכטעט אלע יענע דעספּאָטען, אונטערדריקער און שאַרלאַטאַנעס פון אלערליי שאַטירונגען, וועלכע דערשטיקען יעדע זאך, וואס פּאסט ניט צו זייערע בעסטיאַלישע נייגונגען. איז עס ניט א נארישע טרוימעריי? עס איז! עס טרוימט זיך אבער ניט ווילענדיג, פון זיך אליין.

קוקט אייך נאר אריין אין אייערע הערצער און זייט זיך אליין אויך מודה אין אזעלכע אדער עהנליכע „נארישע" טרוימערייען, און איהר

וועט ערשט פיהלען די בעדייטונג פון אַ מערקווירדיגען קונסט־ווערק, וועלכעס מאַהלט זיי — אונזערע טרוימערייען — פאר אונז אליין אלס „ווירקליכע" פאסירונגען. דיזער סאָרט וואַכענדע טרוימען איז אַן אייביגע קוועלע פון פּאָעזיע און ערהאַבענע געדאַנקען; איהר געפינט זיי ביי אַלע פעלקער אונטער פערשיעדענע פאָרמען. אלס בעווייז צו דיזער בעהויפּטונג דאַרף מען נאר בריינגען אין ערינערונג די לעגענ־דע, וועגען וועלכער עס ווערט דערצעהלט אין תּלמוד, נעמליך, ווי אַ געוויסער העלד האט מיט איין שפּרונג געקענט אויס'הרג'ענען 1000 סאָלדאַטען, נאר גאָט האט איהם באַשטראָפט, ווייל ער האט זיך מיט עפּעס פערזינדיגט.

אַלזאָ, אויך מיט דיזער פאָרם פון קונסט, מיט „טויזענד און איין נאכט", האָב איך געוויעזען, אז זי, די קונסט, איז אימשטאַנד אונז ארויסצורייסען פון דעם געוועהנליכען לעבען, און אונז פיהרען אַ בליק צו טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט, אין דעם אונענדליכען לעבען און טרוימען פון די מענשען.

*** *** **

איך וועל יעצט וואַגען איבערצוגעהן צו אַן אנדערער זאַך — צו אַ זאַך, וועגען וועלכער מען האט געהאַלטען און מען האלט לעקציעס און פאָרטרעגע, מען שרייבט ביכער און אַרטיקלען — צו:

פאַוסט פון געטהע!

ווי קלאַפּט מיר דאס הארץ, ווען מיר קומט אויס צו דערמאָהנען דיזעס קונסט־ווערק — נאָך איינע פון די וואונדערבאַרסטע פּראָדוק־ציאָנען פון זשעניען, וועלכע ווערען אַזוי זעלטען געבוירען! און אויך

דאָ זעהט מען ארויס דעם גדאנק, וועלכען איך האב זאָרגפעלי-
שטודירט און פאר אייך ארויסגעבּראכט היינט אבענד.

אבער, אך! ווי פיעל נאָכקרימענישען האט מען שוין בּיז איצט געמאכט צו דיזען קונסט-ווערק! זיי זיינען ניט צום איבּערצעהלען! אין אידיש אליין זיינען שוין געווען פיעל, אין דער קורצער צייט, זינד דאס אידישע טהעאטער עקזיסטירט. דערמאָהנען וועל איך, למשל, „גאָט, מענש און טייפעל" פון יעקב גאָרדין. עס איז איבּעריג צו זאָגען, אז גאָרדין האט מעהר פערשטאנען „פאוסט" ווי גאָלדפאדען (מיט זיין „לא תחמוד") און די אנדערע שונד פערפאסער; אבער, ליידער, שיינט עס, דאס אויך ער האט דיזעס ווערק מיספערשטאנען. איך וויים ניט צי דערפאר, ווייל ער איז געצוואונגען געווען צו שרייבּען צו פיעל, איז זיין „גאָט, מענש און טייפעל" ארויסגעקומען אזוי ווי עס איז, אדער ער האט אויך געמאכט דעמזעלבּען גרויסען טעות, וואס אלע „מאָדערנע" קינסטלער מאכען: — דער פאקט איז, אז ער האט פּרובּירט צו געבּען וואס ווניגער אידעע (דען אויסער עפּעס אין דעם פּראָלאָג איז כמעט ג א ר נ י ש ט צו זעהן), און ארויסגעשטעלט וואס מעהר די כאראקטערע אליין. און דאס, ווי איהר וועט הערען בּיים שלוס פון דעם פּאָרטראַג, איז טאקי די צרה! דען וואס מעהר דער קינסטלער טהוט זיך אָן א כח די כאראקטערע אליין ארויסצובּרייננגען, אלץ מעהר פערליערט דאס ווערק אלס גאנצעס אין דאס, וואס קען אָנגערופען ווערען אמת'ע קונסט.

דער צוקונפטיגער קריטיקער וועט דארפען אָבּטהיילען דאס נוטע פון אלע גאָרדין'ס ווערקע, און אָנצייגען די אורזאכען פון די פעהלער אין זיי, אום דורך דעם צו פעראייביגען זיין נאמען פאר דער אידישער ליטעראטור. יעצט וועל איך איבּערגעהן צוריק צו „פאוסט".

די אידעע פון „פֿאוסט" איז: צו צייגען פאר'ן צושויער (אדער לעזער) די וועלט, אזוי ווי דער אמת דיינקענדער מענש זעהט זי. און זעהען זעהט ער זי, ווען ער בעטראכט נאר גוט די נאטור, דאס לעבען און דאס שטערבען פון די פערגאנגענע און עקזיסטירענדע דורות, ווי א חלום, ווי א טהעאטער־שפּיעל, וואס מען קען ניט בעגרייפען.

„וועלכען שוישפּיעל!" זיפצט דער אלטער דאקטאר פֿאוסט, — „אבער אך! א שוישפּיעל נאר! וואו זאל איך דיך פֿאסען אונענדליי כע נאטור?..."

און אזוי, אין איינקלאנג מיט דיזער אידעע, האט געטהע אָנגע־וויעזען דעם גאנצען וועלטען־שפּיעל, אָנפאנגענדיג פון דעם פּראָלאָג אין הימעל, ביז דורך די גאנצע ערד מיט אלע איהרע ערדישע סצע־נעס. און דער דייטשער, לעגענדארישער דאקטאר פֿאוסט מיט דעם מיטהאָלאָגישען טייפעל מעפיסטאָפעלעס, זיינען די פֿאסענדע „פּערי זענליכקייטען", דורך וועלכע ער האט אזוי דייטליך אונז געלאזט זעהן זיינע געדאנקען.

אייניגע פון דיזע געדאנקען וועל איך פאר אייך בריינגען איינעם נאך דעם אנדערן. איך מוז אייך אבער מאכען א באמערקונג, דאס דער צויבער, וועלכער שוועבט איבער דעם ווערק — ביי 350 זייטען — אלס גאנצעס, וועט זיך געוויס פערליערען, ווען מען ציהט ארויס איינציגע שטיקלעך געדאנקען. אויב אבער איהר וועט האבען גע־פֿאסט דעם זינן פון דיזען קונסט־ווערק, אז עס ווייזט די וועלט ווי דער אינטעליגענט, דער געבילדעטער מענש זעהט זי, ווי א חלום נעמליך, מיט אלע איהרע ליידען און דומהייטען, — דאן וועט פאר אייך יע־דער קלאָהרער געדאנק ניצליך זיין.

אין פּראָלאָג רעדט מעפיסטאָפעלעס צו גאָט:

„פון זון און וועלטען ווייס איך גאר ניט צו זאגען, איך זעה נאר, ווי זיך די מענשען פּלאגען. דער קליינער גאָט פון דער וועלט (דער מענש), בלייבט אלע מאָהל פון גלייכער נאטור און איז אזוי וואונדערליך פּונקט ווי אין ערשטען טאג. אביסעל בעסער וואלט ער געלעבט, ווען דו וואלסט איהם ניט געגעבען דעם שיין פון דעם הימעלס ליכט; שכל רופט ער עס און געברויכט עס פאר קיין אנדערע זאך, אלס צו זיין נאך מעהר טהיערישער פון דעם טהיער...״

איז עס אפשר ניט אַן אונבעשטרייטבּארער אמת, דאס איצט און אלע מאָהל האט דער מענש געברויכט דעם שכל צו זיין נאך מעהר חיה ווי די חיה אליין? אויב איינער צווייפעלט נאך, זאל ער נאר אַ טראכט טהון וועגען די אונצעהליגע מיליאָנען קרבנות אין פערלויף פון די יאָהרהונדערטע, נעמליך: פון אלערליי רעליגיאָנען, פון די מלחמות, פון דער אונטערדריקונג, פון דער יאָגענעש נאך גרויסע רייכטהימער און פון דער פערבלענדעניש פון אלערליי שווינדלער — ווען ער וועט נאר וועגען דעם אַ טראכט טהון, אָה! דאן וועט ער ערשט בעגרייפען דיזען גרויסען אמת!

אָט קומט אַן אנדערער געדאנק פון פאוסט:

„זאל איך אפשר אין טויזענד ביכער לעזען, דאס איבעראל האבען די מענשען זיך געקוועלט, דאס דאָ און דאָרט איז אַ גליקליכער געוועזן?״

אין דעם קומענדען געדאנק, וועלכען איך וועל פאר אייך ברייגען, וועט איהר ערשט זעהן, ווי נאריש עס איז צו וויצלען זיך איבער די פּעסימיסטען פאר זייער בעטראכטען די וועלט אלס אַ נעסט פון דומהייט, פון שלעכטיגקייט — אלס אַ פערבלענדענדען חלום אייבערהויפּט. דער אמת איז, אז דער פּעסימיסט, אַבוואָהל ער זעהט

מיט זיין קלאָהרען שכל די וועלט ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט, איז ער גאר מקנא דעם ניט קלוגען, ווייל דיזער האט בלויז דעם איין־איינ־ציגען טריעב צו זיין פרעהליך, צו לעבען א גוטען טאג, וועהרענד פאר איהם איז דער קלאָהרער שכל א קוואל פון ליידען. אָט וואס דער אינטעליגענטער דר. פאוסט זאגט צו א געוויסען וואגנער:

„דו ביזט דיר נאר דעם איינעם טריעב (צום גליקליכען לעבען) בעוואוסט; זאלסט קיינמאָהל פון דעם אנדערן געוואָהר ווערען! צוויי נשמות וואוינען, אך! אין מיין ברוסט, און איינע וויל זיך פון דער אנ־דערער טרענען; איינע האלט זיך מיט שטארקער ליעבעס לוסט, אָן דיזער וועלט מיט פעסט צוזאמענגעדריקטע אברים; די צווייטע הויבט זיך געוואַלטזאם אויף פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט צו די געפיה־לען פון די לאנג פערשטאָרבענע הייליגע אבות...״

דאָ קומט פאר אייך ווידער א פּאָר געדאנקען פון מעפיסטאָ־פעלעס. אָט דיזע צוויי טיפען, אָבוואָהל זיי זיינען אזוי ענטגעגענגע־זעצט איינער פון אנדערן ווי הימעל פון ערד, זיינען זיי אבער פאר דעם גאנג פון דעם ווערק אזוי פאסענד, אז עס קען גאר ניט איינפאלען צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון געטהע'ס געדאנקען. און אויך דאָ זעהט מען ארויס די מאכט פון דעם קינסטלער, דאס ער קען ווייזען וואס ער וויל, עס מאכט ניט אויס מיט וועלכע מיטלען ער בענוצט זיך. דורך פאוסט'ן האט געטהע געוויזען די ליידען און דורך מע־פיסטאָפעלעס'ן דעם שפיעל, דעם חלום פון דיזער וועלט. הערט נאר דעם לעצטען:

„ווי פיעל האב איך שוין בעגראבען! און דאָך! אימער צירקו־לירט א נייעס, פרישעס בלוט...״

אָט איז מעפיסטאָפעלעס'ס מיינונג וועגען געזעץ און רעכט;

„עס געהען איבער געזעץ און רעכט ווי אן אייביגע קראנקהייט;
זיי שלעפּען זיך פון דור צו דור, און רוקען זיך לאנגזאם פון אָרט צו אָרט..."

אָט וואס געטהע האט געלאזט הערען וועגען אלערליי פילאָסאָ-
פיען, למשל: — דר. זשיטלאָווסקי׳ס „פילאָזאָפיע", זיינע אנדערע
„נאַציאָנאַלע" שריפטען אדער די פערשיעדענע „ליטעראַרישע" צייט-
שריפטען — אלץ אזעלכע פּראָדוקציאָנען, אין וועלכע, פּונקט ווי אין
יענער צייט אין דייטשלאַנד, מען זעהט היינט פיעלע הונדערטע זיי-
טען אָנגעפילט מיט הוילע ווערטער אָהן אירגענד וועלכען זינן. הערט
נאר מעפיסטאָפעלעס׳ס סאַטירע און אורטהיילט, אויב דאס פּערי-
גלייכען די יעצטיגע אידישע שריפטען איז ניט פּאַסענד:

„שוין גוט! נאר מוז מען זיך דוקא ניט שטארק ערגערן; דען
טאקי וואו בעגריפע פעהלען, דארט שטעלט א וואָרט זיך איין צו דער
רעכטער צייט. מיט ווערטער לאזט זיך טרעפליך שטרייטען, מיט
ווערטער א סיסטעם בערייטען, אין ווערטער לאזט זיך טרעפליך גלוי-
בען, פון א וואָרט לאזט זיך קיין אות רויבען..."

אדער אן אנדערע שטעלע:

„אזוי שוואַטצט מען און מען לערנט אונגעשטערט; ווער וויל זיך
דען מיט דעם נאר אָבגעבען? געוועהנליך גלויבט דער מענש, ווען ער
נאר ווערטער הערט, עס מוז דאך דערביי עפּעס זיך דיינקען לאָזען."

און אזוי לייענט אונזער אידישער „אינטעליגענט" אלערליי אונ-
זיניגע פילאָזאָפעריייען און דיינקט זיך דערביי, ווער ווייסט וואס פאר א
טייערע געדאנקען עס שטעקען אין זיי...

מיר טרעפען גאר דאָ — אין דעם קומענדען אויסצוג — א וואונ-
דערבאַרען געדאנק, פון וועלכען מען קען קיין אנדערע זאך שליסען,

דאס די וועלט האט אין דיזען „פּאַרטגעשריטענעם" יאַהרהונדערט, זייט דיזע ווערטער זיינען געשריעבען געוואָרען, גאר קיין פאָרטשריט געמאַכט! אז געטהע האט פאר אונז געלאזט פערביי געהן די גאַנ־צע וועלט ווי אַ טרוימהאפטע פּאַנאָראַמאַ, דאס ווערט איהר באלד הערען; יעצט גיב איך בלויז איינצעלנע געדאנקען. דאַ האנדעלט זיך וועגען אַ פאַנטאַסטישער סצענע, אין וועלבער עס טרעט אויך אויף אַ פערפאַסער פון שלעכטע ביכער. ווערט איהר זיך דאָך מן־הסתם וואונדערן, צו וועלכען צוועק דארף ער שרייבען דוקא שלעכטע שריפטען אנשטאַט גוטע? טאָ הערט־זשע זיין ארגומענט:

„ווער ווערט יעצט איבערהויפּט אַ שריפט פון אַ מעסיג קלוגען אינהאַלט לעזען! און וואס די יונגע לייטע אַנבעטרעפט, זיינען זיי נאך קיינמאָהל אזוי געפיהרט געוואָרען ביי דער נאז ווי יעצט..."

אַלזאָ, פריינדע, וואו האט איהר נאך געזעהן אזעלכע טרעפליכע געדאנקען, וועלכע זאלען אזוי פאַסען פאר דעם צושטאנד פון דער אידישער פּראָגרעסיווער בעוועגונג ווי דיזער אויסצוג אדער די אנדע־רע פון געטהע'ס קונסט־ווערק „פאוסט"? איהר ווערט זיך אפשר מעהר ניט וואונדערן, פארוואס די „גרויסע" היטען זיך אזוי פאָרזיכ־טיג ניט צו ריידען פון אמת'ע קונסט־ווערקע און פלאַפּלען מיט אזא „ליעבע" בלויז פון „מאָדערנער" קונסט אדער „קונסט פאר קונסט", ווייל פון אמת'ע קונסט־ווערקע קען מען אַ בליק טהון אין די פאסי־רונגען פון דער אייביגער אונענדליכקייט, און דורך דעם אויך אויף די אמת'ע מאָטיווען פון זייערע קליינליכע האנדלונגען.

אבער לאזט אונז איבערלאזען די „גרויסע" צו זייערע געמיינע האנדלונגען און ווייטער אין אונזער פאָרשען נאך אַ בליק טהון אויף'ן ווערק „פאוסט". געגעבען האב איך בלויז איינצעלנע געדאנקען און

באמערקט האב איך, אז געטהע האט דורך דיזען ווערק געלאזט א בליק טהון אויף דיזער וועלט אזוי ווי אויף א שפיעל, א חלום; אבער וועגען דער פארם, די ארט און וויזע ווי אזוי ער האט דאס געטהון, האב איך נאך ניט דערמאהנט. יעצט וועל איך פרובירען זאגען עטליכע קלאהרע ווערטער, דורך וועלכע מען וועט אפשר קענען ארויסזעהן אויך די פארם פון דיזען וואונדערבארען ווערק.

היינע, אין זיינעם א שטודיום צום „דאקטאר פאוסט" איבער דער אריגינאליטעט פון פ א ו ס ט, וואהרשיינליך בעאיינפלוסט פון ניט זעהר זויבערע מאטיווען, האט זעהר דיפלאמאטיש אויפגעוויעזען, אז דיזע לעגענדע איז געווען פארשפרייט אין ביכלעך, געשפיעלט געווארען אין פופען-טהעאטער, און אז געטהע'ס ווערק איז ניט אזוי אי אי... און דאס ער, געטהע, האט שטארק געזינדיגט געגען דעם לעגענדארישען פאוסט. נון אבער, זעהען מיר אויך דא, ווי געטהע האט זעהר טרעפליך באמערקט טאקי אין דעם בעשפראכענעם „פאוסט", האט דער טייפעל געוואלט דאס בייזע און געשאפען דאס גוטע... אמת, געטהע איז ניט אזוי אקוראט נאכגעגאנגען נאך דעם אריגינאל, דערפאר אבער איז דאס ק ו נ ס ט - ו ו ע ר ק „פאוסט" געשריעבען געווארען פון א גרויסען קינסטלער! אין דער לעגענדע איז דא פאלגענדער אינהאלט, פערשפרייט וואהרשיינליך נאך פון מיטעלאלטער פון די גלחים:

א געלערנטער, העכסט פרומער מאן — פ א ו ס ט — ארומזוכענדיג זיך, אז זיין גאנצען לעבען האט ער גארנישט געלעבט, האט אויף דער עלטער, בענקענדיג נאך דעם גענוס פון לעבען, זיך פארקויפט צום טייפעל! עס פערשטעהט זיך, אז פון דעם שטאנדפונקט פון די גלחים אדער פון די גלויבינגע, איז עס די גרעסטע טראגעדיע,

ווען איינער פארקויפט זיך צום טייפעל, ווען ער דאַרף פארפאַלען ווערען אויף אייביג אין גיהינם.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די טראַגעדיע ביי געטהע'ן; זי איז ניט, וואָס פאַוסט דאַרף פארפאַלען ווערען אין גיהינם (דען ער שיקט איהם גאָר צו ענדע אין הימעל, וועלכעס היינע'ן איז ניט געפעלען), נאָר ער שטעלט דורך איהם די פראַגע: וואָס האָסטו געוואונען מיט דעם, וואָס דו האָסט דיך צום טייפעל פארקויפט? „האָב איך כאָטש געפיהלט די לעבענס לוסט — איך האָב געלעבט!" קען איינער ענ־פערן. אָבער, וואָס איז די לעבענס לוסט, דאָס לעבען אַליין? ווי אַזוי בעטראַכטען די מענשען דאָס לעבען? עס פערשטעהט זיך, אַז יעדער מענש האָט זיך אַן אַנדערען בעגריף פון לעבען, נאָך די אומ־שטענדען נאָך! און געטהע האָט פאַר אונז, ווי געזאָגט, פאָרגע־פיהרט דאָס גאַנצע לעבען אין אַ וואונדערבאַרער פאָרם, און פיעלע סצענען, אַזוי ווי דורך אַ פּאַנאָראַמאַ.

ביי איינעם בעשטעהט דאָס שעהנע לעבען אין טרינקען, אין שכור'ן; און געטהע האָט אונז אַריינגעפיהרט אין אַ וויין־קעלער אין לייפּציג, און דאָרט אונז אַן אינטערעסאַנטע שכרות סצענע גע־וויעזען, מיט אַלע איהרע העסליכע פאָלגען, למשל: לוסטיגע פאַר־שוינען, וועלכע פארטרינקען זייערע לעצטע גראָשענס, פלאַפּלערישע געשפּרעכען, אונזיניגע און בערוישענדע ליעדער און, ענדליך, דער סוף פון אַזעלכע סצענעס — געשלעגע.

איינער בעטראַכט די געשלעכטס ליעבע אַלס די הויפּטזאַך, דאָס שעהנסטע אין אונזער לעבען; און געטהע האָט אונז געוויעזען אַ קאָמעדיע — אָדער טראַגעדיע (רופט עס ווי איהר ווילט) פון דער ליעבע. און אַזוי ווי צו ליעבע מוז מען זיין יונג, האָט מעפיסטאָפעל,

וועלכער איז דער בעל הבית פון אלע מכשפות, געפיהרט פאוסט'ן צו איינער פון זיי, וועלכע האט איהם געגעבען עפּעס א געמישעכץ צום טרינקען, און דערביי האט ער, מעפיסטאָפעלעס, איהם פערזיכערט, אז „מיט דיזען געטראנק אין לייב וועט ער זעהן העלענא'ן אין יעדען ווייב", און... און פון אלט איז פאוסט יונג געוואָרען! ער האט איהם דאן בעקאנט געמאכט מיט גרעטכען, א יונגע, שעהנע מיידעל. אך! ווי פיעל אונזין, ווי פיעל פלאפלערייען האט מען שוין אָנגעשריעבען, אום אויסצו'פּשט'לען עפּעס א דומהייט וועגען די „כאראקטערע" פון פאוסט מיט גרעטכען! אבער מען פערשטעהט ניט איינצוזעהן, אז דאס איז בלויז א ליעבעס-סצענע אין דער גאנצער טראגעדיע מיט דעם נאָמען „פאוסט", — ד. ה. א סצענע פון דער לעבענס טראגעדיע.

און אנדערער בעטראכט אלס דאס שעהנסטע פון דעם לעבען די קאריערע פון א קייזערליכען בעאמטען (היינטיגען טאג אין די פרייערע אדער רעפּובליקאנישע לענדער ווארפט מען זיך אין פּאָליטיקס). און געטהע האט אונז געוויעזען א סצענע פון א קייזערליכען פּאלאץ, מיט קייזערליכע מאניערען, מיט שטאאטס זאָרגען און מיט דער גאנצער קייזערליכער אומגעבונג.

און אנדערער, וויעדער, גיט זיך אָב, אלס זיין ספּעציעלע לעבענס אויפגאבע, מיט געשיכטע אדער וויסענשאפט, מיט פּאָעזיע אדער פילאָזאָפיע. — און געטהע האט אונז געוויעזען א סצענע פון פאנטאסטישע ערשיינונגען פון דער ביכער וועלט. און פּונקט ווי דער ים איז „אָהן א גרונד", אזוי שפּיעגעלט זיך אָפּ אין דיזער סצענע די ביכער-וועלט ביז העט ווייט, וויים צוריק אין טיעפען אַלטערטהום! — מערקווירדיג איז, דאס היינטיגע צייטען רעדט מען זעהר פיעל פון

„בעשאפען" לעבען; און ווען מיר לייענען דורך געטהע'ס „פאוסט" און מיר זעהען, צווישען די פיעלע ביכער ערשיינונגען, אז נאך אין מיטעלאלטער האט מען „געשטרעבט" צו בעשאפען לעבען, דאן מוזען מיר זיך פרעגען: איז ניט אויך דיזע, די היינטיגע זאגענאנטע „וויסענשאפטליכע" גערעדעריי וועגען בעשאפען לעבען אונזין און פלאפלעריי? די סאטירישע ערשיינונג האמונקולוס, וועלכע רעדט ארויס פון א גלאז מיט א כעמישער געמישעכץ, איז דער בעסטער בעוויז פאר דיזען צווייפעל. און עהנליך צו דעם ווערען מיר אין דיזער ביכער־סצענע אזוי ווי אין א חלום דורכגעפיהרט דורך דער גאנצער געשיכטליכער, וויסענשאפטליכער, פאעטישער און פילאזאפישער וועלט.

איינער מאכט זיך פאר זיין לעבענס אויפגאבע צו געהן אין דער מלחמה. עס פערשטעהט זיך, אז מיר, ארבייטער, קענען זיך ניט פארשטעלען אזא זאך. ווען מיר וועלען אבער א טראכט טהון, אז אין יעדען לאנד זיינען דא טויזענדער אפיציערען אין מיליטער, וועלכע זיינען גוט באצאהלט, דאן קענען מיר שוין האבען א בעגריף, ווי פיעלע טויזענדער מענשען עס שטרעבען פאר אזא קאריערע אין לעבען. און געטהע האט אונז געוויזען אזא מיליטערישע סצענע — א קריעגסצענע אויף'ן שלאכטפעלד.

און אזוי האט געטהע פאר אונז פארבייגעפיהרט די גאנצע גרויסע וועלט, דאס גאנצע לעבען צוזאמען מיט דעם טויט. און לעגען מיר נאך צו די אונגעהייער פיעלע טרעפליכע געדאנקען אין דיזע סצענען — געדאנקען, פון וועלכע איך האב אייך פריהער אייניגע געבראכט אלס ביישפיעל — דאן ערשט קענען מיר דורך דיזען ווערק א בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט.

די ליריק

איך וועל נאך יעצט בּריינגען עפּעס פון אן אנדערער פאָרם פון קונסט, בּעפאר איך וועל איבּערגעהן צום שלום פון דעם פּאָרטראַג, א פּאָר קליינינגקייטען פון די לירישע געדיכטע. אבּער אויך דאָ וועלען מיר בּאמערקען דעם בּליק אין דער אייביגער אונענדליכקייט. — צו בּעווייזען דיזעס וועל איך צום ערשטען פאר אייך פּאָרלעזען א געדיכטעלע פון היינע, וועלכעס צירקולירט כמעט בּיי יעדען אינטעליגענטען מענש אין מויל. פריהער האבּ איך עפּעס בּאמערקט וועגען די ניט זויבּערע מאָטיווען היינע'ס; ליידער זיינען זיינע האנדלונגען ניט אימער געוועזען זויבּער: אבּער דאס קען פון איהם ניט אוועקנעהמען דעם לויב, וואס איהם קומט אלס לירישער דיכטער. עס ווייזט זיך ארויס, אז איינער קען אינטעלעקטועל זיין זעהר הויך ענטוויקעלט, און דאך זאל ער זיין אין זיינע האנדלונגען א קליינליכער מענשעל!

אָט דאס איז עס — אן איינפאכעס, שיינבּאר אונוויכטיגעס געדיכטעלע, וועלכעס איך האבּ איבּערזעצט אזוי גוט ווי איך האבּ נאר געקענט:

„א אינגעל ליעבּט א מיידעל,
זי האט גאר אן אנדערן ערוועהלט;
דער אנד'רער ליעבּט אן א נ ד ע ר ע
און האט זיך מיט יענער פערקניפּט.

דאס מיידעל הייראט פאר צרות
דעם ערשטען, בּעסטען מאן,
וואס איז איהר געקומען אין וועג;
פאר'ן אינגעל איז ליידען פאראן.

דאס איז אן אַלטע געשיכטע,
דאָך בלייבט זי אימער ניי;
און וועמען זי גראד' פּאסירט,
דעם ברעכט דאס הארץ אין צוויי."

עפענט זיך ניט פאר אייערע אויגען דער בליק אויף דער אייביגער אונענדליכקייט? זעהען מיר דען ניט דורך דיזען געדיכטעלע די איי־ביגע טראגי־קאָמישע רעזולטאַטען פון ליעבע? יא! אין אונזער איינ־בילדונגס־קראַפט, ערוועקט דורך דיזען איינפאכען געדיכטעלע, שטע־לען מיר זיך פאָר די טויזענדער אינגלעך און מיידלעך מיט זייערע צו־בראָכענע הערצער אויס ליעבע, דערפאר, ווייל יענע אדער יענעם, וואס מען ליעבט, ליעבט גאר א צווייטען.

א צווייטעס געדיכט וועל איך פאר אייך פאָרלעזען; דיזעס איז א ריין אידישע פּראָדוקציאָן פון א דיכטער, וועלכען איהר אלע קענט: — עס איז פון אונזער דיכטער, בעקאנט אונטער דעם פּסעודאָנים יהואש. איך וויס, אויך ער, גלייך מיט אלע אנדערע „גרויסע" שרייבער און דיכטער האלט מיך אפשר פאר א משוגע'נעם, פאר א „ליטעראַרישען קרענק"; עס איז אויך מעגליך, אז ער האט פארדעקט זיין פנים פאר שאנדע, ווען ער האט געזעהן זיינס א געדיכטעלע גאר ביים אנפאנג פון מיין ביכעל, וואס האט אזוי געביסען די „גרויסע" אין די נעזער: — עס מאכט אבער ביי מיר ניט אויס. איך וויס נור, אז ער איז איינער פון די דיכטער, וועלכער, ווען די אידישע ליטערא־טור וועט זיך אַמאָהל אויסלייטערען פון דעם געדיכטען טומאַן, פון דעם באַנקראָט צושטאנד, אין וועלכען זי געפינט זיך יעצט, וועט פארנעהמען איינעם פון די שעהנסטע ערטער אין איהר. מיך קי־מערט איבערהויפּט ניט איינעם'ס טעות, ווען נאר ער איז ווערט, אז

מען זאל איהם דערמאָהנען: און דערפאר רעכען איך איהם אריין צווישען די דיכטער־דיינקער פון דער וועלט, דורך וועמעס קונסט מיר קענען א בּליק טהון אין דער אייבּיגער אונענדליכקייט. אָט איז איינס פון זיינע געדיכטע:

די אייבּיגע פראַגע

דעם מענשענ׳ס לעבּען איז א שפּאַגן —
ווי לאַנג וועט מ י י נ ס געדויערן? —
ווער דארף מיך לעבּעדיגערהייד,
ווער זאל מיין טויט בּאַטרויערן? —

און ניט נאר א י ך און ד ו , ווענן ס׳זאָלל
די גאנצע מענשהייט שטארבּען,
דער הימעל וואלט ניט אויף א האָאר,
געבּיטטען זיינע פאַרבּען,

די שטערען וואללטען קאַלטבּלוטיג
געשיינט, דענן זיי פארגעהען
ווי איך און דו, דאָך הערט ניט אויף
דער לעבּענס־ראָד זיך דרעהען...

פארצווייפעלט פרעג איך אָפט : וואו איז
דער ע י ק ר וואס אין מיטטען
פון אייבּיגען פ אַ ר בּ י י ט ע ן ־ ז י ך
אלליין בּלייבּט נ י ט ־ פ אַ ר בּ י ט ט ע ן? —

וואס פ ו ן איהם און צ ו ל י ע ב איהם איז
דאס וועלקען און דאס שפּראָצען,

וואס *רוהענדיג* אלליין אַנטפּלעקט
אין *אומרוה* נאָר זיין רצון ? —

וואו איז זיין צוועק ?... און וועט ער ווענן,
ערפיללען זיין כונה ? —
צי איז דאס גאַנצע יאָגעניסס
פון *איצטער* אַ׳ן הכנה,

פאר דאס וואס *וועט* ערסט זיין, ווען *ער*
זיין ארבּייט וועט פאַרריכטען ?
צי האט ער ניט קיין אַנדער ציעל,
ווי *שאַפּען* צו פערניכטען ? —

איך פרעג, און וויים צו־מאָל ניט וואו
ווער קענן אַ טאָלק דערגרייכען ? —
די גאַנצע וועלט ארום איז בּלויז
אַ גרויססער *פּראַגעצייכען*...

דאס איז דאס געדיכט ; און מיר אלע מוזען איינשטימען, אויבּ מיר ווילען אדער ניט, אז „די גאנצע וועלט ארום איז בּלויז אַ גרויסער פּראַגעצייכען". דיזער פראַגעצייכען עגבּערט אין מוח דעם אינטע־ליגענט ; פאר איהם געהט דיזע פּראַגע ניט אוועק, ווי בּיי דעם איינ־פאַכען אדער אפילו ווי בּיי מאַנכען זאָגענאַנטען ראַדיקאַלען מענש, בּלויז מיט אַ : „וואס איז מיין דאגה ?" — צו איהם קומען די געדאנ־קען אליין, ווי די אונגעבּעטענע געסט, און דער ענפער קומט אויך אליין ! — און דיזער איז : מיר זיינען בּלויז אַן אונבּעדייטענדער פּונקט

אין דעם וועלט-אלל. און די קונסט, ד. ה. דער קינסטלער איז דער אגענט, דער שליח, וועלכער שטעלט אין בעוועגונג אונזער אינטעלעקט, וועלכער וויזט אונז אן דיזען אונבעדייטענדען פונקט.

שלום פון פארטראג!

יעצט, מיינע פריינדע, אויב איהר האט שוין בעגריפען דעם געדאנק, וועלכען איך האב היינט אבענד ביים אנפאנג פון דיזען פארטראג ארויסגעבראכט, נעמליך, דאס די קונסט איז די פראדוקציאן פון דעם קינסטלער, דורך וועלכער מיר קענען א בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט, — איז גוט צו ציהען א וויטערן שלום פון דעם געבראכטען.

אין דער „געטליכער קאמעדיע", אין „דאן קיכאט", אין „טויזענד און איין נאכט" און אין געטהע'ס „פאוסט", וועלכע איך האב אויסגעקליבען אלס ביישפיעל צו בעשטעטיגען מיין געדאנק, קען מען אויף קיין פאל באמערקען אירגענד וועלכע צענטראלע פיגור, אויף וועלכער מען זאל זיך קענען אפשטעלען און זאגען, דאס די פערפאסער האבען בעצוועקט צו ווייזען די „נשמה", דעם „כאראקטער" פון אירגענד וועלכער פערזענליכקייט. און אין דער ליריק קען מען אזעלכעס געוויס ניט ארויסזעהן! און וואלט איך נאר אביסעל מעהר צייט געהאט, וואלט איך געקענט בריינגען נאך א גרויסע צאהל אינטערעסאנטע ביישפיעלען פון אנערקענטע קונסט-ווערקע, אום צו ווייזען, אז אויף קיין פאל שפיעלט דער כאראקטער די הויפט ראלע אין דער אמת'ער קונסט.

אויב די מעשה איז יא אזוי, קען מאנכער נאאיווער אינטעליגענט

סאטיריש פרעגען, איז דאך גאר בעסער פאר דעם קינסטלער אָניצושרייבען אַ געוויסע זאמלונג מיט געדאנקען אנשטאט צו מאטערן זיך פאר אַ קונסט-ווערק? דיזע פראגע איז אונבערעכטיגט! וואלט מען זיי געגומען שרייבען בלויז געדאנקען אָ ה ן אירגענד וועלכער פאָרם, דאן וואלט דאס, וואס מען רופט אין דער ליטעראטור שעהנע קונסט, פארלוירען דעם מעכטיגען איינפלוס אויף דעם אינטעליגענטערן לעזער. אזעלכע געדאנקען האבען זיך זייער ספעציעלען נאָמען: אַ פ אָ ר י ז מ ע ן! קליידעט אבער דער דיינקער זיינע געדאנקען אין אַ שעהנער פאָרם, דאן ווירקען זיי פיעל שטארקער ווי בלויז צווואָרפענע געדאנקען. פון דיזען שטאנדפונקט, אמת, שפיעלט דער „כאראקטער" פון מאנכער אויסגעוועהלטער קונסט-פאָרם אַ געוויסע ראָלע! — יא, ער שפיעלט טאקי אַ ראָלע, אבער אַ ס ע ק ו נ ד ע ר ע! דאס מיינט: דער כאראקטער ווערט ניט געשאפען צוליעב דעם כאראקטער זעלבסט, נאר ער ווערט געשאפען, אום אויף אַ בעסערן, אויף אַ שעהנערן, אויף אַ מעכטיגערן און ווירקענדערן אופן ארויסצוווייזען די געדאנקען.

יעצט, קוים נעהמען מיר אוועק דעם הויפט זייל, דעם „כאראקטער", פון דער מאָדערנער אנשויאונג איבער קונסט, אזוי ווערט דער צווייטער זייל פון דער מאָדערנער אנשויאונג (וועלכער איז אייגענטליך איינס און דאסזעלבע!) — די „קונסט פאר קונסט" בעהויפטונג, פון זיך אליין שוין אויך אוועקפאלען. מאנכע קענען דיינקען, אז דער אונטערשיעד צווישען מיין מיינונג און דאס, וואס איך דיינק, אז מען דארף פארוואָרפען, איז ניט אזוי גרויס; עס איז אבער ניט אזוי. — דער אונטערשיעד צווישען מיין בעהויפטונג און דער אַנדערער איז אַ פונדאמענטאלער. נאך מיין געדאנק קומט אויס, אז יעדעס קונסט-

ווערק מוז פאָרשטעלען מיט זיך אַ געוויסע אָריגינעלע אידעע פון דעם קינסטלער, וועלכע ער זוכט בּעקאַנט צו מאַכען דעם לעזער אדער צו־שויער; וועהרענד די מאָדערנע פלאָפלער איבּער קונסט (אונזערע „גרויסע" פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער בּעוועגונג אַריינגערעכענט) בּעהויפּטען, אַז עס מוז דוקא ניט זיין אַ אידעע אין דער קונסט: זיי בּאַקעמפּפען זאָגאַר יענע מיינונג. „די קונסט", זאָגען זיי, „דאַרף זיין בּלויז פאַר דער קונסט זעלבּסט". איך זאָג אַבּער, אַז אַזאַ זאַך ווי קונסט פאַר קונסט איז אַן אונזין, אַ ווידערשפּרוך אין זיך אַליין! קונסט פאַר קונסט איז דאַסזעלבּע ווי בּרויט פאַר בּרויט, אדער ווי אַ שעהנע מיידעל פאַר אַ שעהנער מיידעל. מיר ווייסען אַבּער גאַנץ גוט, אַז בּרויט איז געשטעלט געוואָרען צום עסען און צום פערדייען, און אַ שעהנע מיידעל איז געשטעלט געוואָרען געליעבּט און אומאַרמט צו ווערען פון אַ אינגעל!... און די קונסט איז פאַר קיין אַנדערע זאַך געשטעלט געוואָרען, ווי נאָר זי זאָל אַפּעלירען צום אינטעלעקט, צום פערשטאַנד! אויבּ די קונסט רעפּרעזענטירט ניט מיט זיך אַן אידעע, קען זי ניט אַפּעלירען צו אונזער אינטעלעקט און, פאָלגליך, קען זי ניט אָנגערופען ווערען קונסט; אַזאַ זאַך איז אַ געוויסע בּע־שרייבּונג אדער געמעהלעכץ, אדער אויסגעהאַקטעס שטיין־בּילד, וועלכעס בּעפריעדיגט (און אָפט אפילו דאָס אויך ניט...) בּלויז די נייגיערדע פאַר אַ מאָמענט. עס איז דער גרעסטער אונזין צו זאָגען, למשל: די פּערזאָנען דאַרפען זיין אַזוי געמאָהלען אדער אַזוי געשילי־דערט, אום צו קענען אַרויסזעהן די כאַראַקטערע אָן און פאַר זיך.

שטעלט אייך פאָר, אַז אַ שרייבּער מאָהלט אַ מיידעל מיט שעה־נע אויגען, מיט אַ שעהנעם נעזעל, מיט שעהנע האָר, מיט חן־גריבּע־לעך, מיט אַ רייצענדער פיגור און מיט די אַלע אַנדערע גוטע זאַכען,

וועלכע די מאָדערנע קונסט־קענער זאגען מען דארף האבען, אבער די אידעע פון דעם קינסטלער זעהט זיך ניט; דאן וועט איהר גאר קיין קונסט האבען. איהר וועט אין אייער פאָרשטעלונג האבען א טויטע — און מענליך שעהנע — פיגור, פונקט ווי יענע, וועלכע איהר זעהט אין די פענסטער פון די דאמען־קליידער געשעפטען; אלעס אין שעהן, יעדעס פינטעלע איז אַקוראַט אויף דער האר: עס איז אבער דאך ניט מעהר ווי א וואקס פיגור. זאלען מיר אבער אין דער פאָרשטעלונג איבערגעהן פון אזא וואקס פיגור און בעטראכטען א בילד מיט אירגענד וועלכער אידעע, וועלכע דער קינסטלער האט אריינגעלעגט, דאן איז גאר ניט נויטיג די פינקטליכקייט: עס לעבט פאר אונז דאס בילד צוזאמען מיט זיין מייסטער, ווייל מיר בעגרייפען גלייך, וואס פאר א געדאנקען דער קינסטלער האט דורך דעם גע־וואלט ארויסברייגגען.

אום איהר זאלט בעסער קענען בעגרייפען מיין געדאנק, וועל איך ברייגגען א זעהר איינפאַכען ביישפּיעל, פון וועלכען איהר וועט אפשר קענען אונטערשיידען די צוויי אַנשויאונגען פון קונסט, און דורך דעם דעם תמצית פון מיין פאָרטראַג.

שטעלט אייך פאָר, אז א סקולפּטאָר האקט אויס פון שטיין א שלאָפענדע שעפּעלע מיט אלע פּינקטליכקייטען, נאך דער „קונסט פאר קונסט" אַנשויאונג, און שטעלט עס פאר דעם צושויער צו בע־טראַכטען. וואס וועט אבער דער צושויער געפינען אין דיזען שעפּע־לע? העכסטענס, אויב ער קען גוט דעם אויסזעהן פון שאָף, וועט ער אויסגעפינען, אויב דער סקולפּטאָר האט עס ריכטיג געמאכט אדער ניט. אויב עס וועט ניט ריכטיג זיין, וועט ער זיך טראַכטען: דער סקולפּטאָר איז א קאַליקע; אויב אבער עס וועט יא ריכטיג זיין, וועט

ער זיך טראכטען: ער איז א מייסטער אין זיין פאך. אבער ווייטער ווי די בעפריעדיגונג פון דיזער אונבעדייטענדער נייגיערינקייט געהט ניט די קונסט פון דיזען שעפּעלע.

לאָמיר אבער א קוק טהון אויף דעמזעלבען געגענשטאַנד, נאר מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואס דער סקולפּטאָר פערבינדעט עס מיט א אידעע. אָט, למשל, ווערט דאסזעלבע שעפּעלע אוועק־געשטעלט אויף דעם פערשאָטענעם קבר'ל פון א קינד, און עס דיענט אלס מצבה; מאכט דאס אויף אונז דעמזעלבען איינדרוק? גאנץ בעשטימט — ניין! פראגען איבער פראגען דרינגען זיך אין אונזער מוח, ביז ער ווערט געשטאָקט: עס פערשווינדעט לאנגזאם דער ער־שטער איינדרוק, וואס דאס שעפּעלע אלס מצבה מאכט אויף אונז, און מיר ווערען א טהייל פון דעם אונענדליכען וועלט־אַלל. לאָמיר נאר זעהן ווי אזוי דיזע ענדערונג קומט אין אונז פאָר:

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז מיר געפינען זיך אויף א בית־עולם; פאר אונזערע אויגען איז אויסגעשטרעקט א פעלד פון מצבות, צווי־שען וועלכע מיר דערבליקען א רייהע מצבה'לעך פון קינדערלעך: עס גיט אונז א ציה ביי דער נשמה! אָט זעהען מיר, צווישען גרינע גראָז און בלומען אויף א בערגעל ערד, שלאָפט זיך א קלייניננקע שעפּעלע— א פּראָדוקט פון אַן אונבעקאנטען קינסטלער, וואס איז זעהר פיעל פערשפּרייט. און אָבוואָהל אונטער דיזען שעפּעלע ליגט בעגראבען פּונקט אזא געליעבטעס קינד ווי יעדעס אנדערע, גיט עס אונז אבער א בעזונדערען ציפּ ביי דער נשמה! די טהרערען פאנגען כמעט פון זיך אליין אָן צו פליעסען; מיר געהען אזוי שנעל ניט אוועק פון דיזען קבר'ל, ווייל עפּיס ציהט אונז צו בלייבען; דער מוח ארבייט פון זיך אליין; דאס שעפּעלע מיט'ן קינד ווערען איינס, און מיר זעהען אין

אונזער איינבילדונגס־קראַפט: פּונקט ווי די ציין פון א ווילדער חיה צערייסען דאס שעפּעלע, אזוי צעררייסט די קאַלטע, גרויזאַמע נאַטור דאס קינד, ניט קוקענדיג אויף דעם הארץ־רייסענדען געוויין און די בלוטיגע טהרערען פון דער מוטער און די אונערטרעגליכע ליידען פון דעם פאַטער! די ערשטע פראגע שטעלט זיך אונז: צו וועלכען צוועק איז דיזעם קינד גאר אין גאנצען בעשאַפען געווארען, אום אזוי יונג ווידער צו שטארבען? און פּלוצים, נאך א רייהע עהנליכע אונבע־אַנטוואָרטבאַרע פראגען, דערבליקען מיר, גרויסע ברואים, זיך אליין פּונקט אזוי שוואך ווי דיזעם שעפּעלע, דיזעם קינד; מיר דערפיהלען זיך אלס א טהייל פון דער גאנצער נאַטור; מיר ווערען פון איהר גע־שטויסען ווי א שפּענדעל פון די גרויסע ים כוואַליעס: און באלד ווע־לען מיר ווערען איינס מיט דעם אונענדליכען ים...

אָט, אין דיזען איינפאכען ביישפּיעל, קען מען זעהן די מאַכט פון אַ קונסט־ווערק מיט אַ אידעע; עס גרייפט אָן דעם פערשטאנד, עס שלעפּט צום דיינקען.

זיינען די מאַיאָריטעט פון אלע, קען איינער פרעגען, — די פיעלע טויזענדער „קונסט פאר קונסט" אדער „כאראַקטער" קונסט־ווערקע קיין קונסט? מוז איך טאקי געבען דעם ענטשיעדענעם ענפער, דאס דיזער סאָרט קונסט איז קיין אמת'ע קונסט, דאס איז קונסט פון א סעקונדערען ווערטה! די אלע טויזענדער (אדער גאר מיליאָנען!...) בילדער און פיגורען מיט קליינינקע פיגורעלעך, געדיכטע, סקיצען, ערצעהלונגען, ראָמאַנען און דראַמען קענען זיך גאַנץ שעהן אויספּפּי־לען די ליידיגע פּלעטצער פון די מוזעאומס און מיליאָנערסקע הייזער, פערציערען די צימערען פון די יונגע ווייבלעך, אויספילען די שפּאַלטען פון די טעגליכע, וועכענטליכע און מאָנאטליכע אויסגאַבען, אָנפילען

די קאַסעס פון די פערלעגער און פון די טהעאַטער אונטערנעהמער, אדער אָנשטאָפּען די פּאָליצעס פון די ביבליאָטהעקען, — אבער ער־שטע קלאַססע קונסט זיינען זיי אויף קיין פאַל! אמת׳ע ווערקע זייד נען דאָ זעהר ווייניג, און דיזע זיינען דוקא מיט אידעען.

די „קונסט פאר קונסט" אנשויאונג איז אַ ריין פיליסטערישע, ד. ה. עפּעס אזא מין בעל-הבית׳ישע, בכבוד׳ע, מיטעלמעסיגע אַנ־שויאונג, וועלכע איז ניט זיס און ניט זויער, וועלכע איז ניט קאַלט און ניט וואַרים, וועלכע שמעקט ניט און שטינקט ניט און וועלכע איז גאַנץ גוט צוגעפּאַסט צום אָרים-גייסטיגען מענשען, וואס האט גע־האט דאס „גליק" געבוירען צו ווערען אונטער בעסערע אומשטענדען און צו שטודירען אין אַן אוניווערזיטעט. פאר אַזעלכע אונדיינקענדע מענשען איז יעדער אמת׳ער געדאנק פון אַ זשעניע אַ שטערונג; עס שטערט זיי: ענטוועדער רוהיג אָנצופילען זייערע געלד-זעק, אדער אָבצושלאָפען זייער געשמאַקען לעבענס שלאָף. און ליידער, ליידער זיינען דיזע די מאַיאָריטעט קויפער פון קונסט און פאר זיי, ווייל זיי האלטען זיך פאר גרויסע קונסט קענער, ווערען עס געשאַפען די פערי־שיעדענע קונסט-ווערקע. און, עס פערשטעהט זיך, אז די גאַנצע אַרמיי „קינסטלער" און שריפטשטעלער זוכט זיך אלע מאָהל צוצו־פּאַסען צום געשמאַק פון דיזע קויפער. און דערפאר באמערקט מען דעם היפּאָקריטישען געוואַלד ביי דער ערשיינונג פון אַן אמת׳ן קונסט-ווערק, וועלכעס פּאַסט ניט פאר די ראַמקעס פון דיזע קליי־ניקע מענשעלעך, וועלכעס איז ניט „קונסט פאר קונסט".

דאס וואלט אבער ניט געווען אזא גרויסער אונגליק... די אַרי־בייטער אליין, נעהמענדיג צו הילף די בעסטע דיינקער פון דער מענש־הייט, וואלטען זיך אליין געקענט שאַפען אַן אייגענע אומגעבונג פאר

אמת'ע קונסט, און מיט יענער וואלטען זיי געלאָזט יענע מענשעלעך אליין זיך שמירען זייערע אייגענע קעפּ. איז אבער דאס טרויעריג־סטע אין דיזער געשיכטע, וואס די ארבייטער זשורנאַליסטען אליין, ווייל אזוי לוינט זיך פאר זייערע קליינליכע אינטערעסען אדער אין זייער אונוויסענהייט, קרימען זיך נאך די בורזשואזע זשורנאַליסטען און שרייען אויך „קונסט פאר קונסט", „קיינע פּראָבלעמען", „קיינע אידעען"!...

אבער די העסליכסטע פאָרם פון דיזען געשריי האט אָנגענומען די אידישע „פּראָגרעסיווע" בעוועגונג אין אַמעריקאַ! זיי, די הערען פון דער ארבייטער בעוועגונג, האבען געבראכט די אידישע ליטעראַ־טור, וועלכע האט געהאט אזא שעהנעם אנפאנג מיט יאָהרען צוריק, צום באַנקראָט! און דאס איז נאר דערפאר, ווייל זיי האבען זיך צו־געהערט צו די „מאָדערנע" שריפטשטעלער פון די אנדערע נאציאָנען. און אין זייער אונפערשטאנד געהט זייער נאָכקרימעניש אזש ביז צור אבסורדיטעט! און פונקט ווי אין א צירקוס „וויל" דער פּאַיאַץ נאָכ־טהון די ווירקליכע קונצען־מאַכער און ער מאכט דערביי משונה'דיגע שפּרינגען, אזוי געהט די נאכקרימעניש פון דיזע הערען ביז צו אונזי־ניגע און לעכערליכע בעהויפּטונגען.

צו בעווייזען דיזעס וואלט איך געדאַרפט האלטען צום ווייניג־סטענס נאך א 10 פאָרטרעגע; אבער היינט אבענד וועל איך אייך־איינציגע פּראָבע יא ברייגען פון דיזען סאָרט אונזין. און, ליידער, מוז איך דיזע פּראָבע נעהמען פון דעם זכרון, ווייל, זייענדיג שטענדיג בעשעפטיגט אין דער פאבריק ביי א שווערער און שמוציגער ארבייט, פעהלט מיר פּשוט די צייט צו געהן נאָכזוכען די ווערטערליכע אויס־ציגע. אויב אבער עס וועט שטארק נויטיג זיין, וועל איך האבען די

אמביציאָן צו בעווייזען, דאס מיין זכרון האט מיך ניט אָבגענאַרט.

עס האנדעלט זיך דאָ וועגען „ליטעראטור און לעבען" פון אונזער „פאָרווערטס". אונזער בעקאנטער גענאָסע אב. קאַהאַן, לויבענדיג א געוויסען רוסישען שרייבער, האט אונגעפעהר אזא ביישפּיעל געגעבען: — ווען ער, יענער שרייבער הייסט עס, מאָהלט א נאַז קען מען דורך איהר, דורך דער נאַז הייסט עס, ארויסזעהן די נשמה...

אָנגענומען, אלזאָ, אז א שרייבער האט פאר אונז אויסגעמאָהלען די טייערסטע, די שעהנסטע, די חן'עוודיגסטע נאַז אין דער וועלט! זאל זיין די בעסטע אדער די ערגסטע — זאל שוין זיין א טאַטערעשע נאַז... פערשטעה איך אבער אלץ נאך ניט, ווי אזוי מען קען דורך א נאַז די נשמה ארויסזען!... עס לעגט זיך בעסער אויף'ן שכל, דאס א געוויסע האנדלונג דארף גאר געשילדערט ווערען, אום די נשמה ארויסצוזעהן! און ווען מען רעדט פון האנדלונג, דאן זעהט מען שוין ניט די „נשמה" פון דעם געשילדערטע געגענשטאנד, זאני דערן די געדאנקען פון דעם פערפאסער!

נאר פון קאַהאַן'ס אדער עהנליכע פּלאַפּלערייען האב איך נאך זעהר פיעל צו זאגען. מען קען ניט, ווי געזאגט, אלעס ארויסברייננגען אין איין אבענד, אָבוואָהל דאס וואלט געווען העכסט אַמוזירענד. — איבערהויפּט איז יעצט ניט די צייט צום שפּאסען, וויל מען וועט נאך מוזען ביטער קעמפּפען, ביז מען וועט קענען די אידישע ליטעראטור צוריקברייננגען צו דעמזעלבען צושטאנד, ביי וועלכען זי איז געשטאַנען בעפאָר. אמת, אין קוואנטיטעט איז זי געוואקסען, אין קוואליטעט אבער איז זי שרעקליך געפאלען.

איך וואלט נאך געקענט ברייננגען פיעלע פערשטארקערונגען און ביישפּיעלען צו די געדאנקען, וואס איך האב ארויסגעבראכט היינט

אבענד; איך גלויב אבער, אז איהר האט מיך אזוי אויך אביסעלע פערשטאנען. אלזאָ, פריינדע! איך וואלט געוועזן גליקליך, ווען מיר זאל געלינגען דורך דיזען פאָרטראַג אָנצואווייזען אייך דעם וועג, ווי אזוי צו דערקענען אַ קונסט־ווערק; עס מאכט ניט אויס, אויב דאס איז אַ געדיכט אדער אַ סקיצע, אַ לענגערע ערצעהלונג אדער דראַמאַ, אַ בילד אדער סטאַטוע. מען דארף זיך פרעגען: וואס האט דער קינסטלער געוואלט? האט ער איבערהויפט געהאט אירגענד וועלכע געדאנקען ארויסצוברייגנען? און מיין ענפער אין קורצען איז: דאס קונסט־ווערק דארף זיין גאנץ קלאָהר, גאנץ איינפאך און גאנץ דירעקט אָנצייגען אויף די געדאנקען פון דעם קינסטלער. קוים אבער איז דאס קונסט־ווערק ניט קלאָהר גענוג און דער קינסטלער שטעהט אָן אַ זייט — בלויז „קונסט פאר קונסט" גיט ער, דאן איז עס אונאינטערעסאַנט, קיין קונסט און מען קען דורך דעם קיין בליק טהון אין דער אייביגער אונענדליכקייט. יעצט אבער איז די קונסט, אזוי ווי די עהרליכקייט, בלויז דאָ אין נאמען; פונקט ווי הינטער דער עהרליכקייט בעהאלט זיך די ערגסטע געמיינהייט, אזוי בעהאלטען זיך הינטער דער קונסט די אונזיניגסטע פראָדוקציאָנען.

*** *** ***

דאס, מיין ליעבער פריינד, איז דער פאָרטראַג. און יעצט וועל איך אייך פערטרויען אַ סוד... — אלע בריעף צו אייך וועל איך פערעפענטליכען. איך ווייס, אז מיינע געדאנקען וועלען ארויסרופען ערשטוינונג; איך בין אבער בעוואַפענט (גייסטיג) זיי צו פערטהיידיגען.

אַכטער בריעף

ווען איך האָב אייך אין מיין לעצטען בריעף שוין אויסגעזאָגט דעם סוד, דאָס איך בין בערייט מיינע געדאַנקען צו פערעפענטליכען, דאַן וועט אייך שוין קיין וואונדער זיין, וואָס איך מוז אייער בריעף כמעט אינגאַנצען איבערשרייבען. ערשטענס וויל איך, אַז דער לעזער זאָל וויסען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך; צווייטענס, אום איהר זאָלט קענען נאָכזעהן פּונקט פאַר פּונקט מיין ענפער אויף אייערע פראַגען.

„אַזוי שנעל ווי איך האָב איבערגעלעזען דעם פּאָרטראַג", שרייבט איהר, „וועלכער איז דער אינהאַלט פון דעם זיעבענטען בריעף, און צופעליג האָב איך אַרום דערזעלבער צייט געלעזען עפּעס אינטערעסאַנטעס, ווי איהר וועט באַלד געוואָהר ווערען, אַזוי איז מיר איינגעפאַלען צו צווייפלען, אויב איהר, דער פּראָפעסאָר פון „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק", זיינט אויך דער פּראָפעסאָר פון דיזער מערקווירדיגער פּראָדוקציאָן. איך זאָג מערקווירדיג, ווייל מערקווירדיג און וואונדערבאַר האָט זיך מיר דיזער פּאָרטראַג אויסגעוויעזען אין דער ערשטער מינוט; דען יעצט וועט איהר אַזוי פריינדליך זיין און ענפערן אויף אַן אונגעהייער וויכטיגער פראַגע וועגען איהם, און ערשט דאַן וועל איך קענען אָפּשאַצען אייער פּערזענליכקייט זעלבּסט

צוזאמען מיט אייערע געדאנקען: ווייל די פראגען פון דיזען בריעף זיינען ביי מיר ענטשטאנען אין דער לעצטער צייט און ניט אין צוזאמענהאנג מיט אייער ערשטען ביכעל.

„די געשיכטע איז אזוי: מיר האבען יעצט א נייעם ליטעראַרישען זשורנאַל מיט דעם נאמען „די ליטעראַרישע וועלט" — איהר האט וואהרשיינליך אויך פון איהם געהערט — אין וועלכען עס איז געווען געדרוקט א זאך, וואס האט מיך שטארק פּעראינטערעסירט און וואס האט מיך געמאכט צום צווייפלען, אויב איהר זיינט איהר. אין די לעצטע צוויי נומערן (דערווייל רייד איך פון 7 און 8, — אויב עס וועט מעהר זיין וועלען מיר שפּעטער זעהן...) פון דיזען זשורנאַל איז דאַ אַן ארטיקעל מיט דעם נאמען „דער קאמפּף ארום שעקספּיער", וואו עס ווערט מיטגעטהיילט די מיינונג פון א געוויסען פּראָפעסאָר דעמבלאַן, דאס שעקספּיער איז ניט שעקספּיער, נאר אן אנדערער, ד. ה. אז אן אנדערער זאל האבען געשריעבען שעקספּיער'ס ווערקע, און דיזער באריהמט געוואָרענער מאן זאל נאר האבען געוועזען דער ע ר ג ס ט ע ר אויסוואורף פון דער נאַטור.. זעהענדיג דיזעס, איז ביי מיר געבוירען געוואָרען דער צווייפעל, אויב איהר האט געהאלטען דיזען פּאָרטראַג. איך האב מיך געפרעגט: קען עס דען ניט מעגליך זיין, דאס עמיצער אנדערש, ווען עס פּאַסט ניט עפענטליך ארויסצוטרעטען געגען די פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג, זאל אייך האבען אונטערגעקויפט צו שרייבען יענעם ביכעל און יעצט, מורא האבענדיג טאָמער זאגט איהר אויס דעם אמת, מוז ער אייך שוין צושטעלען מאַטעריאַל געגען זיי?... איך האב דארום בעשלאָסען צו מאכען הוצאות עטליכע דאללאַר און פאָהרען קיין פילאַדעלפיא נאָכזעהן, אויב מען קען עפּעס בויען אויף אייערע ווערטער. געטראַכט און געטהון! — איהר

ווייסט דאָך ווי שטארק אינטערעסירט איך בין צו וויסען דעם אמת!
— און טאקי באלד אוועקגעפאָהרען.

„ניט לייכט איז מיר אָנגעקומען צו טרעפען א פּערזאָן, וואס איז אנוועזענד געווען ביי אייער פּאָרטראַג, אבער איך האב דאָך אזוי־בען געטראָפען. מיר זיינען גוט בעפריינדעט געווארען און, האבענ־דיג מיט זיך אייערע בריעף, איז מיר איינגעפאלען זיי איהם צו ווייזען, און עס איז דורך דעם געקומען צו א מערקווירדיגער פּאסירונג. — איהר מעגט עס הערען:

„ער, בעשטעטינענדיג, אז איהר האט געהאלטען א פּאָרטראַג, האט ער דעמזעלבען אין מאנוסקריפּט מיט גרויס אינטערעס איבער־געלעזען. — לאנגזאם, לאנגזאם האט ער זיך דערמאָהנט און איבער־צייגט, אז דאס איז ער, נאר, ווי איהר האט אליין באמערקט, אין אן אויספיהרליכערער פאָרם. ער האט געמאכט אייניגע באמערקונגען און האט אייך אליין פאָרענפערט, ווייל עס איז געווען אייער פפליכט איהם צו מאכען אזוי קלאָהר ווי מעגליך. איינע פון דיזע באמער־קונגען וועל איך אייך איבערגעבען. — יהואש׳ס געדיכט, למשל, גע־דענקט ער גאנץ גוט, אז איהר האט עס פאָרגעלעזען; אבער אני שטאט היינע׳ס געדיכטעלע, שיינט עס איהם, זאלט איהר האבען פאָרגעלעזען צוויי אנדערע געדיכטע: איינע פון שילער׳ן און איינע פון בירגער׳ן. און, שמייכלענדיג, האט ער באמערקט, דאס אָבי־וואָהל איהר האט זיך געגעבען די גרעסטע מיה ארויסצואווייזען, אז איהר זיינט א געגנער פון נאציאָנאליזם — ווייל דר. זשיטלאָווסקי איז א נאציאָנאליסט — זיינט איהר דאָך אין הארץ — איהר ווייסט עס אפשר אליין ניט — א נאציאָנאליסט, געבענדיג איין געדיכט פון א איד אנשטאט צוויי פון צוויי גוים...

„אויך אַ פראַגע האָט ער געשטעלט: ווי קומט עס, ווען איהר האָט איבערגעגעבען כמעט וואָרט אין וואָרט דיזען פּאָרטראַג, וואָס איהר האָט ניט אריינגעשטעלט אויך די מיינונג פון די פראַגע־שטעי לער? אבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט די אורזאַך, פאַרוואָס איך שרייב דיזען בריעף. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם סוד, וואָס איהר האָט מיר פערטרויעט, וועגען דעם בעשלוס אייערע בריעף צו פערעפענט־ליכען; און דאָ איז דאָס אינטערעסאַנטעסטע פון דיזער פּאַסירונג. מיר האָבען בעשלאָסען — אָהן אייער וויסען — צו ווענדען זיך צו אַ פילאָדעלפיער אינטעליגענט, ער זאָל אונז זאָגען, אויב דיזע געדאַנקען זיינען ווערט פערעפענטליכט צו ווערען. און, לויט מיין פריינד האָט פערזיכערט, מעג מען זיך אויף איהם פערלאָזען, ווייל ער אַליין האַלט פּאָרטרעגע איבער סאָציאַלע און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. און פאַר אַ פּאָר דאָללאַר האָט ער אויף אַ טאָג פערהאַלטען אייערע בריעף, און האָט אונז נאָכהער געגעבען דעם כאַראַקטעריסטישען ענפער, דאָס ער וואָלט קיין איין־איינציגען סענט הילף געגעבען איי־ערע שריפטען ארויסצוגעבען, ווייל ער האָט נאָך אַלץ אַ פערדאַכט, אַז איהר זיינט ניט גאַנץ ביים קלאָהרען פערשטאַנד.

„„עס איז מיין פּפליכט", האָט ער זיין ענפער בערעכטיגט, „צו זאָגען דעם אמת אַזוי ווי איך פערשטעה איהם. גלויבט ניט, דאָס איך האָב אירגענד וועלכע שלעכטע אַבזיכט צו שטעלען אַ מענשען אונטער אַ משוגעת פערדאַכט, חוץ דעם אמת; און, פריינדע, אפילו אַ פערדאַכט מוז זיין בעגרינדעט אויף געניגענדע אורזאַכען: דען אַ פערעכטליכער שאַרלאַטאַן איז זיכער איינער, ווען ער וואַרפט ארויף אַ פערדאַכט אויף אַן אונשולדיגען, ניט געבענדיג דעם מינדעסטען גרונד דערצו. און מיינער איז בעגרינדעט אויף צוויי אורזאַכען: —

איינע, אונזער גאנצעס דיינקען — אלע אונזערע אורטהיילען און יע־דער שלום — איז דאך ניט מעהר ווי פערגלייכען איין געדאנק מיט אַ צווייטען, איין אורטהייל מיט אַ צווייטען, איין שלום מיט אַ צווייטען. אין דער וויסענשאפט איז דיזער סאָרט דיינקען בעקאנט אונטער דעם נאמען: אַ נ אַ ל אָ ג י ע ן — פערגלייכונגען. ד. ה. ווען מיר קענען ניט קומען צו אַ געוויסען בעשטימטען בעשלוס איבער אַ געוויסען אורטהייל, דאן פערגלייכט מען איהם מיט אַ צווייטען, עהנליך צום ארויסגעגעבענעם, און מען ציהט אַן עהנליכען שלום. און מיין פערדאַכט אויף אייער קרענק איז בעגרינדעט אויף אזא פערגלייבענדען שלום. נעמט, למשל, זיין „קריטיק" איבער דער „פילאָסאָפיע", זיין ווילדען, שרעקליכען אָנפאַל אויף דעם פערפאַסער; נעמט אבער אויך די לעצטע וויכטיגע פאַסירונג — די פייערונג פון דעם לעצטען'ס 25 יאָהריגע ליטעראַרישע טהעטיגקייט אלס איד, און פערגלייכט די־זעביידע ערשיינונגען. פון איין זייט די געבילדעט'סטע און אינטע־ליגענט'סטע אידען פון אַמעריקאַ — ניט דאס פראָסטע פאָלק! — מענער, בעקאנט מיט געזונדען פערשטאנד — געזעצטע מענשען, וועלכע קענען אליין ארויסגעבען אַ געזונדען אורטהייל; דיזע האבען דר. זשיטלאָווסקי'ן דערקענט אלס דעם אָריגינעלסטען דיינקער פון אונזער צייט: יענער, אייער אונבעקאנטער, אונגעבילדעטער און איינגעבילדעטער מענשעל, זאגט דוקא, אז דיזער מאן איז אַ נול, אַ דומקאָפּף! פערגלייכט נאר דיזע ביידע אורטהיילען: ענטוועדער, אָדער! ענטוועדער דיזע אלע אינטעליגענטען זיינען משוגע און ער איז דער קלאָהרער, אדער ער איז דער משוגע'נער און זיי זיינען די קלאָה־רע; און אזוי ווי די לעצטע השערה איז עהנליך צום געזונדען שכל, וועט איהר שוין פערשטעהן, אַז מיין חשד איז ניט אונבעגרינדעט.

„די צווייטע אורזאך איז פאָלגענדע: דיזער קרענק האט זיך איינגעבילדעט, אז ער פערשטעהט מעהר פון דער גאנצער וועלט. — נאַטירליך, פאר אונוויסענדע מענשען גילט אלעס: וואס מען זאגט זיי, גלויבען זיי. פאר אזעלכען ווי איך אבער, וועלכער האט אויך עפּעס געלעזען, קען ער גארנישט בעווייזען. זיין פאָרטראַג אליין איז א גוטער ביישפּיעל פאר דיזע ווערטער. צו בעשפּרעכען אלע זיינע בעהויפּטונגען האב איך קיין צייט: נעהמען וועל איך בלויז איין-איינציגע שטעלע פון זיין בליק אויף דאַנטע'ס „געטליכע קאָמעדיע".

„די „העללע", בעהויפּטעט ער, „מיינט די וועלט דער ליידענשאַפטען; דער פּורגאַטאָריום מיינט די וועלט דער אידעאַלען: און דער פּאַראַדיז מיינט די וועלט דער פערנונפט". און צו בעקרעפטיגען דיזעס, זאגט ער ווייטער: „אין דער וועלט דער ליידענשאַפטען ענטשטעהען מענשען מיט פערברעכערישע נייגונגען, למשל: טיראַנען, אלערליי שווינדלער, מערדער, גנבים, רויבער, קופּלער, פעלשער, בעל-כעס'ניקעס און נאך פיעלע אנדערע אַנטי-געזעלשאַפטליכע נייגונגען. — אין דער וועלט דער אידעאַלען ענטשטעהען מענשען מיט אלערליי ווינשע, למשל: שריפטשטעלער, דיכטער, קינסטלער, פּראָטעסטירענדע בּרואים א. ז. וו. — אין דער וועלט דער פערנונפט ענטשטעהען מענשען מיט א העכערען פערשטאנד, למשל: פילאָזאָפען, עהרליכע רעגיערער און פיעלע אנדערע פערזענליכקייטען, וועלכע ווערען געבוירען מיט א קלאָהרען שכל."

„פאר אזעלכע פערזאָנען, וועלכע האבען דאַנטע'ס ווערק ניט געלעזען, קען מען אלעס זאגען... —

„פארגעסט ניט, פריינד שווארץ, אז דאס אלעס רעדט דער פילאָדעלפיער אינטעליגענט... —

„פאר אונוויסענדע קען מען אלערליי טהעאָריען צוזאמענשטע־לען; פאר מיר אבער, ווען דאַנטע׳ס בוך ליגט פאר די אויגען, קען מען אזעלכע טהעאָריען ניט צוזאמענשטוקעווען, ווייל איך קען זיי גלייך פערניכטען. אָט איז די „העללע״; אייער זשעניע זאגט, דאס נאר פערבּרעכערישע נייגונגען האט דאַנטע דאָרט אריינגעזעצט; די דיכטער, קינסטלער און פילאָזאָפען זאָל ער האבען אָבגעגעבען אָרט אין די אנדערע אבטהיילונגען. איך אבער זעה אין סאמע ערשטען קרייז פון דער „העללע״ אַ גאנצע ארמיי פון דיינקער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אריסטאָטעלעס, פּלאַטאָ, סאָקראַטעס, אנאַקסאגאָ־ראַס, דיאָגענעס, דעמאָקריט, זענאָ, העראַקליט, עמפּעדאָקלעס, סענעקאָ און פיעלע אנדערע. און מערקווירדיג איז, דאס אין דיזען קרייז שליסט זיך דאַנטע אליין אויך איין אלס דער זעקסטער אין בונד פון די פארצייטיגע דיכטער: האָמער איז דער ערשטער, דער צווייטער איז ווירדזשיל אלס דאַנטע׳ס פיהרער, אָוויד דער דריטער, דער פיערטער לוקאַן, האָראַץ דער פינפטער און דער זעקסטער דאַנטע. אַלזאָ, ווי קוקט אוים אייער זשעניע׳ס טהע־אָריע? זיינען דיינקער און דיכטער עהנליך צו „ליידענשאפטען״ אדער „פערברעכערישע נייגונגען״?

„דיזע צוויי אורזאכען מאכען מיך צו האבען אַ פערדאַכט אויף איהם, אז ער איז ניט גאנץ ביים זינען.

„אָט דאס איז די מיינונג פון יענעם מאן. איך בעט ענטשולדי־גונג, פארוואס איך האב מיר ערלויבט צו ווייזען אייערע שריפטען אַ פרעמדען. איך ווארט פאר אַ קלאָהרען ענפער אויף די איינווענדונ־גען פון דיזען בריעף און אויב איהר בלייבט נאך אלץ ביים בעשלוס אייערע געדאנקען צו פערעפענטליכען.״

יעצט, מיין פריינד, וועל איך פערקאשערן די ארבעל און זעהן, וואס מען קען ענפערן אויף אייערע איינוועגדונגען. דאס ערשטע וועגען שעקספיער׳ן; איהר פערלאנגט אפילו קיין ענפער: אויף מיר אבער האבען אייערע עטליכע ווערטער געווירקט צו זאגען עפעס וועגען אזעלכע „פארשונגען", אויב שעקספיער איז שעקספיער אדער אן אנדערער.

נאטירליך קען מען קיינעם פערוועהרען נאכצופארשען, אויב א פערפאסער פון געוויסע ווערקע איז ער אליין אדער עס איז אן אנדערער; אבער צו וועלכען צוועק טהוען עס דיזע פארשער? וואס פאר אן אונטערשיעד איז דען, אויב, למשל, שעקספיער׳ס ווערקע זיינען פערפאסט פון א נאמען רוטלענד, ווען דיזע פארשער האבען גאר ניט אויסצוזעצען געגען די געדאנקען זעלבסט? עס איז אוודאי זעהר גוט, ווען מען קען גאנץ גוט די פערזאן, וואס האט פערפאסט אזעלכע ווערקע, וועלכע וועלען לעבען אזוי לאנג ווי די מענשליכע ציוויליזאציאן וועט אנהאלטען, און מען קען די אומשטענדען, אונטער וועלכע ער האט געלעבט. שעקספיער׳ס לעבען אבער איז איינגעהילט אין דער ניט ווייטער פערגאנגענהייט ווי אין א געדיכטען טומאן; זאגאר שעקספיער׳ס בעשטימטעס בילד איז ניט בעקאנט: מען איז ניט זיכער, אויב דאס איצט בעקאנטע בילד איז עהנליך צו שעקספיער׳ן. און דאס לאזט זיך ערקלעהרען, ווייל שעקספיער איז געוועזען אן ארימאן און מיט אזעלכען אינטערעסירט מען זיך ביי זיין לעבען גאנץ ווענינ. אלזא, צו וועלכען צוועק, פרעג איך, ווען עס איז פארט אונמעגליך צו וויסען עפעס בעשטימטעס, אינטערעסיהען זיך אזוי שטארק די פראפעסארען דוקא צו וועלען בעווייזע דורך גראבע ביכער, דאס שעקספיער איז ניט דער פערפאסער פון

שעקספּיער׳ס ווערקע? דער ענפער איז דיזער:

שעקספּיער איז געבוירען געווארען בּיי אָרימע עלטערן; ער איז, אַלזאָ, געוועזן אַ קינד פון דעם פּראָסטען פֿאָלק און ער האט קיין געלעגענהייט און קיין מעגליכקייט געהאט צו געניעסען אירגענד וועלכע סיסטעמאַטישע שול-בּילדונג אלס אינגעל. אָט דאס ערגערט אזוי שטארק די פערשיעדענע הערקען פּראָפעסאָרען און לאזט זיי נישט רוהען!... ווי קומט אַן אָרימאַן, אַן „אונגעבּילדעטער" צו פערפאַסען אזעלכע זשעניאַלע ווערקע?... און זיי ווייסען ניט, דיזע שטודירטע דומקעפּף, אז, אמת, עס קען טאקי מעגליך זיין, דאס שעקספּיער האט ביז אין אַ געוויסען אלטער ניט גענאָסען אירגענד וועלכע בּילדונג, זייענדיג אבער אַ זשעניע האט ער אין אַ פּאָר יאהר געקענט ערווערבּען אזוי פּיעל זעלבּסט-בּילדונג, ווי פּיעל די רייכע דורך אוניווערזיטעטען אין אַ פּאָר צעהנדליג. דיזע שטודירטע הערען ווילען ניט וויסען, דאס אַ געבּוירענער זשעניע קען — אָהן בּילדונג אפילו — ארויסבּריינגען אויף דער וועלט די טייערסטע געדאנקען.

נאר, ווי געזאגט, שעקספּיער איז געבּוירען געווארען אַן אָרימאַן און האט קיין שולע בּעזוכט, און דאס איז שוין גענוג, אז מען זאל קענען אויסגראָבּען פון אונטער דער ערד אלערליי „פּאקטען", דאס ער איז געוועזן אַ שכור, אַ גנב, אַן אויסוואורף דער נאטור; און דאס איז שון גענוג צו געבּען אַ ווינק, דאס אַ געבּילדעטער לאָרד זאל זיין דער אייגענטליכער אוטאָר פון די ווערקע, וועלכע זיינען בּעקאַנט אלס שעקספּיער׳ס. אָה, דיזע פיינע הערען! אפילו נאך זיין טויט פארגינען זיי ניט אַן אָרימאַן זיין רוהם!...

דיזע ווערטער, פּונקט ווי איהר האט מיר אייערע געלאזט וויסען פערבּייגעהענדיג, אזוי האבּ איך זיי אויך דערמאָהנט פּערבּייגעהענדיג,

און ווענען היינע'ס גערדיכט קען איך נאר אזוי פיעל זאגען: איך האב פרובירט צו פארנעהמען וואס ווייניגער פלאטץ און עס זאל איין דער־זעלבער צייט לייכטער זיין צום איבערזעצען. אויב היינע איז געווען א איד אדער א „גוי" קימערט מיך ווייניג. אייער פריינד'ס נביאות, אז איך וויים אליין ניט פון מיין נאציאנאליזם, איז א טרויעריגע ערשיי־נונג. דער נאציאנאליזם האט אזוי פערטומעלט די מוחות פון די מענשען, דאס זיי זעהען אין יעדער קלייניגקייט א סימן פון נאציאנא־ליזם. און דער אמת איז דאך, אז דער אידישער נאציאנאליזם איז אן עקעלהאפטע נאכקרימענעש פון דעם אונזיניגען שאוויניזם פון אנדערע פעלקער.

ווענען אייער פריינד'ס איינווענדונג, פארוואס איך האב ניט פארעפענטליכט די פראגען, האב איך אויך זעהר ווייניג צו זאגען. — מיין פריינד! „וואס מעהר מען לעבט", איז דא א שפריכווארט, „אלץ מעהר עסט מען..." ד. ה. וואס מעהר מען לעבט, אלץ מעהר ערי־פאהרונג קריגט מען. און ערפאהרען האב איך, דאס עס קומען צו פארטרעגע צווייערליי בעזוכער. איין סארט זיינען אינטעליגענטערע צייט־פערטרייב זוכער, וועלכע זיינען מעהר ווינשענסווערטה, וויל, געבענדיג קלאהרע געדאנקען, וועלכע זיינען אן און פאר זיך אינטע־רעסאנט, לערנען זיי שוין אויך עפעס ניצליכעס; פאר דיזע, ווי עס ווייזט אויס, איז מיין פארטראג געווען אינטערעסאנט, דען איך קען מיך ניט עראינערן צו האבען געזעהן איין־איינציגען אפילו פערלאזען דאס לאקאל. אבער דער צווייטער סארט איז א שרעקליכע אנשי־קענעש פאר דעם פארלעזער! דיזע קומען אלס פערטיגע חכמים שוין, אבוואהל זיי הויבען ניט אן צו וויסען, ווענען וואס זיי ריידען... דיזע „אינטעליגענטען" פרעגען ניט עפעס, אום בעסער צו פערשטעהן, נור

זיי קומען, ווי עס שיינט, שוין פון אנפאנג אָן אלס געגנער פון דעם פאָרלעזער. און דער סוף איז, אז צום ענדע פון דעם פאָרטראַג, ווען עס איז צייט, אז די אנוועזענדע זאלען נאכדיינקען איבער דאס פאָר־געטראגענע, שטעלען זיך יענע אוועק אליין צו האלטען פאָרטרעגע אדער צו שטעלען אונזיניגע פראגען, וואס פאסען גאר ניט צום אינ־האלט פון דער טהעמא, און פערטומלען מיט זייער דומער האלטונג די מוחות פון די צוהערער. אזעלכע פראגען, מיין ליעבער, קען מען אויף קיין פאל געדענקען זיי צו פערעפענטליכען; מען בעאנטוואָרטעט זיי אויף׳ן אָרט — ווי מען געפינט פאר גוט. זאל מיר דארום אייער פריינד ענטשולדיגען, פארוואס ער האט ניט געזעהן אריינגעשטעלט די פראגען אין מיין לעצטען בריעף.

און איצט, ווידער אמאהל מיט דר. זשיטלאָווסקי?... זאגט נאר, איך בעט אייך, ווי פיעל מאהל נאך זאל איך בעווייזען, אז דר. זשיטלאָווסקי איז א נול? און אז יענער — אייער פילאדעלפיער פי־לאָזאָף — וועט אויס׳פשט׳לען נאך פיעלע טויזענדע „לאָגישע" פער־גלייכונגען און פון זיי ציהען שליסע, דאס איך בין משוגע, וועט ער דען קענען בעווייזען, אז דאס, וואס איך האב שוין געוויעזען שווארץ אויף וייס איז ניט ריכטיג? וואס בין איך שולדיג, ווען מענשען ווילען דוקא זיך משמח זיין מיט א דומקאָפּף? איך גאראַנטיר אייך, ווען אפילו אלע „אינטעליגענטען" פון דער גאנצער וועלט זאלען זיך ארומנעהמען און טאנצען א קאראהאד ארום א שטיק האלץ, וועט עס אויף מיר די מינדעסטע ווירקונג ניט האבען מיטצוטאנצען מיט זיי... און ווען יענער הערר בריינגט פערגלייכונגען, וועל איך אויך בריינגען: לעגט ארויף אויף איין וואָגשאָל 10,000 זייפען־בלאזען, און אויף דער אנדערער איין־איינציג שטיקעל ממשות׳דיג געוויכט, וועלי־

כעס וועט דאַן אריבערוועגען?... אמת, דר. זשיטלאָווסקי האט פיעלע פערעהרער — און דוקא צווישען די סאמע „אינטעליגענטען", און אלע שרייען אין איין קול: „ער איז גרויס, זעהר גרויס..." אבער האבען דען דיזע אלע שרייערס זיך גענומען די מיה דורכצושטודירען זיינע שריפטען בעפאר זיי האבען ארויסגעגעבען דעם אורטהייל פון גרויסקייט?

מען קען איינעם גאנץ לייכט אָנרופען גרויס, פונקט ווי מען קען איינעם אומזיסט אָנרופען משוגע'נער; צו בעווייזען אבער דיזע בע־הויפּטונגען איז שוין גאנץ שווער. און האב איך ניט בעוויעזען אזוי קלאָהר ווי דער ליכטיגער טאג, דאס איך בין בערעכטיגט איינעם צו רופען נול? און האבען דען יענע העררען, די „גרויס"־שרייערס, דורך איין־איינציגע שורה כאָטש בעוויעזען אַ גוטען אדער קלאָהרען גע־דאנק פון דר. זשיטלאָווסקי, אויף וועלכען מען זאל קענען אָנצייגען, דאס אָט אַ דאָ האט ער ארויסגעזאגט עטוואס אינטערעסאַנטעס, עטוואס אָריגינעלעס? און אָט טאקי אין דעם בעשטעהט דער באַנ־קראָט פון דער אידישער ליטעראַטור, וואס דוקא די אינטעליגענטען פערגעטערן אזא מאַן; ער איז דער באַראָמעטער פון דעם גייסטיגען באַנקראָט פון דער אינטעליגענץ, — איך מיין דאָ: עס זעהט זיך ארויס דער טרויעריגער גייסטיגער צושטאנד פון יענע אינטעליגענ־טען, וועלכע האבען זיך גענומען דאס רעכט — און, אונגליקליכער ווייזע, האבען זיי אויך די מעגליכקייט! — ארויסצוגעבען עפענטליכע אורטהיילע, ווער עס איז גרויס און ווער ניט, ווער עס האט טאלענט צום שרייבען און ווער ניט.

און יעצט, ווען איך זאל האבען אזא שוואַכע אורטהיילס־קראַפט ווי יענער הערר פון פילאַדעלפיאַ, אדער ווען איך זאל וועלען מאַכען

געבראָכען פון אירגענד וועלכען פערגלייך, וואלט איך געזאגט, דאס משוגע זיינען די „גרויס"-שרייערס און ניט איך! דאס וועל איך אבער ניט זאגען; איך קען אבער ניט פערלייקענען, אז זיי זיינען גייסטיג שרעקליך שטומפּף.

אלזאָ, איין אורזאַך, אויף וועלכער אייער אויטאָריטעט בעגרינ־דעט זיין פערדאַכט, דאס איך בין צודולט, איז גאר קיין אורזאַך; מיר וועלען אָ קוק טהון אויף דער צווייטער: דיזע — צו זיין אָפענהערציג — האט מיך גאר צוטומעלט! אבער גליקליכער ווייזע בין איך דורך ירמיה הנביא געראַטעט געוואָרען!...

„הא־הא!" וועט איהר זיך אפשר אָ חאַפּ טהון, „דאָ איז ער! ווען איינער קען אזוי ריידען, איז ער געוויס אָ צודולטער..." זאָלט איהר זיך אבער ניט איילען מיט אייער אורטהייל. דען אין דעם אוצר פון אידישע שפּריכווערטער איז דאָ איינס אונגעפעהר אזעל־כעס: „איידער דער מענש זאגט ארויס אָ וואָרט, איז ער נאָך איבער דעם דער בעל־הבית; קוים אבער האט ער עס שוין ארויסגעזאגט, דאַן איז דאס וואָרט בעל־הבית איבער איהם..." אין דיזען פאַל מיינט עס: איידער איהר האט נאָך ארויסגעגעבען דעם אורטהייל, דאס איך בין משוגע, קענט איהר נאָך זיין בעל־הבית איבער דעם; זאָלאַנג אבער איהר וועט שוין האבען ארויסגעגעבען אַן אורטהייל, דאַן וועט שוין דיזער זיין בעל־הבית איבער אייך: איהר וועט שוין מוזען פון ערגיץ ארויסקראַצען „בעווייזע", אום איבערצוייגען די וועלט אין מיין משוגעת. און דאס וועט זיין צו אייער אייגענעם שאָ־דען! דען די „בעווייזע" וועלען אייך אליין — אַנשטאַט פון דעם זומפּ ארויסשלעפּען, סוף כל סוף אייך נאָך טיעפער אין איהם אריינשטע־קען, ביז איהר וועט גענצליך איינזינקען... דערפאר זאָלט איהר זיך

ניט איילען, ביז איהר וועט ניט הערען ווי אזוי איך בין דורך ירמיה הנביא גערעטעט געווארען.

ווען איך האב איבערגעלעזען די לעצטע איינוועגדונג, איז מיר זעהר טרויעריג געווארען „אויף'ן הארץ", ווייל איך האב ווירקליך מאָמענטאַל ניט געוואוסט צו געבען אירגענד וועלכען ענפער. און ניט פאר דעם ניט וויסען בין איך צוטומעלט געווארען, נאר דערפאר, ווייל פון מיר, פון אן ארבייטער, פערלאנגט מען איך זאל אויפקלעהרען אלעס פון א גרויסען קינסטלער! וועהרענד מען זעהט טאָג־טעגליך הונדערטער זייטען אָנגעפילט מיט אונזין און ווידערשפריכע, וואגט מען אפילו ניט א פּיפּס צו טהון, קוים אבער האט מען דער־בליקט א שיינבאַרען ווידערשפּרוך אין מיין פאָרטראַג, אזוי ווארפט מען שוין אריין א משוגעת פערדאַכט...

עס האנדעלט זיך, פארוואס איך האב געזאגט, דאס דאַנטע'ס „העללע" מיינט די וועלט דער ליידענשאפטען, וואו מען געפינט מענ־שען מיט פערברעכערישע נייגונגען; וועהרענד אין אמת'ן געפינט מען נאר דאָרט גרויסע דיכטער און פילאָזאָפען, ווען זייער אָרט איז דער „פּורגאַטאָריום" און דער „פּאראדיז". אפשר, שאפענדיג א גרויסע סאַטירע איבער דער וועלט און נעהמענדיג דאס קריסטענ־טהום אלס מאַטעריאַל, האט דאַנטע אבזיכטליך אריינגע־שטעלט די פארצייטינע גרויסע דיכטער און דיינקער (אלס געצענדיע־נער) אין דער „העללע", אום צו געבען מעהר אויסדרוק דיזען סאַטי־רישען ווערק, דאס גראדע יענע באריהמטע מענער זיינען ניט ווערטה צו קומען פאר גאָט? האט דען יענער הערר ניט געקענט א טראכט טהון וועגען דעם?

אבער דאס אלעס, ד. ה. וואס איך האב מאָמענטאַל ניט

געקענט געבען א ריכטיגען ענפער האט מיך וועניג געארט; געערגערט האט מיך פאלגענדעס: איך וויל פערעפענטליכען א בוך, און וואס וועט זיין, ווען יאנאווסקי, אויב ער וועט שוין האבען דעם מוטה זיך צו פערטהיידיגען, וועט קומען מיט אזא פראגע און דאן ווייזען, אז איך בין צודולט? אה, איך, אונגליקליכער! איך מוז אלקלוג און אלוויסענד זיין! און אין יענעם אבענד, נאך א שווערען טאג ארבייט, האב איך פערבראכט א פערצווייפעלטע, שלאפלאזע נאכט. איז נאך, אדער איז ווען עס איז עמיצער געווען, האב איך געטראכט, אין אזא שרעקליכער לאגע, ווי איך? און פלוצים בין איך פערטראגען געווארען אין דער קינדערשער פרגאנגענהייט, ווען איך בין געזעסען ביי א גרויסען טיש צוזאמען מיט אנדערע 8, 9 און 10 יאהריגע אינגלעך, און דער כאר יונגע קול'עכלעך האט אבגעקלונגען נאך דעם רבי'ס שטימע: „און קלאגט דער נביא ירמיה: „„ארור היום אשר ילדתי בו"", פארשאלטען זאל זיין דער טאג פון מיין געבוירען..." איך האב א טרייסט געפונען: אנדערע איז אויך אויסגעקומען שרעקליך צו לײדען. און א שטארקער וואונש איז מיך בעפאלען אויסצוזוכען דיזע שטעלע און זעהן, פארוואס ירמיה האט זיך אזוי געשאלטען. — און אראפגעהענדיג פון מיין געלעגער האב איך אויסגעזוכט אן אלט תנ"ך'ל — א ירושה פון מיין פאטער — און גאנץ געדולדיג אנגעפאנגען צו בליקען אויף יעדען בלעטעל, אום צו טרעפען די צופעליג עראינערטע שטעלע. ענדליך האב איך זי אין קאפיטעל כ דערזעהן; און ניט נאר איינמאהל האט ער זיך אזוי געשאלטען, נאר עטליכע מאהל. זעהט נאר דא: — „פארשאלטען זאל זיין מיין געבורט'ס-טאג", — „דער טאג, ווען מיין מאמע האט מיך אויף דער וועלט געבראכט זאל קיינמאהל זיין געבענשט", — „פארשאלטען זאל זיין דער

מאן, וואס האט אַנגעזאגט מיין טאטען די בשורה, דאס אַ בן־זכר איז איהם געבוירען געווארען, אום ער זאל זיך פרעהען". און דאן ווייטער: „ווארום האסטו (גאָט) מיך ניט געטויטעט אלס שפּראָצ־לינג און מיין מאַמע זאל געווען זיין מיין קבר, און איהר בויך זאל גע־ווען אייביג און אייביג שוואַנגער בלייבען? צו וואס האסטו מיך פון מיין מאַמע'ס שויס ארויסגעצויגען, איך זאל זעהן צרות און שמערצען און דורכלעבען מיינע טעג אין שאַנדע און אין שפּאָט?"

אבער ניט דיזעס האט מיר געבראכט אירגענד וועלכע אויפ־קלעהרונג, נאר אַן אנדערע שטעלע, צו וועלכער איך בין צוגעקומען, וועלענדיג זיך דערמאָהנען, פארוואס דיזער מאן האט זיך אזוי זיינע יאָהרען פארשאלטען. איך וועל פּרובירען, אַבוואָהל איך בין קיין איבעריג גוטער קענער אין העברעיש, אין קורצען איבערצוגעבען דעם אינהאלט פון דיזען קאפּיטעל:

ווען פשחור בן־אמר הכהן, דער בית־המקדש אויפזעהער, האט געהערט ירמיה'ן פּרעדיגען, האט ער איהם אָנגעבראָכען דיביינער און איהם דערצו ארייגעזעצט אין געפענגנים פון אויבערשטען בנימן־טהויער אין בית־המקדש. און אין דיזען געפענגנים האט ער זיך מן־הסתם אליין ענדעקט — אַ פאַקט, וועלכער קומט מיר אויך אזוי גוט צונוץ. דען ירמיה טענה'ט: „גאָט, האסט מיך איבערגערעדט און איך האב מיך געלאזט איבעררייידען, דיין מאַכט איז צו שטארק גע־ווען און האסט געוואונען! דערפאר אבער בין איך געווארען טאָגי־טעגליך צו שפּאָט און יעדער לאכט פון מיר, זייט איך האב דיין וואָרט געפּרעדיגט..." און דאָ קומט דאס וויכטיגסטע! דען ער זאגט ווייי־טער: „און איך האב געטראַכט: איך וועל מעהר ניט דערמאָהנען גאָט און מעהר ניט פּרעדיגען אין זיין נאָמען..." וואָס־זשע איז דער

סוף געווען? „והיה בלבי כאש בערת עצר בעצמתי ונלאיתי כלכל ולא אוכל". ווייסט איהר, וואס דאס הייסט? ירמיה האט מעהר ניט געוואלט ריידען וועגען גאָט; ער איז „דיזגאָסטעד" געווארען צו פּרעדיגען דעם אמת: איז עס אבער געווען ווי א פלאַם פייער אין זיין הארץ און עס האט זיך געשטיקט ווי א וואולקאַן אין זיינע ביינער, און ער האט עס מעהר ניט געקענט אויסהאלטען... מיט אנדערע ווערטער: ער האט זיך ניט געקענט העלפען, ער האט געמוזט פּרעדיגען דעם אמת!

יעצט וועל איך קומען צום פּונקט. דיזעס קאַפּיטעל האט מיך געפיהרט צום געדאנק, ווי קלוג דאַנטע איז געווען, וואס ער האט אריינגעשטעלט די גרעסטע דיכטער און דיינקער אין דער „העללע". דען וואס קען הייסען „אש בערת", אויב ניט ליידענשאַפט? און ווירקליך! עס ווערען געבוירען איינצעלנע מענשען, וועלכע זיינען נאָר־מאַל אין יעדער לעבענס ערשיינונג, אבער אונגאָרמאַל אין פּערע־פּענטליכען דעם קלאָהרען אמת, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דיזע פּערפּענטליכונג שאַדעט זיי פּערזענליך אזוי שטארק און ענדיגט זיך מאַנכעס מאָהל מיט דעם טויט פון דעם אמת זאגער. מיט אנדערע ווערטער: פּונקט אזוי געווי ווי די נייגונג צו פּערברעכען דריקט זיך אויס ביי איין טהייל מענשען, אזוי געווי דריקט זיך אויס די נייגונג צו זאגען דעם אמת ביי אַן אנדערען טהייל; זיי קענען זיך ניט העלפען, עס איז אין זייערע הערצער ווי א „פלאַם פייער". און דערפאר זיינען די גרעסטע דיכטער און דיינקער אַם פּאַסענדען פּלאַטץ: און דער־פאר האט דאַנטע דיזער ליידענשאַפט אָבגעגעבען א שעהן שטיקעל אָרט אין דער „העללע" — א גרינגע לאַנקע. עס איז טאקי א ליידענ־שאַפט, אבער פערבונדען מיט א רוהיגער האָפנונג, אז ווען עס איז,

מעג עס אפילו זיין שפּעט, וועט מען אַנערקענען דעם אמת. דארום האט זיך דאַנטע אליין אויך איינגעשלאָסען אין בונד מיט די גרויסע דיכטער אין דער „העללע", ווייל ער איז זיך גוט בעוואוסט געווען פון דיזער ליידענשאַפט.

יעצט איז אייער פפליכט צו לאָזען וויסען יענעם הערר, דאס מיין בעטראַכטונג איבער דער „געטליכער קאָמעדיע" איז געווען ריכטיג, אַבוואָהל מאַנכעס קען פאר א מאָמענט בלייבען אונערקלעהרט.

שליסענדיג דעם בריעף האָף איך, דאס איהר וועט מעהר קיין פראַגען שטעלען, ווייל איך וויל אויספילען דעם בוך מיט איינינע פער־זענליכע בעמערקונגען אַנשטאַט אַנטוואָרטען.

ענדע
דער
בריעף

פערזענליכע בעמערקונגען

עס וועט אינטערעסאַנט זיין דעם לעזער בעקאַנט צו מאַכען מיט דער אורזאַך, וועלכע האט געפיהרט איך זאל, צוליעב מיין בוך, זיך לערנען זיין אַ זעצער. אין דעם פאָרוואָרט האב איך בעמערקט, אז איך האב אונטערגענומען אַ דאָפּעלטע ארבייט; אָבוואָהל דער אויסדרוק איז ניט קלאָהר גענוג, האב איך איהם אבער ניט געוואלט פערלענגערן, ווייל איך האב געוואוסט — ווי איך האב גאנץ גענוי אין פאָראויס אלעס אויסגערעכענט — אז דער לעזער וועט טרעפען אַ בע־סערע ערקלעהרונג.

איין טהייל פון דער ארבייט קען מען אָבפערטיגען מיט איין זאַץ: צום דרוק פערטיג מאַכען אַ בוך, אָבוואָהל ער איז שוין אָנגעשריע־בען, נעהמט באלד אזוי פיעל צייט ווי איהם צו זעצען. — דערפאַר אבער וועל איך שוין פערווייל'ען לענגער אביסעל ביים צווייטען טהייל. ווי אזוי איז עס מעגליך געווען אונטערצונעהמען אזא שווערע און גרוי־סע ארבייט (צו זעצען מיט דער האנד וואָרט ביי וואָרט), ווען איך בין בעשעפטיגט 10 שטונדען אַ טאָג מיט „אָווערטיים" מאַנכעס מאָהל? הערט ווי אזוי: מיין ביכעל איז געווען אַן ערפאָלג. 3000 קאָפּיעס הייסט אפילו ניט פיעל פארקויפט, געלעזען האבען עס אבער אַן ערך פון אַ 20 טויזענד לעזער (ווי איך האב שפּעטער ערפאהרען), ווייל מאַנכע בוכהענדלער האבען פאר די „גרויסע" מורא געהאט עס צו

פערקויפען און מאַנכע האבען עס ניט געקענט קריגען אין דער ריכּ־
טיגער צייט, איז עס דערפאר געגאנגען פון האנד צו האנד. אבער
נאך אלעמען זיינען פיעלע לעזער געווען אין צווייפעל, אויב איך בין
גערעכט.

אַלזאַ, דער וואונש צו ווייזען דער וועלט, אז איך בין ניט משוגע,
איז געווען ליידענשאַפטליך; און איך בין שוין פערטיג געווען אַ צוויי־
טעם ביכעל ארויסצוגעבען. די אָרימע קרובים (זעה אין פאָרוואָרט)
זיינען שוין געווען בערייט מיר נאָכאמאָהל אויסצובאָרגען עטליכע
דאללאר (וואס קענען זיי זיך העלפען, ווען זיי האבען אַ משוגע'נעם
אין דער משפחה?...). אבער אין דער לעצטער מינוט האב איך
מיך גאנץ אליין דאָך באַרעכענט, אז אום צו קענען אביסעלע אָפּטער
קומען אין בעריהרונג מיט דעם אינטעליגענטערען לעזער, זיך צו קע־
נען פערטהיידיגען פאר די אַרט און ווייזע ווי אזוי מען אונטערדריקט
מיך, מוז מען האבען כאָטש אַ — אַ טראָפּעלע קאָמערציעלע אויס־
רעכענונג — מען מוז האבען אביסעלע אייגענעם „קאַפּיטאַל". אבער
ווי אזוי קען זיך ביי אַן אָרימען פאַבריק־ארבייטער אָבשטעלען קאַפּי־
טאַל? די איינציגע בעסטע זאך איז געווען, פעסט צו בעשליסען יע־
דע וואָך אוועקצולעגען עטליכע סענט „קישקע געלד", ביז עס וועט זיך
אָנזאַמלען אביסעלע געלד און איך וועל ווייטער קענען אָנגעהן מיט
מיין ארבייט, צו דערצעהלען דער וועלט — יענער, וועלכע ווייסט נאך
ניט! — וועגען דעם באַנקראָט פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג אין
אַמעריקאַ. און דערווייל? דערווייל, האב איך געטראַכט, מעגען די
„פאָרווערטס" חברה און יאַנאָווסקי פאר אַ מאָמענט טריומפפירען,
מעגען מיך אלע בעטראַכטען פאר גענצליך טויט; — איך אליין אבער
האב געוואוסט, אז איך בין ניט טויט, און דאס איז שוין געווען גענוג!

דער פעסטער בעשלוס, אלזאָ, צו דולדען אַ געוויסע צייט איז שוין געוועזן געפאַסט; וואס האב איך אבער געקענט טהון אין דער ווענינ־פרייער צייט, אום לייכטער אביסעל אריבערצוטראַגען די גע־דולד? שרייבען אפשר? אמת, אין מיין מוח בושעוועט אַ שטורם פון נייע געדאַנקען, וועלכע בעטען זיך מען זאל זיי בריינגען אויף פּאַפּיער, אבער ווי אזוי קען מען שרייבען מעהר, ווען מען איז אונרוהיג, ווען מען ליידעט, וואס די ערשטע שריפטען קענען ניט זיין פערעפענטליכט? — לעזען אפשר? אָה, צופיעל לעזען טאָר מען ניט!... איך קען נאָך ווערען אזא „געלערנטער" ווי דר. זשיטלאָווסקי אדער אזא „קריטי־קער" ווי אַב. קאַהאַן! איז, אַלזאָ, דער איינציגער אויסוועג געבליע־בען, צו טהון אַ ניצליכע ארבייט, וועלכע זאל אין דערזעלבער צייט פיהרען צו דער פערעפענטליכונג פון עפּעס פון מיינע שריפטען. און אזוי לאַנג געטראַכט, ביז איך בין געקומען אויף דעם פּלאַן אליין — שורה ביי שורה — צו אונטערנעהמען זעצען דיזען בוך. גרויסע שווע־ריגקייטען זיינען מיר געשטאַנען אין וועג, למשל: זיך צו לערנען זעצען, דאס איינקויפען די נויטיגע געצייג און מאַטעריאַלען און, ענדליך, דאס פערזאָרגען, אז איך זאל רעגעלמעסיג קענען אראפּנעהמען די פּלאַ־טען; — דיזע אלע שוועריגקייטען בין איך אבער בייגעקומען, ווי דער לעזער וועט זעהן, ווען ער וועט האלטען דעם פערטיגען בוך אין זיין האנד, אָבוואָהל איך האב מיך געמוזט אויסרעכענען ניט צו פערליע־רען אַ שטונדע אפילו פון דער אַנדערער ארבייט, ביי וועלכער איך בין געצוואונגען צו ארבייטען, אום אַ „לעבען" צו מאַכען.

און יעצט, וואס קען מיך שוין קימערן דער בייזער וואונש פון אונ־טערדריקונג פון יאַנאָווסקי׳ן און די „פאָרווערטס"־באַנדע, ווען אַ ווינ־קעלע פון מיין צימער האט זיך פערוואַנדעלט אין אַ קליינינקער

ווערק־שטאט? אויב איך וועל לעבען, וועט עס שוין ניט נעהמען אזוי לאנג, ביז איך וועל קענען ארויסגעבען מיין ראָמאַן. ערשט דאן וועט דער לעזער זעהן, ווי אונגערעכט די אונטערדריקער זיינען געווען צו דיזען ווערק — אַ פאַקט, וועלכער האט מיך געצוואונגען ארויסצוגעבען מיין ערשטע בראָשורע און אָנצופאנגען אַן עפענטליכען קאַמפף געגען זיי. עס וועט זיין אַ ראָמאַן פון איין־איינציגען באַנד — העכסטענס עטליכע זייטען מעהר ווי דיזער בוך — און ניט „6 בענדער", ווי דער ליטעראַרישער שאַרלאַטאַן יאַנאָווסקי האט וועגען איהם בעהויפּטעט. און אויך האָף איך, דאס טראָטץ דעם, וואס מען האט אזא גרויסען טעות געהאט פון מיר און געמיינט, אז איך בין אַ קראַנק, וועט מען דיזען ראָמאַן בעטראַכטען אלס איינעם פון די אידישע אָריגינעלע קונסט־ווערקע.

עס פערשטעהט זיך, אז איך וואלט צופריעדען געווען, דאס אַ פערלעגער זאל זיך געפינען פאר דיזען ווערק, אום איך זאל ניט מיין פרייע צייט מיט זעצען פערנעהמען. מיין קאָפּף וואלט דאן רוהיג געווען; איך וואלט אונגעשטערט געקענט ארויסברייננגען נייע זאכען פאר דער אידישער ליטעראַטור. אבער אונזערע אידישע פערלעגער זיינען איינפאך פערשקלאַפט צו די צייטונגס ארויסגעבער... אָט האבען זיי אַ ווערק, וועלכעס וואלט זיי איינגעבראכט געלד (ווען נאר עס וואלט ארויסגעגעבען געווארען פון ערפאַהרענע געשעפטסלייטע), ווייל דאס איז אַן אינטערעסאַנטער ראָמאַן, וואס וועט ווירקליך גע־לעזען, פערשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערען פון אלע אינטעליגענטע לעזער פאר אַ קונסט־ווערק — אָט האבען זיי אַ ראָמאַן, און זיי האַ־בען מורא פאר די צייטונגס ארויסגעבער איהם צו דרוקען!... איז דאס ניט אַ שרעקליכער הארץ־וועהטיג? און טאקי דערפאר טראָג

איך אזא ווילדען האס אויף די פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער בע־וועגונג, ווייל דורך זייער פינסטערער מאכט האבען זיי אזא שלעכטע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ. און דערפאר בין איך ניט זיכער, אויב איך וועל ניט זיין געצוואונגען ארויסצוגעבען נאָך א קאַמפּף־בוך, איידער איך וועל דעם ראָמאַן ארויסגעבען.

צו די פערלעגער וועל איך מיך מעהר ניט ווענדען; ווייל צו זיי און צו די צייטונגען האב איך מיך שוין גענוג געבויגען. אויב איינער פון די פערלעגער וועט זיך איבערלעגען מיין ראָמאַן ארויסצוגעבען, וועט ער מיר שוין לאָזען וויסען וועגען דעם. דערווייל האָף איך צו קענען ארויסגעבען געדאַנקען, אָהן צו זיין אבהייננגיג פון אירגענד וועלכע פערלעגער.

⁂

ווען מיין בראָשורע איז ערשיענען און דער „פאָרווערטס" און די „פרייע ארבייטער שטימע" האבען זיך ענטזאגט פאר מיין געלד זי צו אנאָנסירען, בין איך געצוואונגען געווען מיך צו ווענדען צו פאָרטגע־שריטענע אָרגאַניזאַציאָנען, דערצעהלענדיג זיי, ווי אזוי „זייערע" צייטונגען האבען זי אונטערדריקט, און געבעטען מען זאל מיך לאָזען פערקויפען איינינע קאָפּיעס ביי די פערזאמלונגען. מאַנכע פון דיזע אָרגאַניזאַציאָנען האבען מיך גאַנץ אַנשטענדיג אויפגענומען, וועלכע איך דריק דאָ אויס מיין טיעפסטען דאנק; א פּאָר אבער, פינסטערע פּאַנאַטיקער וואַהרשיינליך, וועלכע האבען שוין דאן פון דער בראָשו־רע מן־הסתם געהערט און זיי האבען זיך צוגעהערט צו יאַנאָווסקי'ס

„ווינק" אין „בריעף קאסטען", דאס איך בין משוגע, האבען איינפאך פון מיר חוזק געמאכט, ווייל איך האב געוואגט צו רופען יאנאָווסקי'ן שארלאטאן און דר. זשיטלאָווסקי'ן גייסטיגער נול: און, עס פערשטעהט זיך, מען האט ניט ערלויבט צו פערקויפען. איינינע „פּרינציפּיעלע" יונגע לייטע האבען זיך גענומען דיסקוטירען מיט מיר, דאס איך האב קיין רעכט מיך צו בעקלאָגען, ווען די דערמאהנטע צייטונגען אונטערדריקען דאס ביכעל, ווייל איך האב זיי אזוי שטארק באַליידיגט, און זיי האבען מיך גאר געטאדעלט פאר ניט זיין קאָנסעקווענט... אויב איך בעטראכט זיי פאר ניט עהרליכע, האבען זיי גע'טענה'ט, דארף איך מיט זיי ניט האנדלען. נון, מיט דיזע יונגע לייטע וויל איך ריידען עטליכע ווערטער:

ערשטענס, זיינען די ארויסגעבער פון די צייטונגען און די לעזער פון דיזעלבע צוויי גאנץ פערשיעדענע זאכען. די רעדאַקטערע מעגען זיך זיין די ערגסטע שווינדלער, זיינען אבער די לעזער גאר ניט שולדיג, ווען זיי ווערען פון יענע בעשווינדעלט. און עס איז די פּפליכט פון דיזען, וועלבער צייגט ארויס דעם גאנצען אמת, טאקי נאר אין ד י ז ע צייטונגען צו אנאָנסירען זיינע געדאנקען, אום דיזעלבע בעשווינדעלטע לעזער אויפצוקלעהרען וועגען דעם.

צווייטענס, איז ביי דער יעצטיגער צייט דאס אנאָנסירען פון אַ בוך אין אַ צייטונג איינס פון די ניצליכסטע זאכען, וואס מען קען זיך נאר פאָרשטעלען; דיזע מאָדע איז אזוי וויכטיג און נויטיג ווי דאס פערנאנדערשיקען סחורות אויף אייזענבאהנען איבער אַ גאנץ לאנד. דאס בעקאנטמאכען עפּעס — איבערהויפּט געדאנקען — איז פּונקט אזוי ניצליך ווי די פּאָסט היינטיגע צייטען: ניין, איך גלויב גאר ניט, אויב מען קען אויף אירגענד וועלכען אנדערען אופן בעקאנט מאכען

געדאנקען. נון אבער, ווען א רוסישער רעוואָלוציאָנער, למשל, זאל זיך ענטזאגען צו בענוצען מיט דער רוסישער פּאָסט אדער אייזענבאהן, ווייל זיי בעלאנגען צו דער רוסישער רעגיערונג, וואלטען מיר איהם ניט בעטראכט פאר א ווילדע בריאה? אזוי קען קיינער האבען טענות צו מיר, ווען איך בעטראכט די מאָדע צו אנאָנסירען עפּעס אין די צייטונגען פאר זעהר ניצליך, אָבוואָהל די רעדאקטערע פון די־זע צייטונגען בעקעמפּף איך ביטער.

זעהט איהר, ביי די צייטונג ארויסגעבער ליגט בעהאלטען א גע־וואלדיגע מאכט, וועלכע איז לייכט צו מיסברויכען; און געגען מיס־ברויכער פון מאכט מוז מען האנדלען אזוי ווי געגען מיסברויכער... אמת, די רעדאקטערע פון „פאָרווערטס" און פון דער „פרייע ארב. שטימע" קענען זיך טאקי פיהלען בעליידיגט פון דער אַרט פון מיין שרייבען, איז אבער דאס אונטערדריקען פון געדאנקען אן אָנשטענ־דיגע פערטהיידיגונג? די ארויסגעבער פון די דערמאָהנטע צייטונגען האבען ק י י ן ר ע כ ט אליין צו בעשטראָפען א מענשען, וועלכער האט, נאָך זייער מיינונג, געזינדיגט געגען זייערע רעדאקטערע: איך ערקלעהר עפענטליך, אז איך האב פונקט דאסזעלבע רעכט ארויס־צוזאגען מ י י נ ע געדאנקען, ווי די רעדאקטערע ז י י ע ר ע. און ווען די ארויסגעבער ענטזאגען זיך צו אנאָנסירען מיינע געדאנקען אין זייער אנאָנסען אבטהיילונג — אן אינסטיטוציאָן, וועלכע איך בע־טראכט פאר פונקט אזוי וויכטיג ווי אן אייזענבאהן אדער פּאָסט — דאן איז דאס א געפעהרליכער מיסברויך פון זייער מאכט.

ווען איך וועל דערלעבען צו זעהן דיזען בוך אויף דער ליכטיגער וועלט, וועל איך ווארטען אייניגע וואָכען, אום די הערערען פון „פאָר־ווערטס" און פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" זאלען צייט האבען

זיך גוט צו איבערלעגען, אויב זיי וועלען וועלען אַנאָנסירען מיין בוך אדער ניט. איך קען אויף קיין פאל ענדערן מיין מיינונג איבער זייערע רעדאַקטערע, ווייל איך, אַליין אַן אָרימאַן, האָב די געלעגענהייט געהאט איבערצייגט צו ווערען אין דער שעדליכקייט פון זייער זשור־נאַליזם פאר די אָרימע, און דערפאר בעקעמפף איך זיי עפענטליך. פאר ניט אַנאָנסירען מיינע „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק", האָב איך פּרובירט צו ענפערן, וואס איך האָב פערשטאַנען. ווען זיי וועלען זיך אָבער ענטזאָגען צו אַנאָנסירען דיזען בוך, וועל איך וואהר־שיינליך ריידען אַ גאַנץ אַנדערע שפּראַך; דען איך גלויב ניט, אויב איך וועל קענען גלייכגילטיג צוקוקען, דאס מיין בוך זאל אויף אַ פיי־נען אופן אונטערדריקט ווערען פון אַ באַנדע אונפעראַנטוואָרטליכע פערזאָנען, וועלכע רופען זיך „עהרליכע פּריווייהייטס קעמפּפער": איך גלויב ניט צו קענען זיצען שטיל און צוקוקען, ווי מיין בוך זאל אונטער־דריקט ווערען, נאָכדעם ווי איך וועל האָבען אַזוי שווער און ביטער געאַרבייט אויף איהם און אריינגעלעגט מיין לעצטען סענט. און די צייט, פּונקט ווי זי האט מיך געפיהרט צו קענען לייכטער אביסעל ארויסגעבען דיזען בוך, וועט וואהרשיינליך מיך אויך ווייטער פיהרען אין אַ ריכטיגען וועג צום האנדלען. שלאָפען וועל איך געוויס ניט!

❀ ❀ ❀

אָה, ווי גוט די נאַטור איז אָמאָהל צו אונז און בעשענקט אונז מיט אַ שאַרפזיניגען שרייבער!... וועהרענד דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" האט געגצליך פערזעהן אַזאַ וויכטיגע נייעס, למשל:— דאס אַ איד איז פּלוצים משוגע געוואָרען, און משוגע'נערהייט האט

ער אַ ביכעל ארויסגעגעבען, און אין דעמזעלבען האט ער די עהרי ליכסטע פיהרער פון דער פּראָגרעסיווער בעוועגונג געמאכט פאר לומפּען און שאַרלאַטאַנעס און דעם גרעסטען פילאָזאָף פון אונזער צייט פאר אַ גייסטיגען נול, — האט דער דאמאלסדיגער רעדאַקטאר פון „טאגעבלאַטט" שוין גאר ניט פערזעהן אזא וויכטיגע פּאסירונג...

און אזוי ווי די רעדע איז פון מיר אליין, און דיזער שאַרפזיניגער שרייבער האט מיר אָבגעגעבען כבוד מיט אַן איבערבליק איבער מיין ביכעל, וועל איך איהם מיט כבוד אָבצאָהלען. דער ענפער וועט אפילו ערשיינען צו שפּעט, עס מאכט אבער ניט אויס. דער לעזער וועט, האָפּענטליך, זיך צוגעוואוינען צו מיין ניט קריסטליכע נאַטור, ווייל, ווער עס גיט מיר אָב כבוד, דעם, מעג עס אפילו זיין שפּעטער, צאָהל איך אָב מיט פּראָצענט; און ווער עס דערלאַנגט מיר אומזיסט און אומנישט אַ פּאַטש אין איין באַק, ניט נאר גיב איך איהם ניט די אנדערע, נאר איך גיב איהם צוריק אזעלכע פּעטש, אז ער האט מיך צו געדענקען זיין לעבען לאנג!...

ווי אזוי זשע פאנגט מען אָן? די בעסטע זאך איז, איבערצוגעהן צו איינפאכע, ערנסטע ווערטער. דער פאסענדסטער ענפער וואלט פאר דיזען שרייבער געווען, איהם הייסען זאָרגפעליג איבערלעזען די־ זען בוך צוזאמען מיט יענעם ביכעל, און דאן זאל ער אויפמישען דאס „טאגעבלאַטט" פון דעם 3טען פעברואר, 1910, און איבערלעזען זיין „טינט און פעדער", ווי ער פאנגט דאָרטען אָן: „ששששא! אַ בעזים האט אויסגעשאָסען. אַ בראָנזווילער יונגער מאַנטשיק וואס ארבייט „ביי שוירטס" א. ז. וו.", און דאן זאל ער זיך פרעגען: "צו וואס האב איך אָנגעשריעבען אזא נאַרישען איבערבליק?" אליין איהם הייסען איבערלעזען זיין אייגענע שמירעריי, דאס וואלט געווען די **בעסטע**

שטראָף פאר איהם! נאר אזוי ווי איך האב מורא ער וועט זיך פוי־לען דאס צו טהון, וועל איך איהם אָן עפּעס דערמאָהנען. צווישען אנדערעס פילאָזאָפירט ער אזוי:

„וואלט דער בראָנזווילער קרענק געהאט שכל און ניט איבערגע־געבען דעם אינהאלט פון זיין ראָמאַן אין דעם פּראָטעסט ביכעל, וואלט מאנכער לעזער איהם געגלויבט אז זיין ראָמאַן האט אפשר יא געהאט א שטיקעל ממשות, פונקען פון טאלענט, וואס דערפאר וואלט זיך געלוינט, אז מען זאל איהם שענקען אויפמערקזאמקייט. אבער זייענדיג שטארק איינגעגלויבט אין זיך זעלבסט האט ער אי־בערגעגעבען דעם סוזשעט פון ראָמאַן און דאס איז שוין גענוג צו אי־בערצייגען דעם לעזער אז ער האט צו טהאָן מיט אן אמת'ען קרענק".

אלזאָ, נאך דיזען שרייבער קומט אויס אזוי: נאך דעם גאנצען ביכעל איז געווען צו צווייפלען, אויב איך האב טאלענט אדער ניט: אבער איבערגעבענדיג אין עטליכע שורות דעם סוזשעט פון מיין ראָ־מאַן האב איך מיך פשוט אָבגעקוילעט... שוין! דורך די עטליכע שורות טויג שוין ניט דער פּראָטעסט און עס „איז שוין גענוג צו אי־בערצייגען דעם לעזער אז ער האט צו טאָהן מיט אן אמת'ען קרענק".

נון, לעזער, מעגסט מיך טאקי האלטען פאר א קרענק, אבער אויף פאָלגענדער פראַגע ביזטו געבעטען צו ענפערן: קען מען פון א סוזשעט (פון עטליכע שורות) אורטהיילען, אויב א גרויס ווערק איז גוט אדער ניט, צי פון דער בעאַרבייטונג פון דיזען סוזשעט? און אויב דו ביזט נאר אונפּאַרטייאיש צו דיר אליין, וועסטו מוזען צו־געבען, דאס נאר פון דער בעאַרבייטונג פון א סוזשעט קען מען אור־טהיילען, אויב דאס ווערק איז גוט אדער שלעכט, קונסט אדער ניט קונסט. ווי אזוי זשע האט דיזער שמירער געקענט זאגען, אז בלויז

פון דעם סוזשעט אליין איז גענוג זיך איבערצוצייגען, דאס מען האט צו טהון מיט אן אמת'ן קרענק? מוז מען שליסען, דאס, ענטוועדער ער האט געפלאפּעלט גלאט אין דער וועלט אריין, אדער ער האט ספּעציעל געזוכט צו זאגען עפּעס שלעכטס. און עס שיינט טאקי, אַבוואַהל עס זעהט זיך ארויס ניט ווענינ אונזין אין דיזען שטיקעל שמירעריי, אז ער האט זיך אָנגעשטריינגט ארויסצושפּריצען זיין גאנץ ביסעל גיפט, אז ער האט געזוכט צו צייגען, דאס ער באנראַבּט מיך וואס טיעפער מיט מיין ביכעל.

אבער ניט צוליעב זיין נארישקייט האב איך מיך בעשלאָסען צו ענפערן, און אפילו ניט צוליעב דער ספּעציעלער, אונגעלומפּערטער רשעות פון דיזען מענשען. די פראגע, וועלכע האט מיר געעגבערט אין מוח, איז געוועזן: פארוואס קומט מיר דיזער גיפט? פארוואס האט דיזער נאַר געזוכט מיר אזוי וועה צו טהון? נאטירליך איז יעי דער בערעכטיגט צו האבען א מיינונג (א מיינונג, אבער ניט גיפט!); און פאר דיזע, וועלכע פיהלען זיך געטראָפען, איז עס ערקלעהרליך, ווען זיי זוכען צו טויטען דעם געגנער: אבער פארוואס איז גראדע אויסגעקומען, דאס דאס „טאגעבלאטט" זאל זיך אויף אזא נארישען אופן אָננעהמען די קריוודע פון די אפּיקורסים? האב איך דען אמאָהל צום „טאגעבלאטט" א סקיצע געשיקט און מען האט זיך ענטזאגט זי צו דרוקען? האב איך אפילו א וואָרט דערמאָהנט אין מיין ביכעל וועגען דיזער צייטונג? פארוואס — גאָט, מיין גאָט! — איז מיר געקומען אזא נאַרישער און גיפטיגער קלאַפּ פון א זייט, פון וועלכער איך האב ניט ערווארטעט?

נאך אויפפאלענדער ווערט די פּאסירונג, ווען מען בעמערקט, אונטער דעמזעלבען „טינט און פעדער", נאכדעם ווי ער האט אָבגע-

געבען א שטיקעל פלאטץ מיך צו „טויטען", האט ער אין עטליכע שור־רות געגעבען אן איבערבליק איבער דעם דאמאלס ערשיענענעם זשורנאל „די פרייע געזעלשאפט" און דעם ערשטען נומער געלויבט ביז אין הימעל אריין...

אבער ווי אזוי האט זיך יאנאָווסקי פערהאלטען צום „טאגע־בלאטט"? אַט ליגט פאר מיר די „פרייע ארבייטער שטימע" פון שבת, דעם 5טען פעברואר, 1910, און זעה, לעזער, וואס ער זאגט דאָרט:

„מיר האָבען דאָ, ב"ה, א טאגעבלאט, א מאָרגען זשורנאל. דיעזע זיינען אויך ניט קיין צדיקים. יעדען טאג ווערען דאָרט פאב־ריצירט ליגענס און געמיינהייטען געגען אלעס, וואס איז גוט און פּראָגרעסיוו", א. ז. וו.

וואלט איך געוועזען א שארלאטאַן, וואלט איך פאָלגענדען שלום געקענט ציהען פון יאנאָווסקי'ס ווערטער:

דאס „טאגעבלאטט" זאגט, אז איך בין א קרענק און יאנאָווסקי איז „אָלל־ראיט"; יאנאָווסקי בעהויפּטעט, אז אלע טאג ווערען דאָרט פאבריצירט ליגענס און געמיינהייטען: פאָלגליך, ענפערט יאנאָווסקי אליין, אז אלעס וואס דאס „טאגעבלאטט" האט פאבריצירט וועגען מיר און איהם איז ליגען און געמיינהייט...

אבער, אך! איך וויל ניט פלאפּלען; איך וויל נאר ווייזען דעם טיעף געזונקענעם צושטאנד פון דער אידישער פרעססע.

פארוואס האט יאנאָווסקי גאר פלוצים אָנגעגריפען דאס „טאי־געבלאטט"? האט דיזער געגען יענעם זיך מיט עפּעס פערזינדיגט? ניין! פארוואס זשע קומט עס אזא אנגריף אויף דיזען? און ביי דיזער געלעגענהייט וועט מען זעהן, אויף וואס פאר אן אונפערשעהמטען, ברוטאלען און נידערטרעכטיגען אופן דער נאאיוו־אינטעליגענטער

לעזער ווערט בעשווינדעלט פון דעם „עהרליכסטען" רעדאקטאר.

אין א זשורנאליסטישען „שטרייט" צווישען „פאָרווערטס" און „וואהרהייט" ארום יענער צייט, האט דער רעדאקטאר פון דער לעצ־טער זיך ארויסגעבאפט מיט א בעקאנטמאכונג, וועלכע האט דעם ערשטען ארויסגעשטעלט אין זיין אמת'ער געשטאלט... מיללער האט בעקאנט געמאכט, דאס א פערזאמלונג פון די פאָרשטעהער פון די טעגליכע צייטונגען איז געווען, אום צו זעהן ווי אזוי צו בעקעמפפען א געוויסע יוניאָן אין פאל פון א סטרייק, און עס האט דאמאלס געהאלטען דערביי, עס זאל זיך אויך גרינדען א מין אידי־שער צייטונגס־טראָסט. וואס זשע האט יאנאָווסקי געטהון? טאָ־מער איז נאך פערבליבען א שטיקעלע קלאָהרער מארך ביי מאנכען לעזער, וועלכער וואלט געצויגען א שלוס, אז די „פאָרווערטס" חברה זיינען ניט מעהר ווי א באנדע עלענדע געלד־יעגער, האט ער איהם פערטומעלט דעם מוח מיט שווינדלערישען אונזין, און, אום אָבצוצי־הען די אויפמערקזאמקייט צו דיזען שווינדערליכען פאקט, האט ער כלומר'שט געראהטען דעם „פאָרווערטס" זיך ניט מעהר צו „בעשמוי־צען" מיט דער „וואהרהייט" (וויל מילערקע איז א צו ביטרער יונג...) און אויך אָנצופיהרען א הייליגען „קאמפף" געגען „טאגעבלאטט" און „מאָרגען זשורנאל"...

איז דען נאך מעגליך אַן ערגערע געמיינהייט ווי דיזע? עס פער־שטעהט זיך, אז אלע שרייבער קענען גאנץ גוט דיזען ליטעראַרישען שאַרלאַטאַן; אבער וואס האב איך פון זייער קענען, ווען זיי האל־טען איהם גאר דערפאר פאר דעם גרעסטען חכם און דער לעזער בלייבט בעשווינדעלט? און דאָ קום איך צום פונקט, ווייל איך וויל לאזען יאנאָווסקי'ס שווינדלערישען זשורנאליזם פאר אנאנדערמאָהל.

און אַט וואס איך האב געוואלט זאגען: ווערענד, צוליעב איני־טערעסע, לאָזט יאַנאָווסקי קיין געלעגענהייט דורך אַנצוגרייפען דאס „טאגעבלאטט", לויבט גאר אַ שרייבער פון דעם לעצטען יענעם ביז אין הימעל, און מיך, וואס האָט איהם אפילו ניט דערמאָהנט, האט ער אזוי גיפטיג גענשטאָכען. אבער די פראַגע, ווי געזאגט, איז געווען: פארוואס האט דיזער שרייבער ארויסגעוויעזען אזא נידעריגע אונטער־לעקעניש? און דער ענטפער איז אַ קלאָהרער: דאס איז איינער פון די שרייבערלעך, וועלכע, אָבוואָהל זיי קענען גאנץ גוט דיזען ליטעראַריי־שען אויסוואורף און, צווישען זיך, ווייזען זיי ארויס אַן אָנשטעל פון פעראַכטונג צו איהם און האלטען איהם פאר קיין איבעריג וויכטיגע פּערזענליכקייט, ציטערן זיי דאָך אין דער אמת'ען פאר זיין דוך. נאר דיזע ערקלעהרונג קען מען געבען, פארוואס דיזער שמירער האט מיר אזוי וועה געטהון און יענעם אזוי הויך געהויבען, גלייך ווי ער וואלט געזאגט: „זעה, גוטער פּאַטערעל! אַט האב איך אַ געלעגענהייט דיר אָנצוטהון צרות, צו העלפען פערשפּרייטען אַ ביבעל, וואס איז שעד־ליך פאר דיר; איך וויל עס אבער ניט טהון! פארקעהרט, איך העלף נאך דיין שונא באַגראָבען טיעף, טיעף אין דער ערד, און דיך לויב איך! — נאר האב רחמנות און לאז לעבען!..."

וואלט דיזער שרייבער געהאט נאר אַ סימן פון פעסטען כאראק־טער און וואלט זיך צוגעקוקט צו יאַנאָווסקי'ס מעטהאָדע גופא (אויב ניט צו יענער פון די ענגלישע צייטונגען, וועלבע ניצען אויס יעדע ערי־שיינונג צו זייערע אינטערעסען), וואס פאר אַ גאָלדענע געלעגענהייט ער האט געהאט צו קריגען לעזער! דען, ווען ער וואלט מוטה גע־האַט צו מאַכען פון דיזען ביבעל אַ סענזאציאָן, ווייל עס איז געשריע־בען פון אַן ארבייטער — פון דעם קלאס, וועמען יענע הערען ווילען

בלומר'שט העלפען, וואלטען דאך דער „פאָרווערטס" און די „פ. א. ש." געמוזט ענפערן, און די לעזער, זעהענדיג א סימן פון לעבען ביים „טאגעבלאטט", וואלטען זיך אינטערעסירט צו קויפען זי און זעהן, וואס דאָ טהוט זיך. ווי אזוי דען קען מען אָנהאלטען די אַלטע און קריגען נייע לעזער אויב ניט דורך אירגענד וועלכען סימן פון לעבען? און צום סוף האט ער אפילו ניט געטראַכט וועגען דעם... און וואלט דען דיזע סענזאַציאָן געווען אזא קרומע זאך? וואלט דען ניט שוין צייט געווען, אז עס זאל זיך געפינען א שטארקע מאכט, וועלכע זאל אָפען ארויסצייגען די גאנצע געמיינהייט פון דער „עהרליכער" פּרעססע, ווי זיי בושעווען עס איבער דעם אינטעליגענטערן לעזער גאר אונבע־שטראָפט? מיך, אַן עלענדען און אָרימען ארבייטער, קענען זיי אין נאמען פון עהרליכקייט און יושר אויף א ברוטאלען אופן אונטערדרי־קען און איגנאָרירען; וואלטען זיי עס געקענט טהון מיט דעם „טא־געבלאַטט"? און וואלט עס דען ניט געווען טויזענד מאָהל שעהנער און אַנשטענדיגער, ווען דיזער שרייבער זאל זיך געווען אָננעהמען די קריוודע פון אַן אָרימען ארבייטער? דיזער אָננעהמען, אויס אינטע־רעס, וואלט אפשר געווירקט איך זאל פערקויפען עטליכע ביכלעך מעהר; וואלט דאס אפשר געווען אזא פעהלער? ווען דיזער שרייבער וואלט זיך נאר אינטערעסירט און אויסגעפונען, דאס איך בין קיין „יונגער מאנטשיק" און די פּאָר דאללאר פאר די ביכלעך וואלטען צונוץ געקומען, וואלט ער אפשר געזעהן, אז עס איז אַן אונרעכט צו העלפען מיך דערשטיקען. אזוי אבער, אין זיין דומהייט, האט ער יענעם מאן, וועלכער גרייפט כמעט אָן זיין אייגענע עקזיסטענץ, גע־הויבען ביז אין הימעל אריין און מיך האט ער געהאלפען וואס טיע־פער באגראָבען!

נון, לעזער, איך וויל ניט, אז דו זאלסט אפילו אויף איין מינוט אריינפאלען אין טעות און דיינקען, דאס פאר פערדרוס, ווייל דאס „טאגעבלאטט" האט מיך ניט ארונטערגענומען אונטער זיינע דעמאַגאָגישע פליגלען, שרייב איך דיזע צייליען; זאָג איך דיר אז ניט: ווייל, ווען ער וואלט יא פון דיזען ביכעל געווען געמאכט א סענזאציאָן, וואלט עס מיר אפשר מעהר געשאדעט ווי געהאלפען. דען דער „פאָרווערטס" און די „פ. א. ש.", אין זייער גרענעצלאָזער חוצפה, ניט קענענדיג מיך מעהר איגנאָרירען, וואלטען זעהר לייכט געקענט א ווינק געבען, דאס איך בין ניט מעהר ווי אַן אינסטרומענט פון די אידישע „שווארצע מאה", וועלכע איז ארויס אין קאַמפף געגען דעם „סאָציאַליזם" און דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן"... אויך זיינען די שמערצען פון דעם שרייבער'ס גיפט שוין לאנג פערביי. — אלזאָ, ניט פאר פערדרוס ווערען דיזע צייליען געשריעבען, נאר, ווי געזאָגט: פאר וואס האט ער מיר אזוי וועה געטהון? און, לעזער, וועסט שוין פערשטעהן, וואס פאר א גרויסער דומקאָפּף אזא שמירער איז, ווען ער האט זיך ערלויבט, אונפערדעקט, מיך צו מאכען פאר א קרענק און ווי שרעקליך גייסטיג שטומפּף ער איז געווען אפילו צו דער אינטערעסע פון יענע, וועלכע האבען זייער צייטונג צו איהם אנפערטרויעט — א מערקווירדיגע ערשיינונג, וועלכע איז ווערטה צו פערנעהמען א פראָמינענטען פלאַטץ אין דער געשיכטע פון דעם אידישען זשורנאַליזם אין אמעריקא.

יא, אזוי איז עס! וועהרענד פון איין זייט שטעהען צווי צייטונגען אויף דער וואך (א טעגליכע און א וועכענטליכע) און קיין געלעגענהייט ווערט דורגעלאזט ניט אָנצוגרייפען די געגנער; וועהרענד פון איין זייט זעהט מען דערשטיקען אויף א קליינליכען אופן אלעס, וואס

איז שיינבאַר שעדליך פאר זיי, אום נאר מיט אלע עקעלהאַפטעסטע מיטלען אָנצוהאַלטען דעם פרעסטידזש פון עהרליכקייט און אַני־שטענדיגקייט, און די טעגליכע צייטונג האט דארום דערגרייכט צו אַ 10 שטאָקיגער געביידע און קען זיך באריהמען מיט 150,000 לעזער; יא, וועהרענד פון איין זייט זעהט מען אזא געוואַלדיגע חוצפּה: — זעהט מען גאר פון דער אנדערער זייט דאס קושען די בייטש, וועלכע צוויקט איבערן פּנים!

„ווי קומט עס", וואונדערען זיך ערפאַהרענע געשעפטסלייטע, „וואס אַ צייטונג, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אויף שנאָרעריי, זאל דערגרייכען צו אזא גרויסער צאָהל לעזער, און אַ צייטונג, וועלכע איז ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק ווירקליך געווען די גרעסטע, זאל קיין פאָרטשריט מאכען?" איך פערשטעה ניט, וואס דאָ איז אזוינס דאָ צו וואונדערען זיך? עס קען אנדערש ניט זיין, ווען אן דער שפּיצע פון אַ מאָדערנער צייטונג שטעהען אזעלכע צוקראָכענע לעמישקעס ווי יענער „טינט און פעדער" שמירער.

פיעלע פון מיינע פריינדע האבען מיך געטאַדעלט, ווארום איך האב קיין סקיצע געשיקט צום „פאָרווערטס" קאָנקורס פון 1910. — נון, דעם אמת געזאגט, איך האב קיין בעשטימטען ענפער געוואלט געבען. די אורזאַך איז געווען: איך האב יא געשיקט אַ קורצע ער־צעהלונג (ווייל די 50 דאללאר וואלטען מיר צונוץ געקומען, ווען איך זאל געווען געווינען דעם פּרייז...) און זי איז ניט געדרוקט געווארען. נאטירליך איז מיר געווען שווער צו זאָגען, דאס מיין ערצעהלונג איז

געווען צווישען די שלעכטע, וועלכע, לויט דער ענטשיידונג פון דער קאָמיטע, איז ניט ווערטה גערדוקט צו ווערען אפילו אָהן א פּרייז. און צו זאגען, דאס אב. קאהאן איז פעהיג צו באגעהן אזא געמייני־הייט, למשל: צו מיסברויכען דעם צוטרויען פון איבער 70 האָפענדע שרייבער, אום צו ווייזען, אז ער איז אַ מאן מיט אַ פעסטען כאראַקטער און אז נאר ווי אזוי מען האנדעלט אין דער „פאָרווערטס" רע־דאַקציאָן איז גוט, און יענע שרייבער, וועלכע ווערען דאָרט אנערקענט אלס טאַלענטע, זיינען דוקא די בעסטע; אדער צו זאגען, דאס שלום אש און א. ליעסין זיינען פעהיג געווען מיטצוהעלפען, אום עס זאל ארויסקומען נאך קאהאן'ס וואונש: — צו בעהויפּטען אזא זאך הייסט שוין צופיעל געוואגט, האב איך בעסער געשוויעגען. איך קען מיך אבער ניט צוריקהאלטען ניט צו געבען דאס צוגעשיקטע פאר דער עפענטליכער מיינונג, און איך האָף, דאס עס וועט זיך נאָך גע־פינען מאַנכער לעזער, וועלכער איז פעהיג אונפּארטייאיש צו אור־טהיילען, אויב די קאָמיטע איז ווירקליך געווען גערעכט מיט איהר אורטהייל, דאס דיזע אָריגינעלע קורצע ערצעהלונג איז אַבסאָלוט אונדרוקבאַר.

זי לעזט זיך אזוי:

אַן איינבילדונג

ס'איז געווען אַ הייסער זומער טאָג.

איך בין געזעסען אויף אַ באַנק אונטערן שאָטען פון אַ בוים אויף „ריווערסייד־דרייוו". דאס איז אַ שעהנער, קונסטפאָל אויסגעאַר־בייטער פעלזען־פּאַרק אין מערב זייט פון דער שטאָדט ניו־יאָרק,

וועלכער ציהט זיך אויף א לאנגער שטרעקע ביים ברעג פון האדסאן טייך.

יענער פלאטץ, וואו איך בין געזעסען, איז פון הינטען פערשטעלט מיט א פעלזען וואנט, וועלכע שפארט אונטער דעם בולעווארד, וואו שפאציער־פאהרער פליהען אלע ווילע פערביי מאכענדיג א גערויש, אז עס דאכט זיך, אזוי ווי ערגיץ וויט וואלט געדונערט. ביי די זייטען איז דיזער פלאטץ פערשטעלט מיט גראז בעדעקטע בערגלעך, אויף וועלכע עס זעהט זיך קליינע ביימלעך; פון פארענט, צום וואסער, איז פריי, און עס קומט פאר גלייך מען זיצט ערגיץ אין א פערצויבערטען טהאל — ווי בעשריעבען אין די געשיכטען פון „טויזענד און איין נאכט" — פון וואנען מען קען שוין ניט ארויס.

איך בין געזעסען און אריבערגעקוקט צום אנדערען ברעג; און איבער דער אבערפלעכע פון'ם וואסער האט די לופט בלענדענדיג געציטערט, זייענדיג צוהיצט פון די זון שראהלען. און דאס וואסער אליין, וועלכעס איז דאמאלס געוועזן גלאט ווי א שפיעגעל, איז פון צייט צו צייט צושלאגען געווארען פון א דאמפף־שיפעל, וואס האט זיך געיאגט צוצושווימען צו יענער זייט, אום, טאקי באלד, פון דארט צוריקצוקומען און ברייגנען א גרוס פון די ניו־זשוירזשי פעלזען בערג־לעך, אויף וועלכע עס שטעהען חן'עוודיגע הייזקעלעך איינגעטונקען אין א ים פון ביימער, פון וועלכען זיי בליקען ארויס מיט זייערע פייער־עקיגע גלעזערנע, בלישטשענדיגע אויגעלעך.

פערטיעפט אין א וואכענדען טרוים, האב איך פלוצים דערהערט א גערויש לעבען מיר; ארומקוקענדיג זיך, האב איך געזעהן מיט אימפעט אנלויפען א אינגעלע אין א קינדער אויטאמאביל, וואס האט אויסגעזעהן א יאהר זעקס אלט. נאך איהם איז נאכגעקומען א מאן

און, בלייבענדיג שטעהן לעבען מיר, האט ער פריינדליך א קוק געטהון און זיך אנידערגעזעצט אויף דערזעלבער באנק, אויף וועלכער איך בין געזעסען. ער האט נאכגעשריעגען דעם אינגעלע ניט צו פערפאהרען צו וויט; אבער דער קליינער חברה־מאן האט זיך ווענינ געקימערט פאר דעם געשריי און איז דוקא אוועקגעפאהרען וויט פון יענעם טהאל, אום אין עטליכע מינוט ארום צוריקצוקומען. דער אונבעקאנטער האט דערווייל גענומען אריינקוקען אין די געדרוקטע אותיות פון אן ענגלישער צייטונג.

דאס איז געווען א בלאנדער מאן, וואס האט אויסגעזעהן ארום 35 יאהר אלט; דאס פנים פול, גלאט ראזירט, א שעהנער, הויכער שטערען און לעבעדיגע, גראע אויגען. דאס אינגעלע איז געווען דער הפוך פון איהם: שווארצע האר, שווארצע אויגעלעך און דאס טונקעלע פנים'על האט באלד געגעבען דעם אויסזעהן פון א נעגערעל, כאטש מ'האט פון וייטען געקענט זעהן, אז ער איז עס ניט. כ'האב דעם מאן בעטראכט פון אלע זייטען, וועלענדיג אויסגעפינען אויב ער איז א איד, אום אפשר א ווארט מיט איהם אויסצוריידען.

די שטעהענדע און שטיקענדע לופט האט זיך אנגעפאנגען בעוועגען און, מיט איהר, די בלעטעלעך פון די בוימער אנמאכענדיג א שטילען און אנגענעהמען גערויש; און אין דערזעלבער צייט האט דיזעס ווינטעלע מחיה'דיג געגלעט איבערן פנים. דער וואסער שפּיעגעל האט זיך א ריהר געטהון און באלד האבען זיך קליינינקע כוואלעלעך אנגעשלאגען מיט א גערויש אן ברעג. דאס האט אויף אונז געווירקט ווי אן עלעקטרישער שראם: ער האט אריינגעלעגט די צייטונג אין קעשענע און מיר האבען זיך געביטען מיט די בליקען; און אין דער קומענדער סעקונדע האט ער מיר שוין מיטגעטהיילט, דאס

דער וועטער איז א שעהנער, אויף וועלכען איך האב פרובירט געבען מיין צושטימונג.

ווען ער האט אבער בעמערקט, אז איך קען נאך ניט אזוי גוט די ענגלישע שפראך, האט ער שנעל געביטען זיין מאניערליכע האלטונג און זיך אנגעפאנגען בעווענען פרייער, ריהרעוודיגער, היימישער, אזוי ווי ער וואלט פאר זיך דערזעהן אן אלטען בעקאנטען, וועלכען ער האט שוין זייט יאהרען ניט געזעהן, און אין דערזעלבער צייט האט ער געביטען די שפראך אויף אידיש, איבער וועלכען כ'האב מיך אי גע־פרייט, אי געוואונדערט, וויסענדיג, אז לעבען מיר זיצט איינער, מיט וועלכען איך קען מיך איינפערשטעהן, כאטש אין דער אמת'ען זעהט ער אויס ווי אן אמעריקאנער.

א לעבעדיגער געשפרעך האט זיך ענטוויקעלט; מיר האבען גע־רעדט פון אלעס אין דער וועלט און דעבאטירט אויף'ן אמת'ען אידי־שען שטייגער: איך האב געוואלט ווייזען, אז איך בין אינטעליגענט גענוג צו ריידען פון אלערליי חכמות, און ער האט מיך געוואלט אי־בערשטייגען. ענדליך זיינען מיר ארויפגעקומען אויף וויסענשאפטלי־כע פראבלעמען. און, מערקווירדיג! פאר מיר איז עס געווען א נייע זאך: — א ציוויליזירטער און אינטעליגענטער מאן זאל צווייפלען אין דער וויסענשאפט! אזוי איז עס אבער געווען: ער האט מיט וואונ־דערבארע ארגומענטען בעוויעזען, דאס, אבוואהל די וויסענשאפט האט דערגרייכט צו אזא הויכער שטופע, וועט זי אבער קיינמאהל קענען צו טיעף אריינדרינגען אין די געהיימניסע פון דער נאטור.

און איך, וועלענדיג איהם איבערצייגען ווי ווייט די וויסענשאפט דרינגט יא אריין אין דער נאטור'ס געהיימניסע, האב גערעדט פאר „פייער און וואסער", געבענדיג איהם ביישפיעלע פון דאמפף, עלעק־

טריציטעט, היפנאָטיזם און אנדערע ערשיינונגען; און — איך הויב ניט אָן צו וויסען פארוואס דאס איז געווען, צי ווייל דאס איגנעלע איז גראָדע פערבייגעלאָפען און האט ארויסגערופען אַן עראינערונג, אדער דורך'ן אַלגעמיינעם געזעץ פון אידעען־פעראייניגונג איז דיזער געדאנק אליין געקומען — איך וויים נאר, אז כ'האב איהם פאָלגענ־דען בעוויז פרובירט געבען:

„האט איהר גאר ניט געהערט פון דעם בעריהמטען פראָפעסאָר וואלענשטיין?"

„וואס איז דען מיט דיזען פראָפעסאָר?" — האט ער נייגיעריג געענטפערט מיט א פראגע און איז פאר א ווילע געבליעבען אין פער־לעגענהייט, טאָמער ברייננ איך איהם א נייעם בעוויז, עטוואס, וואס ער האט נאך ניט געוואוסט.

„דיזער האט דאך גאר אויפגעטהון וואונדער!" — האב איך טריומפפיהרענד געענטפערט, „ער איז דער מאן, וועלכער האט אויפ־געדעקט דאס גרויסע נאטור געהיימניס פון געשלעכטער, און א דאנק איהם וועלען קענען געבוירען ווערען קינדער נאך פערלאַנג; איינגלעך אדער מיידלעך."

„און איהר גלויבט דאס?" — האט ער פאַרשענד געפרעגט

„איך גלויב עס, איך גלויב עס!" — האב איך זיכער געענפערט.

ער איז אויפגעשפרונגען ווי געביסען פון א שלאַנג און אַנגעפאַנ־גען שנעל צו ריידען:

„דאס איז א טעות! די ערדרען פראָפעסאָרען וועלען דיזעס גע־היימניס קיינמאָהל אויפדעקען; זיי וועלען נאר בעשאַפען א נייע אַרי־מעע ספעציאַליסטען, און עס וועלען זיך געפינען גענוג בעלנים, וועל־כע וועלען גוט בעצאָהלען פאר דעם שיינבאַרען פערגניגען צו וועלען

האבען קינדער נאך געשמאק.

„איך בין זיכער", האט ער פארטגעזעצט, נאכדעם ווי ער האט אבגעכאפט דעם אטהעם, „אז מען וועט זיך אבנארען. דאס איז גראדע איינער פון יענע נאטור געהיימניסע, אין וועלכע קיינער וועט קיינמאהל קענען אריינדרינגען. — קיינער קען פערשטעהן די וואונדערבארע ערשיינונג פון פארטזעצען א וועלט, וועלכע מוז האבען א געוויסע צאהל זכרים און נקבות..."

איך בין שטיל געבליעבען; איך בין מודה, אז איך האב ניט געהאט וואס צו ענפערן. און ווען ער האט געזעהן, אז איך שווייג, האט ער נאך מיט מעהר היץ גערעדט:

„ס'איז לעכערליך, ס'איז דער גרעסטער אונזין צו געהן געגען יענער געהיימניספאלער נאטור! זיינט איהר דען אימשטאנד צו זאגען, וואס פון יענער זייט איז? אט דארט, קוים ווילען מיר, קליינינקע מענשעלעך, נאר פרובירען אריבערצושפרינגען דעם צאהם, וועלכער איז פאר אונז אנגעצייכענט, אה! דאן שטעהט זי, די געהיימניספאלע נאטור, און לאכט זיך אויס פון אונז; ווי א לץ שטעהט זי הינטער אונז, טהוט אונז אב א שפיצעל און מאכט חוזק פון אלע אונזערע בעהאלטענע בעשטרעבונגען געגען דעם גאנג פון דער נאטור!"

ער איז שטיל געבליעבען און געווארט פאר אן ענפער, מיר קוקענדיג אין די אויגען; זיין בליק האב איך געמוזט אויסמיידען, ווייל איך האב קיין ענפער געהאט. ענדליך האב איך מוטה געקרוגען:

„איז דען דא עפעס א בעוויז פאר אייער בעהויפטונג?"

„ס'איז דא בעוויזע א־סך!" — האט ער אויסגעשריען, — „ס'איז דא! ווילט איהר איך זאל אייך דערצעהלען א געשיכטע, וועלכע קען צייגען, ווי אזוי די געהיימניספאלע נאטור קען אבטהון א

שפּיצעל? ווילט איהר וויסען, וואס ביי מיר אין הארץ טהוט זיך, — עפּעס, וואס כ׳האב עס נאך פאר קיינעם דערצעהלט, — וואס מיר גריזשעט אין מוח?״

איך בין נייגיעריג געווארען צו הערען זיין געשיכטע און כ׳האב דאס איהם געזאגט.

„שוין א לאנגע צייט״, האט ער אָנגעפאנגען דערצעהלען, „אז איך בין בעשעפטיגט אלס בוכהאלטער אין א וויין געשעפט. געווען איז עס מיט אכט יאָהר צוריק, ווען מען האט דאָרט אָנגעשטעלט א נייע קאסירערין. מיר איז אויסגעקומען איהר צו ווייזען ווי אזוי אונזער געשעפט פיהרט זיך בין איך דערווייל פערפיהרט געווארען. איהר זיסע שטימע, איהרע גאָלד-בלאָנדע האָר און איהרע הימעל-בלויע אויגען האבען מיך בעצויבערט; איהר אָוואל פּנים׳על — וויס און צארט — האט מיך ווי א מאגנעט צו איהר געצויגען; פון צווישען די חן׳עוודיגע ליפּעלעך האבען זיך איהרע ווייסע ציינדלעך ארויסגע־זעהן ווי צוויי קליינינקע שנירעלעך פּעריל און, צוזאמען מיט איהר פריינדליכען בליק, האבען זיי געטראָפען מיין הארץ ווי פערגיפטעטע פיילען. קורץ, איהר וועט שוין פערשטעהן, אז כ׳האב מיך אין איהר פערליעבט.״

„יא, מיין פריינד״, האט ער א זיפץ געטהון, „איך בין געווען פערליעבט; איך בין געהאַפּט געווען אין דער שרעקליכער ליעבע׳ס נעץ! אבער ניט מיין ליעבע׳ס געשיכטע וויל איך דערצעהלען; אָט דיזע ליעבע האט זיך ניט אָנגעפאנגען אזוי לייכט ווי מיר ריידען דאָ: זי איז געקומען לאנגזאם, געגען אונזער ביידענס וואונש. איך בין גע־ווען ווי משוגע, שטענדיג ארומגעגאנגען פער׳חלום׳ט, ביז כ׳האב מיך געמוטט בעשליעסען זי צו הייראטהען. — צוויי מענשען, ווייט איינער

פון אנדערן ווי הימעל פון ערד, האבען זיך געמוזט בעשליעסען צו לע־בען און ווירקען צוזאמען, אום איינער זאל זיך איבערצייגען, אז ניט אזוי לייכט קען מען געהן געגען דער נאטור... א מערקווירדיגע ער־שיינונג! ניט אמת אפשר?"

„אבער ניט אזוי גרינג איז אונז אנגעקומען אונזער בעשלוס, ווייל — פערשטעהט איהר מיך — זי איז געווען א קריסטליכע מיידעל, א געבוירענע אמעריקאנערין..."

„איך האב געמוזט ענטשיידען צווישען פערלאזען מיין פאלק, מיינע שוועסטער און דער שטארקער ליעבע, וואס איז געווען ביי אונז ביידע. מיין פאטער איז דאן שוין געווען טויט; געקומען זיינען מיר אהער: ער, איך און מיינע צוויי שוועסטער נאך אין יענער צייט, ווען די ערשטע רוסישע עמיגראנטען האבען אנגעפאנגען צו פאהרען קיין אמעריקא. מיין מוטער איז יונגערהייט געשטארבען אין רוסלאנד. איך בין געווען א פרייער מענש, אבער דאס האט מיך ניט אבגעהאל־טען פון צו פיהרען א קאמפף מיט זיך אליין. מיינע שוועסטער הא־בען געוואוסט פון דיזער ליעבע און, אבוואהל זיי האבען מיך אויסגע־האלטען די צייט פון מיין לערנען, האבען זיי אבער ניט געוואגט צו דערמאהנען א ווארט אפילו, אויב זיי זיינען איינפערשטאנען, אדער ניט. אויך דער מיידעל'ס עלטערן האבען ניט געשטערט זייער טאכ־טער'ס ליעבע."

„מעהר ווי א יאהר האט דיזע שטילע, גלוטה־הייסע ליעבע גע־דויערט, ביז מיר האבען זיך ערלויבט אויפצוברעכען א שמועס וועגען א פעראייניגונג. און ווען כ'האב זי איינמאהל א פרעג געטהון, אויב זי וויל אריבערגעהן צום אידישען גלויבען, האט זי אויסגעבויגען איהר קעפעל אויף א זייט און מיט א קינדערשען, איינדרוקספאלען שמיי־

בעלע מיר געקוקט אין די אויגען; און טאקי באלד האט זיך דיזער שמייכעל פערוואנדעלט אין א טרויעריגען, הארצרייסענדען אויסדרוק, און צוויי טהרערען האבען זיך בעוויזען אין די ווינקלען פון איהרע אויגען, וועלכע האבען געבלישטשעט ווי צוויי בריליאנטען; און דאן האט זי געענטפערט:

„צו וואס, מיין טייערער? איז דען ניט אונזער ליעבע שטארקער ווי דיין גלויבען?"

און, נאכדיינקענדיג אביסעל, האט זי מיר ענדליך אן ענטשלאסענעם ענפער געגעבען:

„גיין, די גוטע, קריסטליכע רעליגיאן איז מיר אונמעגליך צו פערלאזען! און אויב דיין אידישער גלויבען שטעהט דיר אין וועג, דאן ביזטו פריי! איך בין ניט פון יענע מיידלעך דיר צו שטערען. אבער זאג מיר, קענען מיר דען ניט גליקליך זיין און ניט איבערבייטען אונזערע גלויבענס? זיינען דען ניט אלע מענשען גלייך?..."

„יא, יא!" — האט ער פלוצים אבגעהאקט די געשיכטע פון זיין געשפרעך מיט דער מיידעל און ווידער אנגעפאנגען דערצעהלען וועגען זיך אין אן איראנישען טאן, — „אלע זיינען גלייך! קיין אונטערשיעד דארף זיין צווישען איד און קריסט, שווארצען אדער ווייסען: — איך בין געווארען א טרוימער! עס האט זיך ביי מיר אויסגעארבייט א געדאנק: ווי גליקליך די מענשען וואלטען געוועזן, ווען זיי זאל ניט אבטהיילען איין נאציאן פון דער צווייטער, ווען... ווען זיי זאלען ניט זיין אזעלכע פאנאטיקער!..."

„ב'האב דאס געפרעדיגט ביי יעדער געלעגענהייט; עס איז ביי מיר געווארען א צווייטע רעליגיאן. די אידען קען מען דאך דערפאר ניט ליידען, ווייל זיי האלטען זיך אבגעזונדערט; און ווען זיי זאלען זיך

נאר וועלען אויסמישען מיט די איבעריגע נאציאָנען, דאן, ביז אין איין יאָהרהונדערט וואלט דער נאָמען איד אָבגעווישט געווארען: פֿער־שוואונדען וואלט די אידישע ראַסע! ווער דארף זי און וואס פֿאר א נוצען ברייננט זי דען?..."

„אַ בעוויז, אז די ספּעציעלע אידישע ראַסע קען פֿערשווינדען, האב איך געהאט א גוטען: מיין פֿאטער איז געווען אַ טונקעלער איד, געהאט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגען; מיין מוטער, דאגעגען, איז געווען א בלאָנדע: און איך בין עהנליך צו מיין מוטער. ביי מיר איז קיין צווייפעל געווען, אז מיינע קינדער וועלען עהנליך זיין צו ז י י ע ר מוטער; די שפּראַך וועט פֿערגעסען ווערען: און אזוי וועט עס געהן פֿון איין דור צום צווייטען! מיט דיזער טהעאָריע, האב איך גע־טרוימט, וועל איך מאכען דעם אנפֿאנג אָבצואווישען די אידען פֿון דער ערד... און מיט דיזער איבערצייגונג האב איך מיט דער מיידעל מיך פֿעראייניגט..."

„אבער די געהיימניספֿאָלע נאַטור האט זיך פֿון אלע מיינע טרוי־מערייען אויסגעלאַכט! איך אליין בין טאקי א בלאָנדער — עהנליך צו מיין מוטער, אבער אָט דיזער אינגעלע, וועלכען איהר זעהט דאָ, איז ניט עהנליך צו מיר, אדער צו זיין מוטער, דער אַמעריקאַנערין, ער איז עהנליך צו מיין שוין לאנג פֿערשטאָרבענעם פֿאטער!..."

ער איז פֿאר אַ ווײלע שטיל געבליעבען און שווער אויפֿגעאָטעמט פֿון צופֿיעל ריידען. זיין בליק איז פֿערדונקעלט געווארען; מיר האט זיך געדאכט, אז באלד, באלד וועט ער אויספּלאַצען אין אַ געוויין.

„יא", האט ער ווידער אָנגעפֿאנגען, „גלייך ווי ניט איך און ניט מיין געליעבטע וואלטען אויף דער וועלט געווען... וואס זאגט איהר צו דיזער ערשיינונג?"

איך בין זיך מודה, אז איך בין צוטומעלט געווארען; מאָדנע גע־דאנקען זיינען מיר געקראָכען אין מוח: אפשר איז עס טאקי דער ווי־לען פון יענער געהיימניספאָלער מאכט די אידען אויפצוהאלטען? — און ווען ער האט געזעהן, אז איך האב ניט וואס צו ענפערן, האט ער ווייטער גערעדט:

„און ניט נאר די אויגעלעך, די האָר און דער טונקעלער פּנים'על זיינען עהנליך צו מיין פאטער, נאר אלע זיינע בעוועגונגען; דיזער איינגעלע איז די אמת'ע אָבשטאַמונג פון דער אלטער אידישער ראַ־סע!... וואס האט זיך אויסגעלאָזט פון אלע מיינע טרוימערייען? ווי אזוי קען מען ריידען פון פעראייניגען די אידען מיט די איבעריגע נאציאָנען, ווען זי, די נאַטור, אליין וויל דאס ניט? — די געהיימניס־פאָלע נאַטור קען מען ניט דורכדרינגען, ווייל זי לאַכט זיך אויס פון אלע אונזערע שטרעבונגען. און ווען איהר וועט פרעגען וועגען איהר צוועק — וואס וויל זי? דאן האב איך בלויז איין ענפער: ווער קען ווי־סען? קיינער, קיינער קען דאס ויסען! מיר זיינען ביי איהר, ווי ליים אין די הענד פון א קינסטלער: זי קנייט פון אונז אויס דאס, וואס זי וויל, אבער אויף קיין פאַל דאס, וואס מיר ווילען. אונז דאכט זיך נאר, אז מ י ר טהוען אויף געוואלדיג גרויסע זאכען; אבער דאס איז א י ה ר ארבייט. מיר זיינען ניט מעהר ווי די מעטאלענע דראָטען, וועלכע גיבען איבער דעם עלעקטרישען שטראָם פון איין פלאַטץ אויף א צווייטען: די ווירקונג זעהט מען, אבער די קראַפט אליין זעהט מען ניט און מען ווייסט ניט, וואס דאס איז. צו זאגען, ווי איהר האט פריהער בעהויפטעט, אז די וויסענשאַפט וועט יא ווען עס איז דורכ־דרינגען יענע געהיימניספאָלע קראַפט, איז לעכערליך."

ער איז שטיל געבליבען. צו ענפערן האב איך ניט געהאט

וואס, האב איך אויך געשוויעגען. ביי מיר אין מוח האט זיך אבער געדרעהט א פראגע: אפשר האט ער זיך איינגעבילדעט, אז די נא־טור — איהם אבטהוענדיג א שפיצעל — האט ספעציעל זיין קינד עהנליך געמאכט צו זיין פאטער, און דאס האט בעשטימט זיין פיה־לען און דיינקען? איז עס דען ניט א בעקאנטער פאקט, דאס אן איינ־בילדונג בעשטימט איינעם'ס דיינקען פאר זיין גאנץ לעבען?

עפעס וועגען מיין בעוואוסטזיין אלס שרייבער.

פיעלע, וועלכע האבען אין מיין ביכעל „ווערטער פון א ליטעראַ־רישען קרענק" געלעזען די אורזאך, פארוואס כ'האב בעשלאָסען צו קעמפפען געגען די דומקעפף און שאַרלאַטאַנעס, נעמליך: — דער שטאַרקער וואונש, דאס מיין ראָמאַן זאל געדרוקט ווערען, און זיי זייי־נען דארום „איבערצייגט", אז איך בין א קרענק — אלזאָ, פיעלע איני־טעליגענטען (און דאָ רייד איך פון די עהרליכע אינטעליגענטען, ווייל ביי די שאַרלאַטאַנעס קען קיין רייד זיין פון איבערצייגונג...) — אָט דיזע דיינקען זיך אונגעפעהר אזוי: אזוי ווי איך האב געזעהן, דאס שרייבעריי, אלס פראָפעסיאָן, איז זעהר א גוטע זאך, וועלכעס יעדער אָרימער ארבייטער מעג זיך ווינשען, האב איך געחאפט, אָנגעשריע־בען איינינע סקיצען און געשיקט אין די רעדאַקציעס. און אזוי ווי „צופעליגער ווייזע" (ווייל די רעדאַקטערע זיינען געווען גוט גענוג אי־בערצושרייבען זיי...) זיינען עפעס פון זיי געדרוקט געווארען, וועלכעס האט מיין „קרענקישען" מוח צוטומעלט, פאָלגליך: האב איך גלייך אָנגעשריעבען א ראָמאַן פון „זעקס בענדער" א. ז. וו., א. ז. וו.

און דאס וויל איך טאַקי מען זאָל וויסען, אז עס איז א גרויסער טעות צו דיינקען, דאס פריהער האב איך אָנגעשריעבען עטליכע סקיצען און, נאָכדעם ווי כ'בין מיט זיי „גליקליך" דורכגעגאנגען, האב איך דעם ראָמאַן פערפערטיגט. דער אמת איז, אז נאָך, כמעט, פון קינדוויי אָן האבען מיך געמוטשעט געדאנקען, וועלכע האבען זיך געריסען מען זאָל זיי ארויסברייננגען אויף דער וועלט. איך קען דאס בעווייזען דורך מיינעם א געוועזענעם פריינד (היינט איז ער א בעקאנטער שרייבער), וועלכער האט מיך אלע מאָהל אונגעפעהר אזוי געפרעגט: „וועו, וועו וועסטו שוין אמאָהל אָנשרייבען דיין ראָמאַן?" אדער (עס פערשטעט זיך אין חוזק): „איז שוין דיין ראָמאַן פערטיג געוואָרען?" און נאך אזעלכע פראַגען. די געדאנקען האב איך געמוזט ארויסשרייבען, ווייל זיי האבען מיך איינפאַך ניט געלאָזט שלאָפען; זיי האבען מיך איינפאַך פערצעהרט!

איך האָף נאָך אמאָהל צו קענען מיט מעהר איינצעלהייטען דערצעהלען, ווי אזוי איך האב געמוזט מיינע געדאנקען ארויסשרייבען און ווי אזוי איך בין געקומען צום בעוואוסטזיין, דאס זיי זיינען גוט: עס וועט יעדען אינטערעסירען. דאָ וויל איך נאר אין קורצען בעמערקען, אז ווען מיין ראָמאַן איז שוין געווען אָנגעשריעבען, האב איך אָנגעפאנגען צו טראַכטען, אויף וואס פאר אן אופן מען קען לאָזען וויסען די „עהרליכע" רעדאַקטערע וועגען איהם. צום ערשטען אבער, האב איך מיר אליין געשטעלט פאָלגענדע פראַגע: „אמת, ברודער לעבען, האסט אָנגעשריעבען געוויסע געדאנקען; דיר, אלס זייער בעשעפער, געפעלען זיי: ביזטו אבער זיכער, אז דו ביזט פעהיג אויך א נ ד ע ר ע איבערצוגעבען דאס, וואס דו דיינקסט, אז עס איז גוט?" און, זייענדיג א מענש מיט א טהעטיגע נאַטור, האב איך

פראבירט אָנשרייבען מיין „ערשטע" סקיצע און זי גלייך געשיקט צום „פאָרווערטס"; און כ'האב געהאט גענוג געדולד צו ווארטען א גאַנץ יאָהר, ביז כ'האב זי געזעהן געדרוקט אָהן מיין נאָמען. ערשט נאָכ־דעם האב איך ווייטער פראבירט מיינע קרעפטען, שיקענדיג אויך צו אנדערע צייטונגען אלעם צוזאמען נאך א פּאָר סקיצען, אַן ענפער אויף דר. מעריסאָן'ס אַן אבהאנדלונג „פּארלאמענטארישע טהעטיג־קייט", א לענגערע איבערזעצונג און אַן אויסצוג פון עמאַנועל קאַנט. און כ'האב מיר דאמאלס אזוי געדיינקט: ווען דיזע מענשען (צו וועמען מיינע צוגעשיקטע שריפטען זיינען אָנגעקומען, וועלבע איך האב בעטראַכט פאר איינפּאַכע לעזער און ניט פאר אויטאָריטעטען) — ווען דיזע מענשען, וועמען עס קומט אויס צו לעזען אזוי פיעל צוגע־שיקטע שריפטען, אויסער דאס, וואס זיי מוזען לעזען צוליעב זייער פּרנסה — ווען זיי האבען געפונען מיינע געדאנקען אינטערעסאנט גענוג צו קענען זיי איבערגעבען צו די לעזער, דאן בין איך שוין פעהיג איבערצוגעבען דאס, וואס איך דיינק, אז עס איז גוט. און ערשט נאָכדעם האב איך מיר ערלויבט מיך צו ווענדען צו זיי ווענען מיין ראָ־מאַן. אייניגע איינצעלהייטען וועט דער לעזער געפינען אין דעם דער־מאָהנטען ביבעל, ווייל איך וויל דאָ מיינע צרות ניט איבערחזרן.

און עס שיינט, דאס, אויסער דיזער זעלבסט־פּראָבע, איז דער בעוואוסטזיין אויך געקומען אינסטינקטיוו. איך וויל דאָ זאָגען, אז דער געהיימניספאָלער געפיהל, וועלכער האט מיך אונטערגעשטופּט צום שרייבען און מיר אריינגעשושקעט אין אויער, דאָס מיינע געדאנ־קען וועלען זיין צום הארצען פון יעדען לעזער אָ ה ן אַ ן א ו י ס נ א ה־מ ע — אָט דיזער געפיהל האט מיך ניט אָבגענאַרט! איך וואלט פיעל אינטערעסאַנטעס געקענט דערצעהלען, וואס פאר אַן ערפאַה־

רונג איך האב געמאכט, שוין נאָכדעם ווי כ'האָב אָנגעשריעבען דאס בעקאנטע ביכעל: איך האב אבער זעהר ווענינ פלאַטץ. איין פאַ־סירונג אזעלכע אבער קען איך מיך אויף קיין פאל צוריקהאלטען ניט איבערצוגעבען זי, ווייל זי האט מיך אָנגעפילט מיט פרייד און מיט האָפנונג. — אָט איז זי:

עס איז מיר צופעליג אויסגעקומען בעקאנטשאפט צו מאכען מיט א יונגען מאַן, וואס איז ערשט אריבערגעקומען פון רוסלאַנד. זיין נאָמען איז ג. סקליאר; זיינע אַן איבערזעצטע סקיצע איז געווען געדרוקט אין דער „פרייע ארבייטער שטימע": און יאַנאָווסקי האט איהם אויך פערשפּראָכען צו דרוקען זיינע א גוטע איבערזעצונג פון דאָסטאָיעווסקי'ס א ווערק. צו ענדע האט דיזער רעדאַק־טאר קיין וואָרט געהאלטען און דיזעס ווערק ניט געדרוקט. ווארום? קען איך ניט פערשטעהן (איז אפשר ניט די קליינליכע קנאה, דאס ניט פערגינען, אז דער נאמען פון א נייעם טאלענט זאל בעקאנט ווע־רען, אויך דאָ די אורזאך פון ניט האלטען וואָרט?). אבער ניט דעם יונגען מאַן'ס פאסירונגען בין איך דאָ אויסען. די הויפּטזאך איז, אז איך ווינש גאר ניט צו מאכען פערזענליכע בעקאנטשאפט מיט וועמען עס איז, ווייל — אזוי שטעל איך מיר פאָר — יעדער האלט מיך פאר א „קרענק", פאר מיין ניט קענען אויסהאלטען צו שווייגען איבער'ן באַנקראָט פון דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקא: און פנים על פנים'דיגע דעבאַטען האב איך זעהר ניט ליעב. אזוי ווי אבער דיזער יונגער מאן איז אָנגעקומען ארבייטען אין דערזעלבער פאבריק, וואו איך ארבייט און מען האט איהם דערלאַנגט מיין ביכעל צום לע־זען, און איהם אָנגעוויזען אויף מיר, איז דאס בעהאלטען זיך שוין געווען אונמעגליך! — ביי דער בעקאנטשאפט האב איך זיך מודה

געוועזען אין מיין „משוגעת"; און אַנשטאַט מיך צו בעדויערן, איז ער גאר געוועזען צופריעדען פון דער בעקאנטשאַפט. אבער דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז געוועזען, דאס, ביים ערשטען צוזאמענריידען, האט ער מיר פּלוצים א זאג געטהון, אז ער האט מיין סקיצע „וואס איינעם קען זיך חלום'ען" געלעזען אויף דער שיף, פאָהרענדיג אהער, און זי איז איהם זעהר שטארק געפעלען! אויף דער פראגע, ווי אזוי איז מעגליך ער זאל האבען געלעזען דיזע סקיצע, ווען זי איז נאָך מיט יאהרען צוריק געוועזען געדרוקט אין דער „פּ. אַ. ש." און כ'האב זי קיינמאָהל קיינעם געגעבען צום לעזען? האט ער אויף דעם גאנץ נאַאיוו געענפערט, אז ער איז אהער געקומען מיט א יונגען מאַן, וועלכער איז אין אַמעריקאַ שוין איינמאָהל געוועזען, און דיזע סקיצע האט ער בעהאלטען און מיט איהר אוועקגעפאָהרען קיין אייראָפּאַ, און זי איז ביי איהם אזוי טייער געוועזען, אז ער האט זי, צוריקקומענדיג אהער, איהם, דעם ערצעהלער, געגעבען צום לעזען אלס אַ זעלטען גוטע זאַך. איך האב פאר איבערראַשונג דאס ניט געקענט גלויבען. ער האט מיר אבער אזוי ערנסט פערזיכערט אין דעם אמת פון דעם דורך מעהרערע איינצעלהייטען, אז איך האב עס געמוזט גלויבען.

איז אפשר ניט מיין בעוואוסטזיין אַם פּלאַטץ? און מיט אַ טיעפען ערנסט קען איך אויסרופען: אָה, ווען בלויז איינִיגע וועניגע געדאנקען האבען אזוי בעלויכטען די לעזער און זיי געמאַכט פאר מיינע פריינדע, — ווי פיעל ליכט, ווי פיעל אויפקלעהרונג וועלען מיינע אַנדערע געדאנקען אריינברייננען אין די מוחות פון הונדערטע אינטעליגענטע לעזער? און דאס אליין איז שוין דער בעסטער לוין פאר די, שרעקליכע ליידען, וואס איך האב געהאט ביז איצט, אדער וואס איך

וועל אפשר נאָך האבען, אָבוואָהל איך האָף, אז אין די אונטערדריקער'ס הערצער איז נאָך פאראן א פונק גרויסמוטהיגקייט און זיי וועלען מיך מעהר ניט אונטערדריקען.

אַ צווייטען אַפּעל

דאָ, ביי די פערזענליכע בעמערקונגען, ערלויב איך מיר צום צווייטען מאָהל צו בעטען הילפע ביי איינצעלנע גוטע מענשען. דער ערשטער אַפּעל אין מיין ביכעל האט געווירקט, אבער שוואך. דאס ערקלעהרט זיך דערמיט, וואס יאנאָווסקי האט זיך אונטערגעהיילט א ווינק צו געבען: „זעהט איהר דען ניט, אז ער איז אַ משוגע'נער?" איך וויל ניט פיעל ריידען וועגען יענעם אַפּעל, ווייל ער איז נאָך יעצט אזוי גילטיג ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק: יעדער איז געבעטען איהם נאָכאַמאָהל איבערצולעזען און א טראכט צו טהון וועגען די אומשטענדען, אונטער וועלכע מיר קומט אוים צו שרייבען און ארויסצוגעבען געדאנקען.

ווען עס זאל זיך געפינען כאָטש איין צייטונג, וועלכע זאל דערמאָהנען דיזען בוך — זאל עס זיין אין דער פאָרם פון אַן עהרליכער פערטהיידיגונג, אדער אין יענער פון אַן אנערקענונג, דאס מען האט אין מיר אַ טעות געהאט און דאס איך בין גערעכט — וואלט ניט נויטיג געווען אירגענד וועלכע הילפע. דער פערקויף אליין וואלט מעגליך געמאכט איך זאל קענען ווייטער אָנגעהן מיט מיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט, און דאס וואלט נויטהווענדיגער ווייזע אויך געמוזט ווירקען אויף דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור צום גוטען. עס גלויבט זיך מיר אבער ניט, אז דאס וועט זיין דער

פאל. די אומשטענדען זיינען זעהר אונגינסטיג פאר דעם. פון איין זייט שטעהען יאנאווסקי מיט'ן „פארווערטס" און זייערע שמייכלער, און פון דער אנדערער זייט דר. זשיטלאווסקי'ס נאציאנאליסטיש-און „פילאסאפיש"-געשטימטע פערעהרער: און איך צווייפעל, אויב ווער עס איז וועט וואגען ארויסצואווייזען א טראפען סימפאטהיע פאר מיר.

מען זאגט נאך יעזוס'ן, דאס ער זאל האבען געזאגט: „א קעמעל וועט גיכער דורכגעהן דורך דעם אויער פון א נאדעל, איידער א רייכער וועט אריין אין הימעל-רייך". אויף די פיהרער פון דער פראגרעסיווער בעוועגונג קען מען עס אזוי פערטייטשען: דער שטראם וועט גיכער לויפען בארג ארויף, איידער דיזע וועלען האבען דעם מוטה אנצוערקענען זייער טעות. וואלטען זיי יא מוטה געהאט, וואלט עס נאר געציינגט, אז איך אליין קען אין זיי א טעות האבען. עס שיינט מיר אבער, אז איך קען צו גוט די מענשליכע נאטור; און אונזערע פיהרער פון די פערשיעדענע גרופען פון דער פראגרעסיווער בעוועגונג האבען נאך דערוויל מיט קיין זאך געוויעזען, אז זיי שטעהען העכער פון דער געוועהנליכער מאססע: זיי זיינען צו פיעל אנגעזאפט מיט א קליינליכען, פוסטען שטאלץ, אום צו האבען מוטה אנצוערקענען, דאס אן ארימער פאבריק-ארבייטער קען זיין גערעכט. דארום מוז איך מיך ווענדען צו די אונפארטייאישע אינטעליגענטע לעזער: איך בעט אייך, פריינדע, העלפט פערשפרייטען דיזען בוך צווישען אייערע בעקאנטע! אפפערט, ווען מעגליך, עטליכע סענט און קויפט א גוטען בוך א מתנה פאר'ן בעסטען חבר; אפפערט יעדער צו עטליכע סענט פאר אן ארימען — אבער גענצליך אונאבהייניגען שרייבער. איך שטעה פאר אייך כעני בפתח און בעט: אפפערט עטליכע סענט, ווי

איך האב געאָפּפערט צייט און געלד, און איהר וועט שפּעטער זעהן, אז עס וועט ניט זיין אומזיסט.

ניט פיעל וויל איך פערשפּרעכען אין ווערטער; אבער אין טהאַ־טען, פּונקט ווי איך האב פראַנק און פריי ארויסגעזאָגט די געדאנקען ביז יעצט, אזוי וועל איך אויך ווייטער מיך ניט צוריקהאלטען ארויס־צוזאָגען דעם קלאָהרען אמת. העלפט, און איהר וועט נאך אפשר זעהן „וואונדער” אין אונזער אידישער פּראָגרעסיווער בעוועגונג אין אַמעריקאַ!



עטליכע טויזענד אינטעליגענטען ווארטען שוין מיט אונגעדולד אויף מיין ראָמאַן

אַ פערבערבער׳ס אידעאַל

און פיעלע אנדערע טויזענדער וועלען איהם זיכער לעזען, ווייל ער וועט אַנערקענט ווערען אלס איינער פון די אָריגינעלסטע קונסט־ווערקע אין דער אידישער שפּראַך. איך גלויב ניט, אויב אירגענד אַ שרייבער האט אזוי געשילדערט די ליעבע, ווי זי איז געשילדערט אין דיזען ראָמאַן. און אזוי שנעל ווי די אומשטענדען וועלען ערלויבען, אויב איך וועל נאָר ניט זיין געצוואונגען צו ענפערן אויף אַ נייע געמיינ־הייט פון די גרויסע, וועל איך איהם אנפאַנגען צו זעצען. איך האב אבער נאך אלץ ניט אויפגעגעבען די האָפנונג, דאס אַ פערלעגער וועט זיך מיט דעם ראָמאַן אינטערעסירען, בעפאָר איך וועל זיך נעה־מען צו דער ארבייט. זיי, די פערלעגער, דאַרפען וויסען, דאס אויי־סער דער מעגליכקייט, אז אַ נייער ראָמאַן קען זיי איינברייינגען מעהר פּראָפיט ווי זייער ליטעראַטור, קענען זיי פון זיך אראָפּנעהמען דעם שווארצען פלעק פון זייער פערברעכערישער טאַקטיק (ניט ארויסצו־געבען ווערקע פון נייע שרייבער), וועלכע העלפּט בעגראָבען טיעף אין ד׳ר׳ערד די אידישע טאַלענטע און שטערט די ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ.

די „יונגע"

זיי זיינען שוין גראָה און אלט געוואָרען, אונזערע „יונגע" ליטע־ראַטען, מאַכענדיג פּראָבעס מיט פערשיעדענע ליטעראַרישע אונטער־נעהמונגען, און דאָך לאָזט זיך עס אימער אויס מיט אַ מיאוסען און בעדויערנסווערטהען דורכפאַל. אין מיין ערשטען ביכעל האב איך זיי שוין איינמאָהל אַ ווינק געגעבען, דאס ווען מיר זאלען זיך פּעראיי־ניגען, וואלטען מיר געוועזן אַ שטאַרקע מאַכט געגען די „גרויסע"; זיי

האבען זיך אבער ניט צוגעהערט צו מיינע ווערטער. איך וועל דארומ־ מיך יעצט צו זיי ווענדען צום צווייטען און לעצטען מאהל מיט עטליכע קלאהרע ווערטער:

אייערע אלע אונטערנעהמונגען זיינען נאר דערפאר געווען א דורכפאל, ווייל אייערע אויערען זיינען געווען געציעלט צו הערען, וואס די גרויסע וועלען וועגען אייך זאגען. אויב איהר וועט אויפגעבען די פוסטע האפנונג, דאס די גרויסע זיינען אימשטאנד צו האנדלען אנ־ שטענדיג; אויב איהר וועט האבען דעם מוטה זיך צו פעראייניגען מיט מיר צו גונסטען פון דער אידישער ליטעראטור, אזוי, אז איך זאל אויך לעבען אייך קענען פערעפענטליבען מיינע נייע געדאנקען, דאן איז מעגליך אן ערפאלג אין אירגענד וועלכע ליטערארישע אונטערי נעהמונג. דער באדען איז פרוכטבאר; טויזענדער אינטעליגענטע יונגע לייטע דורשטען נאך אן ערנסט און אונאבהייניג ווארט אין דער אידישער ליטעראטור.

איך ווינש צו הערען עפעס פון אייך.

דער פרייז פון מיין ביכעל „ווערטער פון א ליטערארישען קרענק" איז 7 סענט — מיט פארטא 8.

אויב איינער וויל העלפען מיין ווייטערע ליטערארישע טהעטיג־ קייט און קויפען דיזען בוך פאר א פריינד, איז דער פרייז 50 סענט.

אלע קארעספאנדענצען און אנפראגען איבער ליטערארישע אנ־ געלעגענהייטען, קענען אדרעססירט ווערען אזוי:

J. SCHWARTZ,

1766 Sterling Pl.,

Brooklyn, N. Y.